STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00820

# DOS HOYZ FUN DI POSHETE

## Jacob Isaac Segal

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Jeffrey & Kathleen Rosen*
*in memory of*
*Rebecca Sprinsky Rubin*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דאָס הויז
# פון די פּשוטע

לידער פון
י. י. סיגאַל

מאָנטרעאל
1940

Copyright by J. I. SEGAL
Montreal, Canada
1940

געדרוקט אין „קענעדער אדלער" דרוקעריי, מאנטרעאל, קאנאדע

עלקע׳ז

# ערשטער טייל

# קערנער ליכט

איך דו האָסט ווי אַ יונגע בין
איבער דיין זומער האָניק אָנגעקליבן.
די שעה אין פענסטער זילבערט, די פּען איז דין,
און דין די שורות ליכטיקייט פאַרשריבן.

און — פּלי'סט אַרויס אַ לעצטן, לעצטן מאָל
איבערן פעלד. די ריטלאַך ליגן איינגעפאַלן.
און אין די גרויע קוסטן אַ פאַרטייעט קול,
און געלע גראָזן ווי פאַרלאָשענע שטראַלן.

פּלי'סט צוריק. שטיל־וואַרימע פיר ווענט,
און די דערמאָנונגען איבערן באַלקן זשומען.
און וויכע, גוטע, קושנדיקע הענט
האָבן געטריי דיך פאַרן האַנט גענומען:

איך וועל דיך דורכפירן דעם בליענדיקן וועג
נאָך איינמאָל און — דו וועסט צוריקגעפינען
אַן איבערבלייב פון די פאַרצוקטע טעג,
אַ גאָלד־פלעק פון די אויסגעלאָשענע זונען.

אַ קראַנקן קלאַנג פון וואונדערלאַכן ליד ,
וואָס האָט נאָך נישט געקאָנט ביז איצטער שטאַרבן. —
פון אונטער טויזנטמאָל פאַרזאַמדיקט גרויע טריט,
אַ צאַנקענדיקער פונק פון יענע פאַרבן.

און שטיקלאַך זון, און שטיקלאַך זאַנג און קלאַנג,
וואָס זיינען נאָך ביז איצטער גאַנץ געבליבן —
געוואָרט ביז דו האָסט אויף דיין לעצטן גאַנג
זיך איינגעבויגן און צונויפגעקליבן.

# דער משל

דאס ווארט ברענגט א גאלדענעם משל צוטראגן.
וואו האסטו, ליב ווארט, דעם משל געהערט ?
צוויי אלטינקע פויערלאך אויף א נאקעטן וואגן
פארנאכט אויף די וועגן צווישן הימל און ערד.

צוויי מאגערע פערד זיינען פאמעלאך געגאנגען,
צוויי ארימע מענטשן האבן רואיק געשמועסט.
און די זון איז אין וואלד רויט און וואונדיק געהאנגען
אזוי ווי דער ווידער אין דארנדיקן קוסט.

ווייט אין טאל זיינען די אייביקע דערפער געלעגן
אין דער רואיקער הייליקער שעה פון סוף־טאג.
און די שטילקייט פון אלע פיר־וועלטישע ברעגן
האט גערעדט און גערעדט און — ווער ווייס וואס זי זאגט ?

אז איטלאך קליין גראז, שוין אפילו אין דארן
אין פארצוקונג פון טויט — איז פארנומען מיט זיך.
און די לופט שמעקט מיט גאלדענער רייפקייט פון בארן
און מיט וועקסענעם טשאד פון זיך לעשנדיק ליכט.

צוויי קנאכיקע פנימער, צוהארביקטע פלייצעס
אין דער חכמה פון יארן און יאך אויף דער ערד.
און די זיבעציק געבורטן פון קארנס און ווייצן
אונטערן טוי פון דער האנט, אונטערן טראט פונם פערד.

א ווארט, כ׳וועל דיין גאלדענעם משל דערציילן
אז אלט אלטער משל ווי דאס קליין רעדל פעלד
וואס מיר קאנען זיך אלע נאך נישט קינדערש צוטיילן
אויף דער זוניקער גרעניץ פון דער טרויריקער וועלט.

# די אָרימעלייט

די הערלאַכע וועלט פון דיינע אָרימעלייט דערקענען, —
שלייף אויס מיין אויג אַז איך זאָל קאָנען גיין
דורך זייער מדבר אווו די דאָרנס ברענען,
צו זייער טיפער לויטערקייט דערגיין.

זייער אומעט — שאָטן איבער שטויב און שטיינער,
זייער האַנט אין שאנד — אַ טריקנדיקער מום,
און זייער טאָג — צוגריזשעטע צעוואָרפענע ביינער
איבער די פרעמדע שוועל־און־טירן אומעטום.

טיף די הייל פון זייער וויסטן שווערן ליידן
וואו איטלאַכער פאַרווינקלט זיך מיט זיך אַליין.
דאָס דינע וידוי־מעסערל טוט שניידן, שניידן
די זיבן הויטן ביזן ווייסן נאַקעטן ביין.

מיין נידעריק געבעט: זאָל זייער לייד אויף מיר טאָן פאַלן
אַ רויטע זאַלבונג אויף מיין וויסטן קאָפּ.
פון זייער אויג די בלוטנדיקע שטראַלן
איבער מיין לייב אַ פייעריקער דערנער סנאָפּ.

# דאָס ליד פון גליק

ס'איז דאָס גאַר־אַלטע ליד:
די ליבע איז זייער אָרים.
איר שטיבל איז פון ליים,
דער דאַך פון גרויען שטרוי.
דאָס איינציק פענסטערל איז וואַנט
איז זייער שמאָל און קליין,
און קוקט אויף די ליידיקע ווייטן.
נאָר די וואָס וואוינט אין איר,
וועבט פון דער גרויקייט זיידן,
און שפרייט זיי פאַר דער טיר.
אַ קעניג, קעניג מיינער,
ווי לאַנג וועסטו נאָך וואַגלען,
דער קאַלטער ווינטער נידערט שוין אַראָפּ
אויף מיינע בלייכע האָר.
לאָז אָפּ דיין זוכן אוצרות,
קום פון דער ווייטער וועלט צוריק
אָן גליק און אָן מתנות.
קום אָן מיט ליידיקן,
קום אָן מיט ליידיקע הענט.
קום אין צוריסענע קליידער,
קום מיט פאַרשטויבטע פיס.
אַ קעניג, קעניג מיינער,
לאָז אָפּ די וועלט ־און וואַגל,
קום צו מיין שוועל צוריק.
כוועל דיר אַנטקעגנלויפן
דורך אַלע גאַסן און הויפן,
איך וועל דיר אויסטאָן פון טרויער,
און דעם שטויב פון גרוי און מידקייט
פון דיר אָרונטערבלאָזן.
איך וועל דיר די קליידער פאַרריכטן,
און דאָס נישט געבראַכטע גליק.

און די נישט געבראכטע מתנות,
וועל איך נעמען פון דיינע הענט.
און די נישט־געפונענע אוצרות
וועל איך טיף, וועל איך טיף באהאלטן
אין אונזערע פיר קליינע ווענט,
אונזערע געטרייע ארימע ווענט.
א קעניג, קעניג מיינער.

*
* *

עפנסטברייטער מיין אויג
און די וועלט ווערט דערהויבן.
מיינע טעג — איז א שטייג
ווייסע רואיקע טויבן.

אין דער שטייג — פרייע וועלט,
ניט קיין ברעג צו דערגרייכן.
ברייטע ערדן מיט פעלד,
טיפע הימלישע הויכן.

און די רו אזוי קלאר,
אזוי זיכער דער שלום
מיט אלץ וואס איז וואר,
און מיט אלץ וואס ווערט חלום.

# צום ליד

אויך דו, מיין ליד, ביזט נאר אַ ווייט געדעכעניש
פון נעכטן — אויף אַ הויכן גרינעם באַרג.
דיך וועט דער דור פון מאָרגן אויפמישן
אינם פאַרוקטן און פאַרזעענעם בוך פון ווייטע כראָניקעס.
ס'האָט איטלאַכער זיין חלק אינם בנין וועלט.
געצאָלט מיטן ריינסטן גאָלד פאַר טעותן צו גאָט און שווערד
צו געץ און שד און שטויביק הייליקטום.
און איטלאַכער האָט דאָ געלאָזט נאָך זיך אַ צייכן אויף דער ערד:

אַ פאַרפלאַנצטן מאָרגנדבוים,
אַן אויפגעאַקערטן ביים מדבר פאָרן דור
וואָס האָט זיך שווער און מיד געשלעפּט
איבערן בייזן חורבן־וועג
אונטערן לויער־אויג פון שונא.

און איינער האָט אין וויסטן חושך פון דער נאַכט
געבראַכט אַ ליכטיק האָפנונג־וואָרט
אין די פאַרלאָשענע שטיבער.
געזעסן מיט די טויט־דערשראָקענע ביז בלויען אינדערפרי
און איין אַליין דורך פעלדער חרובע, מיד, צובראָכן —
אַ קראַנקער הונט צו זיך אין הונגער־דאָרף דערקראָכן.

מען האָט אַרומגעזוננגען די פיר זייטן פון זיין אָפענער גרוב:

דער פאָטער פון ביטחון,
דער הערלאַכער טרייסטער
פון יעדער נידעריקער שטוב,
דער גוטער און פשוטער לערער
פון די אָרימע גאַסנקינדער.

דאָס זיינען אויכעט גרויסע וואונדער
אין די פאַרשאָלטענע, פאַרוויסטע טעג
אויף אונזער קראַנקן ברעג.

*
* *

איך קערווע מיינע טעג צום מילדסטן שטילסטן ברעג.
מיין פרייקייט — אנהאַלטן מיט ביידע הענט
מיינע פיר נידעריקע גרויע ווענט:
אַ שומרים פון מיין לעצטן גרעניץ,
כ׳וועל אייך היטן און באַשיצן.
כ׳האָב אין אייער הערץ און פאַרשוויגן
אנגעקליבן מיין אוצר שיינקייט, חכמה,
ווי מען קלייבט־אָן די פרוכט וואָס פאַלן פאַרטיק־נאַכגיביק
אין פאַרביקן שטרוי־קויש פון די צווייגן.
אַט ריכט איך אָפּ איצט מיט מיין ליד מיין שפּעטן אוונטמאָל.
פיר שכנים קומען אין מיין טיר, אין מיין באַרוטער שעה
וואָס גאַלדיקט פול ווי אַ גלאָז וויין,
צו טרינקען פרידלאַכע ברודערשאַפט
לכבוד אונזער אויסלעבן אַ גרויס שטיק וועלט
אַז טיפע קיך־צייכנס אויפן שטערן.

כ׳הויב־אויף דאָס גלאָז מיטן פייערלאַכן געטראַנק
פאַר אונזער גרויסן טרויעריקן זכות,
פאַר אונזערע לעצטע כוחות
זיך אַנהאַלטן אַז פינטל צאַנקענדיקער שיינקייט
אין אַט־דער שווערער אומהיימלאַכער שעה
וואָס הויערט איבער אונזער דאַך —

אַ שטומע אַלטע קראָ.

*
**

...און מיט גארער וועלט ביז איך צופרעמדט
און אויך צו דיר וועל איך שוין קומען א געבויגענער,
אראפגעריסן פון מיין קאפ דיין קראנץ פון שטאלץ,
דאס ליכט וואס פלעגט אויף מיר אראפשטראלן
ווען כ׳האב געווענדט זיך צו דיין טרעפ.
איך האב געשמידט פאר דיר אן אנדער שפראך,
און וואו א גרוי פראסט ווארט אין גאס, אין אש
פון שטויביקער פארשעמטקייט אויפגעהויבן.
איך זוך אויף אלע הינטערוועגלאך רו,
אין אלע טונקלווינקלען פון א מיסטיש בוך — א סימן טרייסט
פאר די וואס האבן זיך פארנומען אויפן ארים־וועג,
וואו העכער דריי חלקים וועלט איז פעלדער זאמד.
זיי טרוקענען ווי דארנס אין די רויטע תמוזן
און שטרעקן האפנונגסלאז די הענט און קעפ,
ווייל רעגענער טריפן פוילן חוזק איבער זיי.
אויך איך בין איינער פון דידאזיקע.
דאס ביסל לעבן וואס איך טראג אין זיך
ווערט אפט נאך זיסער ווייַן און פריידיק גאלד,
און איז דער שפארע איינזאמקייט,
פארשפארטער קליינזאמקייט,
בין איך דער קעניג דוד פון געזאנג.
כאטש וואס איך האב געזען, געהערט, געהאט
איז ווייניק און מיין טיפער הונגער איז ניט זאט,
נאר כ׳האב פון ווינציקסטן, ווי פון א דראבנעם קערן,
געקאנט ארויסוואקסן, ארויפוואקסן אין בליאונג און אין ליכט,
און זיך צושפריצן פון דער פינסטערניש אין הימלען שטערן.
און וואו די אומזיכערע נאכט האט מיך געפירט
האט קיינעם ניט דער ברייטער אפענער טאג געבראכט.
האב זיך שוין זיבן מאל פון מיין פאראיינזאמונג ארויסגערוקט,
געמיינט: איך קאן שוין ראוי זיין זיך ווייזן ערלאך
פארן פנים פונם פראסטן פאלק.

האָב זיך צו איינעם וואָס כ׳האָב אָנגעטראָפן אויפן שליאַך
מיט קינדערשער פראָסט־היימישקייט געווענדט:
מיך האָבן נישט קיין גדלותדיקע ספרימלאַך פאַרפירט,
און אייער שפּראַך איז מיין שפּראַך.
קיין פּעט־הנאָהס האָבן נישט מטמא געווען מיין לייב.
און נאָך, און נאָך האָב איך פאַרענטפערט זיך.
ער האָט מיך אויסגעהערט, מיטן קאָפּ געשאָקלט:
אַצינדערט זיינען אַנדערע דאָרט דאָ.
האָסטו מיט וואָס צו שטילן צאָרן?
און זיי האָבן דעם צאָרן ווי אַ הונגעריקן הונט געכאַפּט,
און רייצן אים מיט ערלאַכער אכזריות.
האָסטו מיט וואָס צו שטילן הונגער?
און זיי האָבן דעם הונגער ווי אַ משוגענעם הונט צורייצט
און אַלע הייליקייטן זיינען אויפן שייטער.
וועסט קומען שפּעטער, שפּעטער.
ווען?
ווען אַלע אַלטע און נייע קלויסטערס
וועלן זיך אָפּליידיקן און איינשטילן.
ווען די פּאַלאַצן וועלן אַליין זיך אָפּגעבן די חורבהס.
ווען די געבליבענע, בלייך־אויסגעזינדיקטע פּני
וועט דאַרפן טרייסט אויף זייערע מידע ברעמען.
און דער פאַרשטאַנדיקער, דער גוטער זקן
וועט שווייגן מיט דער תמימות פון אַ קינד,
פון טויזנט שוואַרצע פּחדן דערשראָקן,
נאָך טויזנט שוואַרצע פּחדן באַרויִקט.
וואָס ווילסטו, אַלטער?
מיין גוטע לעצטע נאַכט באַגעגענען.
מעג שלאָקסן, האָגלען, רעגענען.
איך וועל אַנטקעגנגיין מיין אַלטן אויסלייזער
און לאָזן הינטער זיך די אינגסטע פרילינג־בליצן
אויף דעם זיך־לייטערנדיקן פרישן הימל
איבערן דעם שימלדאַך פון מיין פאַרלאָשן שטיבל.
אַז פאַראיבל.

# אַרום זיין טיש

אַרום זיין טיש די אָרימע אַפּאַסטאָלן
אויף יעדן רוט זיין ליכט און העלט.
אין ווינקל וואַנט, דורך אַ שויב אַ שמאָלער,
גליט דער זונפאַרגאַנג פון אַ מידער וועלט.

דאָרט שטאַרבן פעלדער אין די ברייטע טאָלן
און לעשן זיך ווי אויגן אויס.
עס בייגן זיך שטיבער, עס טונקלען שטאָלן,
דער פאַרנאַכט פון דער וועלט איז שווער און גרויס.

דינע, ווייטע קוים־געהערטע קלאַנגען
ציטערן הויך, — וועלט־אויס, וועלט־איין.
די ערד ליגט אין אייגענער אימה געפאַנגען
צאַנקט און פאַרגייט און קאָן ניט פאַרגיין.

ער הויבט זיינע אויגן אויף מיט פרומקייט.
די פרומע מסיבה בייגט איין דעם קאָפּ.
אין לויטערקייט, אין גאָטספאַרכטיקער שטומקייט
אויף זייערע רוקנס, ווי אויף זיכערע טרעפּ

טרעט פּאַטערלאַך דאָס וואָרט פון זיין צוואה
און ס׳בייגן זיך נישט זיינע דינע קני.
אין ווינקל וואַנט, דורך דער שויב דער שמאָלער
גליט שוין אויף דער פונק פון אינדערפריה.

# פון אומהיימלאַכן . . .

פון אומהיימלאכן ווערט מיר היימלאך,
פון שפּעטן טרויער שפּילט מיר פרייד.
דער פריער פראָסט אויף יונגע ביימלאך;
סעפּטעמבער־ליכט ביים בית עולם פלויט.

קינדער אין די אָרימע פענסטער
אין אַלטע שטיבער הינטערן שטאָט.
און איך אַליין — דער גרוי׳סטער, קלענסטער
אין שטומער מורא פון פאַר גאָט.

כ׳באַהאַלט זיך אונטער דער ברייטער פאַלע
פונם בעל שם אין מיין געבעט.
כ׳קוק נאָר מיין שכן דעם בעל עגלה,
און הער זיך אונטער ווי ער רעדט.

און נאָר די זיכערקייט די ברייטע
וואָס קלינגט מיר פון זיין ערלאַך קול,
קלאַפּט וואוילעריש מיר אין פלייצע: שוטה.
די וועלט איז וואויל נאָך ווי אַמאָל.

כ׳האָב זיבן ביי־טשן שוין צובראָכן
איבערן מזלס האַרטער פעל.
די וועלט איז וואויל און דער ביטחון
טוט תמיד היטן מיין אַלטע שוועל.

# דאָס הינטערווייטערטע

אפילו איבערן שוועל פון אַלטע ספרים
גיי איך אויכעט בעטלען, בעטן אַ נדבה.
איך קאָן דאָס הויז פון עמוסן, דעם דאָרפישן נביא;
די שוועל אַוואו דער אומעטיקער כהן עלי שאַטנט.
הינטער מיין פלייצע הער מורמלען שטילערהייט:
ווער איז ער דער משונהדיקער אָרימאַן?
נאָר מיר גייט ווייניק אַן דאָס טונקעלע גערייד,
און כ׳גיי דורך די תנכישע בלויע שטעט,
באַטראַכט די אַוונט־גאַסן פון אַן אַלטער אידישער וועלט.
איך, דער היינטיקער־ניט־היינטיקער, ווי אַ בוים אין פעלד
אַ לעצט־געבליבענער פון אַן אַמאָליקן וואַלד.
בין יונג ווי אינדערפרי, ווי דער פאַרנאַכט — אַלט,
און כ׳לעב דערמיט וואָס איך האָב שוין אויסגעלעבט,
אַן אומעטיקע עשירות — אַ נזיר אין אַ הייל, אַליין:
קוק פון דערווייטערונג איבער דער וועלט אַרויס:
דידאָזיקע ווייטע וועלט דאָרטן, איז זייער שיין,
דידאָזיקע קליינע ווייטע וועלט דאָרטן — איז זייער גרויס.

# בעל שם טוב־בעטלער

פעדים־פעדימווייז וועסטו מיך אויפלייזן,
ביז יעדן טאָג אַ גאַסט ביים טויט אין הויז.
קום איטלאַד מאָל מיט רואיקערע ווידויים,
און גיי פון דאָרטן רואיקער אַרויס.

כ׳בין גאַסט און נאָענטער אין זיינע אוהלס
נאָד אייגענער צום שטיין ביים פייכטן פלויט.
דאָרט וואו אַ בעטלער רוט איז הייליקער,
איז הייליקער די רואיקייט פון טויט.

די אויסגעשטרעקטע האַנט, די בעטלער־אויגן,
די וואַגלענדיקע טריט — שטעלן זיך אָפּ.
דער שטיין איז נידעריק און נידערט, נידערט
איך שווייגנדיק געבעט צום שטיין מיין קאָפּ.

(זיי זיינען וויסט און איינזאַם אָפּגעגאַנגען
בעל שם טובס אַן אַ דור און אַן אַ וועג.
און קוים דערשלעפּט זיך דאָ צו זייער תיקון
צום אומעטיקסטן, שאָטנדיקסטן ברעג).

איך טראַכט מיר אויס אַליין זייער לעגענדע
אַ פשוטע, אַט ווי עס פּאַסט פאַר זיי.
אַן איינגעהויקערט שטיבל הינטער וועגן —
אַן אומעטיקער בוים אין פעלד און שניי.

אַ וועגל ליים, אַן אויסגעמאָגערט פערדל,
נאָר נישט קיין מעזשבוש גייט־אויף זייער שליאַד.
און מיט קיין בשורות לאָזן זיך נישט פליען
די ווייסע טויבן איבער זייער דאַך.

נאָר דער וואָס איז אין מעזשיבוש פאַרפאַרן
איז זייערע אַ ברודער, פון איין אָרט.
און אַלע זייערע בשורות האָבן געזונגען
אין זיין געאַכפּערט און געהייליקט וואָרט.

# לעגענדע : ברויט

די גאַס האָט מיר אָנגעטאָן שטריק אויף די לענדן,
די שטריק זײַנען הייליק.
כ'קום צוגיין צו דער ביטערער וואָר,
בעט מײַן ליכטיקן חלק,
מײַן חלק לעגענדע.
און בײַם וואַכיקן טיש נאָכן מאָגערן מאָלצײַט
זיצט די איידעלע זון אויף איר טראָן אין מײַן פענסטער.
מײַן מיטוואָך, מײַן מיטוואָך, מײַן יום־טוב מײַן שענסטער.
אַ גרויס איז דער חסד וואָס מיר ווערט געטאָן
הײַנט און נעכטן און תמיד.
צו שפּינען דאָס זײַד פון מײַן ליד
אויפֿן שפּינראָד פון אומעט.
איך וועל זיך דאָ סופֿכלסוף קאָנען דערדינען
צו דײַנע אָרימע שוסטערלאַך, מאַמעשי חסידות.
כ'וועל אויפשטיין קאַיאָר,
ווען אין הימל די שטערן נאָך גרינען,
און לערנען־טראַכטן, און לערנען־קלערן
פון גוטסקייט און ערלעכע מידות.
דו האָסט מיר געעפֿנט דאָס ספר פון גאַס
מיט די שורות געוועלבלאַך
און וואָגנס און טומל און כעס.
און כ'לערן פון אַלעמענס ווערטער,
פון אַלעמענס שווײַגן און אויגן.
פון קינדער ווי שוואַלבן,
פון פֿלײצעס פאַרשטיינערט, צובויגן
פון מידקייט — אַנידערצופאַלן
ווי צום שוועל פון אַ היים
אין טויט־שיכּרות פון עלטער.
אַ דורכגיין איין טאָג דאָ
פון זען און הערן,
און נישט אײַנגאַנצן צובראָכן ווערן

פון ווײ און געשרײ און פון זאָרגן.
אידעלאַד־מענטשעלאַד גײען אַהײם מיטן פאַרנאַכט,
בּרויטעלאַד אונטער די אָרעמס — אויף מאָרגן.
דאַסדאַזיקע, טאַטע בעל שם טוב,
דאַסדאַזיקע איז אויך לעגענדע,
און קלאַפּט אויפן פידל פון ניגון מיט ליכטיקע פינגער:
אַבּי נאָר דאָס בּרויטעלע איז שוין דאָ אנגעגרייט,
וועט שוין דער מאָרגן צום בּרויטעלע קומען.
גאַנצפרי וועט ער קומען,
און וועט אויפן טיש אים אַרויפלייגן:
בּרויטעלע, בּרויטעלע טו־זשע זיך לייגן.
בּרויטעלע לייגט זיך אַוועק,
און מען טוט עס צושנײדן
זיצן די קינדער און קוקן מיט פרייד —
דרײ קלײנע מלאכים־שלוחים,
גאָטס זון שטײט בײם פענסטער פונוויטן.

# מײַן ברודער שמאַי אײַלט . . .

מײַן ברודער שמאַי אײַלט, זײַן קאָפּ װערט גרױער
און דינער זײַן גוף אַזױ װי אַ זײל.
און איך טראָג שטום מײַן געבױגענעם טרױער
אױף מײַנע טױזנט קרומע װיסטע מײל.

מײַן ברודער שמאַי האָט דרײַ הױפּנס פליכטן
און שליחותן אױך דאַכט זיך אַ סך.
און איך? װאָס כ׳האָב געהאַט צו פאַרריכטן
האָב איך פאַרריכט אַ שעה פאַר נאַכט.

און גרײט געװען — אַ מאָך אַ גרינגען
מיט דער רעכטער האַנט צו גאָר דער װעלט.
קײן קלױסטער האָט אפילו נישט אױפגעקלונגען
און כ׳בין שױן געװען אױפן שטילן פעלד.

אַ רואיקער טאָג. די דינע גראָזן װעלקן
די בױמער און בײמלאַך רוען שטום און גרױ.
אין מערב נידעריק אַן אײנציקער װאָלקן
אין שפּיגל פון קלאָרן פאַרנאַכטיקן בלױ.

מ׳הערט נאָר דאָס מילדע אָנקומען פון אָװנט,
אָ, אָװנט ברודער, גיב אַהער דײַן האַנט.
און אַלע פיר װײַטן פון דער װעלט װערן נאָנט
בײַם בלױען גרעניץ צום נאַכטיקן לאַנד.

# איך

איך מיש זיך אויס מיט פרעמד און שטויב און שטעט
אין די געזעמלהייזער וואו די שלעפער קומען.
פאַרקריך נאָך טרייסט אין אַלטע ספרים־נאַרעס,
זיץ דאָרט ווי אין תפיסה ביי אַ שפּעלטל פענסטערל
און וואַרים דאָס פאַרוועלקטע פנים ביי אַ שפּליטער זון
וואָס פאַלט אַרונטער ווי אַ בלאַט פון ברעג פון טאָג.
איך שעלט מיין שעה פון רו, מיין רגע פון באַפרידיקונג
מיט די חנעוודיקע שורות ליד און באַריש־קלוגע צוזאָגן,
אַז אייביק, אייביק וועלן זיי לעבן
אונטער דער גרויער חתימה פון מיין דאַרן פינגער.
און דאָ קומט מיר איין אויג און איין געדאַנק אונזער פאַרהונגערט
שטיבל.
איך הער: דו ציילסט דאָס ביסל טרויריק קופּערמינץ אין
פינסטערן טישקעסטל.
איך זע: דו גלעטסט די קינדערס קליידלאַך מיט אַ פרומער
האַנט.
אויף דיינע באַקן זיינען לאַנג שוין אויסגעלאָשן אַלע כעסן,
בייזקייטן,
אין די קליין־איבערבלייבענישן פון דער שטוב
געפינסטו טרייסט און שיינגענאַר און זעסט מיך תמיד פאַרן בליק
ווי כ׳גיי איבערן וועג פון שטאָט צו שטאָט מיט דיינע בענטשונגען
מיט דיינע וואַרימקייטן, ליכטיקייטן אַרום זיך.

# די נאָענטסטע

זיך אָפּגעשיידט שוין לאַנגע יאָרן
פֿון אייגענע און נאָענטע פֿרײַנט.
אין הייליקער פֿאַרבאָרגעניש ליגן
די ליכטיקע נעמען נאָך עד־היינט.

אין אייביקער פֿאַרבאָרגעניש ליגן
אין רו פֿאַרוויגט און אײַנגעהילט
די פֿרי פֿאַרשטאָרבענע און לויכטן
נאָך דורכן טויט מיר גוט און מילד.

און וואו איך גיי איז זייער סטעשקע,
און וואו איך קום איז זייער ליכט.
אַ טרעף מיך, טויט, אויף זייער סטעשקע
און לעש מיך אויס אין זייער ליכט.

# ווער ווייס?

ווער ווייס, צי וועסט דערבויען
וואָס דו האָסט אָנגעהויבן.
איין שעה נאָך די באַנייאונג,
איין גוטער טאָג — איין גלויבן.

און לאַנגער וועג פון מיילן
דעם נאָענטן צו געפינען
דיין וואונדער אים דערציילן
ביז נייעם טאָג־באַנייען.

אַ גרוס די וויַיטע טאָלן,
די דערפלאַך אויף די וועגן,
די קולות, ווידער־קולן
פון וואַלד און העק און זעגן.

מען וועט דאָ אַלץ דערבויען
וואָס דו האָסט נישט פאַרענדיקט.
און אויך נאָך דיר וועט בלויען
איבערן מאַרגנד־הימל
אַ שטערנדל לעגענדע.

# נאָך דער דריטער סעודה

האָב אָפּגעריכט מיין דריטע סעודה,
מיין טיש איז אָרים, מיין טיש איז ריין.
און מיין פאַרנאַכט־שעה אַ באָרוטע,
און נאָר איין חבר קומט צו מיר צוגיין.

דער שטילסטער מענטש פון גאַנצן ישוב. —
כ׳האָב אים באַגעגנט אויף מיין וועג
וואו דער אָקטאָבער צינדט זיין כישוף
אין לעצטן גאָלד פון זיינע טעג.

ער זעצט זיך ביי מיין טיש אַנידער
און זילבעריק־קלאָר זיינען זיינע רייד,
און דורכזיכטיק־פריש ווי זיינע שורות לידער
פון ערשטן אָטעם פראָסט פאַרוויייט —

אַ בוך פון איינגעשטילטע געזאַנגען,
ער לייענט, פרייט זיך ווי אַ קינד.
נאָר כ׳זע אים דאָרט, ווי ער איז פאַרגאַנגען —
אַ קראַנקע זון אין רויטן ווינט.

אַ ליכטיקער טרויער רוט אין זיינע אויגן
און פיבעריק ציטערן זיינע הענט.
ווי דער פאַרנאַכט אויף דאָרע צווייגן
גאָטס עלנט שרייט, גאָטס עלנט ברענט.

איך זע אים אין דאָרנקוסט פון די לידער —
אַ הערשט פאַרגאַפּט אין זיין געפאַנג.
דער רויטער זונפאַרגאַנג גליט מידער
און דינער זיין גינגאָלדענער קלאַנג.

# מיט וואָס?

מיט וואָס, אוי, ברידער מײַנע, קאָן איך דען
אונזער אַראָפּגעבויגענעם שטאָם באַשײנען?
בין שוין אַ האַלבע וועלט־גרויס אויסגעוועזן
און קאָן זיך צו איר גרויס און פרעמד נישט צוגעוואוינען..

פֿאַרמשפּט מיך און — לאָזט מיך שטיל און קלײן
ויך נאָכשלעפּן נאָך אײַער שאָטן דאָ אַ גרויער.
אַ שעה נאָך אײַער אָפּגײן וויל איך אויך פֿאַרגײן,
און אײַנזאַמלען מײַן אָרים געביין אין אײַער טויער.

אויב איר האָט מיך מיט אַ שליחות אויף דער וועלט געשיקט,
האָב איך די שליחות נישט געקאָנט דערטראָגן.
מײַן טריט איז וואַקלענדיק, מײַן גורל אומגעשיקט,
מײַן וואָרט קאָן שטילערהייט נאָר אַ גוטמאָרגן זאָגן

דעם ישוב דאָ אין טאָל. און — נישט דערהויבן הויך
צו גאָר דער וועלט —אַז אַלע זאָלן פֿאַרנעמען.
כ'האָב ליב דאָ די אַלט־היימלאַכקייט פֿון קוימען־רויך
און דאָס פֿאַרנאַכטליכט, ווי אַראָפּגעלאָזטע ברעמען.

אפשר האָב איך גאָר פֿאַרזען דעם שפּיץ פֿון באַרג
פֿאַרזען זײַן הויכשײנקייט, זײַן גאווה נישט פֿאַרנומען,
און בין אים זײַטיג דורכגעגאַנגען, רואיק, שטאַרק,
און גאַנץ מיט זיך אין פֿאָטער־טאָל צוריקגעקומען.

# ליד

אין דעם זיסן קוביק האניק
ליגט דער קערן גיפט.
אונטערן גאלד פון מיינע לידער
ליגט די ביטערע טיף.

שייך־לעגענדע, זינג מיר, זינג מיר
דורך דיין וואכיקער שטייג.
זיבן טונקעלע קעלער סודות
האט דאס שטילסטע אויג.

כ'שיק א ווארט דיר, א שליח:
קום אמאל צוגייך.
כ'לעב אין ווייטסטן הינטערגעגנט,
שטיל איז דארט און שיין.

אלע שטיבער בייגן זיך שוין
ביז צום טויטן שטויב.
ס'פליט דא אן, ווער ווייס פונוואנען ?
ווען ניט ווען א טויב.

ס'לויפט ארויס, ווער ווייס פונוואנען ?
ווען ניט ווען א קינד.
אז די שטיבער זיינען זקנים,
פענסטער מיד און בלינד.

נאר דאס הויפל האט א בוימל
איז עס קליין און דין.
כ'ווייס נישט וואו עס נעמט נאך כוחות
זומער ווערן גרין.

אז עס טוט זיך אן אין ווייסן

אין דער ווינטער־קעלט,
זע איך אים — מיין טויטן טאטן
איינזאם אין דער וועלט.

האט זיך דא ביים גארטן־פלויטל
קליין אוועקגעשטעלט,
ליכטיקן און קלארן עלנט
אויף דער קאלטער וועלט.

שטייט דעם רוקן איינגעבויגן,
וויגט זיך אויפן ווינט.
לעבן אים א שנייאיק בערגל,
שלאפט דארטן א קינד.

שטייט ער איבערן ווייסן בערגל
און ער וויגט זיך אום.
ווערט די קאלטע זון ארום דארט
הייליק, ווייס און פרום.

# און איך האָב אַ ליד געשריבן...

שעה פון קליינינקע גענאַדן,
לויב פאַר יעדער רגע טאָג,
וואָס מיין גוף איז שווערבאַלאָדן
מיט אַן אַלטן גרויען ראָק.

באַטש ס׳איז לאַנג אַוועק דער ווינטער
און אויף בוימער פּיקט דאָס גרין,
אויפן קלויסטערשן צילינדער
קומט אַ נייע טויב צופליִ׳ן.

נייע טויב און נייע בלויען,
מיר אויפן געמיט אויך ניי.
(ווער טוט דאָרט אַ נעסט זיך בויען
פונדאַסניי שויז, פונדאַסניי?)

גישט קיין זיכערען טראַט געגעבן
אויף דער ערד נאָך ביז אַצינד.
אויפגעקליבן בלעטלאַך לעבן
ביי לבנה, נאַכט און הינט.

און ביים וועלקנדיקן זשאַוואָר
פון די שפּעט אָקטאָבער־טעג.
און ביים בעסטן, שענסטן חבר —
האַלצהעקער מיט האַק און זעג.

און ביים מעשה־בוך פון חסידות:
גאָלד־שיריים אונטערן טיש.
ביי דער גוטער מאַמע אידיש
אַלט־ניגונים, ניי און פריש.

און איך האָב אַ ליד געשריבן,
ב׳וויים: ס׳וואַרט קיינער ניט אויף דעם.
לייכט עס שטיל אין מיינע שטובן —
יאָרצייטליכט נאָכן בעל שם.

# היט מיך, גאָט

אַ היט מיך, גאָט, פון גרויסן אוצר,
ווי וועל איך אים אַהיים פאַרטראָגן ?
דעם נס פון קלאָרן גרויסן אמת
פאַרוועמען וועל איך אים קאָנען זאָגן ?

כ׳האָב אים דערהערט אין אינדערפריען
מיט זוניקע פינגער אין לאָדן קלינגען.
און ווערטער, זילבעריק ווי די שטערן,
האָבן אין מיין לייב גענומען זינגען.

בין איך צו די חברים געלאָפן,
און זיי גענומען אויסדערציילן.
זיי האָבן פון מיין גוטער סעודה
געגעסן, געטרונקען, געלאָזט זיך וואוילן.

אַ בעטלער מאַכט אַ פרומען מאַלצייט
און רופט צונויף זיינע אביונים.
בין אַזאַ שטיל־פאַרוואונדערט אינגל
און מיינע געסט — גרייז־גרויע זקנים.

פון מעזשבוש, קאָרעץ און באַרדיטשעוו
צונויפגעפאָרן זיך אויף וואָגנס.
דער גוטער ווייסער שפּאָלער זיידע
איז נאָך געקומען פריי־פאַרטאָגנס.

כ׳האָב אויך געוואוסט — אין הינטערקאַמער,
ביי די פאַרמאַכטע טויערן־שטאַנגען,
געשטאַנען איז דער איידעלער ישו,
און נישט געוואָגט אין טיר אַריינגיין.

•

ער האָט געוואָרט : ווען אַלע וועלן

צוגיין זיך שפּעט אין זייערע הייזער,
און מער קיין קול און מער קיין שאָטן
וועט זיך לעבן דער טיר נישט ווייזן,

וועט ער אין פענסטער מיט אַ פינגער
אַ קלאַפּטאַן און — איך וועל אַרויסגיין,
און גיין מיט אים איבער די הינטערגאַסן
ביז אַלע שטערן וועלן אויסגיין.

און ווי מען טיילט זיך קליין־חלקים
פון סאַמע לעצטן, לעצטן ביסן,
וועלן מיר זיך מיטן טרויער טיילן,
און קיינער וועט דערפון ניט וויסן.

נישט־אויסגעשלאָפן, מיט בלייכע ברעמען
וועל איך דעם אינדערפרי באַגעגענען.
נאָר ס׳וועט דעם טאָג זיין אַזאַ שטילער,
די וועלט — אַ נייער ליכטיקער געגנט.

# גאָלדליכט

האָט מיך דורכגעפירט מיין מזל
דורך די אומעטיקסטע ערטער,
און פאַרזעצט מיך אין אַ ווינקל
מיט דריי לעצטע, שטילסטע ווערטער.

גייט פאַרביי אַן אַלטער שכן,
אַ גוטמאָרגן, אַ גוטנאַוונט.
טרויעריק־ווייט מיין וועלט, מיין געסל,
עלנט־פרעמד און עלנט־נאָענט.

ווי פון ברעג אַ שיף אַ קליינע
רייסט אַוועק דער נאַכטיקער שטורעם.
אָפּגעריסן פון דער גרויסוועלט,
צוגעוואָרפן צו די קברים.

חנ׳ט מיין אויג זיך אין די ביימלאַך
דינע, איידעלע און שלאַנקע
איבער קליינע קינדער־בערגלאַך
הערבסטיק מידע, הערבסטיק קראַנקע.

ווילט זיך אַזוי גלעטן, גלעטן
איטלאַך ביימל אויף די אַקסל,
ווייל עס איז געבליבן קינדערש,
קליין און דין און ניט־דערוואַקסן.

און אַזאַ מיך גאָלדענער אָטעם
נעמט אַרום די איידעלע שטאַמען.
און עס קושען זיך זון און צווייגן
ווי די קינדער מיט אַ מאַמען.

# די אויגן

וואָס ווילן די שיינע אויגן ?
זיי ווילן די שלאַנקע פיס,
זיי ווילן די ליכטיקע אַקסל,
די פרומע שעמעוודיקע בריסט,
און די גוטסקייט פון לייב אינגאַנצן,
דאָס לייב וואָס זיי האָבן האָלד.
מיטן קושנדיקן קנייטש פון די גלידער
מיט דער נאַקעטער שיינקייט פון גאָלד.

וואָס זוכן די גוטע אויגן ?
דאָס קינד וואָס איז ערשט דאָ געוועזן.
און די גאַנצע גאַס מיט קינדער
האָט דאָס וואונדערלאַכע קינד געזען.
ביי מיין טיש פלעג עס חנעוודיק עסן,
און געשלאָפן ביי מיר אין בעט.
ס׳האָט שוין געקאָנט צוויי שיינע מעשיות
און דריי לירישע סטראָפן געבעט.

וואָס בעטן די מידע אויגן ?
זיי בעטן די שעה פון רו.
די שעה פון רו איז אַנטרונען
און קיינער ווייסט נישט וואו.
שוין געפרעגט דאָס בוך פון תפילות,
שוין געפרעגט דורכן פענסטער די נאַכט.
דער אַלטער בוים איז געשלאָפן
און די שטיבער זיינען געשטאַנען פאַרמאַכט.

און די פרעמדע שפראַך פון די שטערן
פאַרשטיי איך יאָ און ניין.
די נאַכטיקע הימלען זיינען גרויסע,
און די נאַכטיקע ערד קליין.

עס שלאָפֿן די שטיבער־פֿענסטער
די לאָדן אַראָפּגעלאָזט.
און אויף מיינע וואַכע שויבן
ווערט די ראָסע פּראָסטיק גלאָז.

איך לייג זיך צוריק אויפֿן קישן
און האַלט די אויגן צוגעמאַכט.
די נאַכט אַליין איז אַ מידע
און שטייט אויף איר וויסטער וואַך.
איך הער זי לעשט די שטערן
און די פֿענסטער לעשט זי אויס,
זי קלאַפּט אַ גוטנאַכט אין אַ לאָדן,
דאָ ניט ווייט אין אַ נידעריק הויז.

# איבערן וואָרט

שמידן גאָלד און שלייפֿן דימענט,
קאָוועז שטאָל און קלאַפּן קופּער.
און לייטערן ביז דורכזיכטיקן ווייס
דאָס איידעלע און קילע זילבער —
ביזט באַלד שוין אונטער אַלע מיינע האַמערס דורכגעגאַנגען
מיין אויסגעפּראַוווט קליין ליד.
און נאָך נישט מיד.

און איך, וואָס כ׳האָב זיך צייטנווייז געגרייט
זיך אָפּקייטלען פֿון מיינע נידעריקע באַלקנס,
האָב זיך פֿאַרשפּעטיקט אין מיין יונגן טאָג
איבער דיין שיינקייט מיט מיין דורשטיק אויג.
ס׳איז שוין פֿאַרנאַכט באַלד אויף מיין שוועל.
דער בושל פּליט איבערן שפּיץ פֿון אַלטן טורעם.
איבער די צווייגן פֿון מיין בוים ביים שטוב
פֿאַלט פֿרום דאָס אוונטיקע צלם־גאָלד.

כ׳וועל אויפֿן גרויסן דרויסן פֿון דער וועלט
שוין אויפֿגעבן מיין גרויס־נסיעה.
געגנוג שוין פֿאַר מיין כבוד־וועגן.
און צו די פֿאַר פֿאַרבלאָנדזשעטע דאָ אויף מיין סטעשקע,
מיט טיפֿע רעטענישן אין די עולמות
מיינע דריי טרויעריקע שמייכלענדיקע ווערטער:

טייערע, איר האָט געוויס פֿאַרבלאָנדזשעט.
דאָרטן, באַרג־אַרויף, און טאָקע אין דעם געגנט
וואוינט אַ חכם מיט אַ בלויען ספּאָדיק.
דעם סימן וועט איר פֿונדערווייט דערקענען,
אַ שווייגנדיקע אַליי מיט טענענבוימער,
און ווייס דאָס טויערל אין זיין ברייטן הויף אַריין.

און כ׳האָב זיך ווידער איבער מיין טיש געבויגן
און זיך געמיט איבער אַן אַלטן וואָרט,
וואָס איז פֿאַרטיפֿט געלעגן אין זיין גרויסן שווייגן,
און נישט געוואָלט זיך אויפֿהייבן פֿון אָרט.

# מיר פּאַסט נישט

מיר פּאַסט נישט דער יומטוב פון ווערטער,
גרויע שטויביקייט קריכט אויף מיין קלייד.
דעם צו־פריילאַכנס לײדיק געלעכטער
איז אַ טייל פון מיין שווערער לייד.

און גאַרנישט קאָן איך דאָ פאַררעכטן,
פאַרהיט כאָטש פון שאָדן מיין האַנט.
און איך בעט נישט אַז זיין זאָל צו ליכטיק
דיין טאָג ביי מיין נידריקער וואַנט.

פון דער גאַס די הייזעריקע קולות
קלאַפּן שטויביק אין מיין פענסטער אַריין, —
די נויט מיט איר גאָלד און פסולת,
דער מאַרק — דער הונט מיט זיין ביין.

איז מיין טאָג אַ וואַלד מיט דערנער
ביזן ברעג, ביזן שוועל פון מיין הויז.
קומט דאָס ליד מיט געצווייגטע הערנער
פון צווישן די דערנער אַרויס.

די דינע פיס אין וואונדן
און וואונדער — די הערנער־קרוין.
דער פאַרנאַכט האָט מיין פענסטער געצונדן
ווי אַ גאָלדענעם בעכער מיט ווייַן.

# אַ הספּד נאָך אַ לעבעדיקן

און אַלע לידער וועלן אין דיר איינשטילן,
אַן וואָך, אַן יומטוב, אַן עול, אַן וואַרטן, —
אַן אייביקייט זיך אָפּגעשלעפּט אין מאָדנעם נידערגעסל,
און דיר טויט גאָרנישט באַנג דאָ זיך פֿאַרזיצן
און נישט זען די וועלט פון אַלע זיבן ברעגן.

וואָס געדנקסטו דען? אַן אַלטן ברונים הינטערוועגנס;
אַן אומהיימלאַכן הונטגעביל אין פרעמדע געגנטן פֿאַרנאַכט;
אַ רעגנדיקער אינדערפרי האָט דיך געבראַכט
אין אַ פאַרוואָרפענעם פאַרוויכערטן האַפן.

און דאָ האָסטו געפרואווט דיין אומגעפאלן לעבן
אויפהייבן פון שטויב, פון וויסטער נידער.
(ניט לאַזט אַראָפּ די אויגן, שעמעוודיקע לידער.)
דו האָסט די ענגע טיר און שוועל פון דיינע אָרימטעג
אפילו נישט קיין זיבן טריט איבערגעטראָטן,
און ווי צום ווייסן לייב פון העמד,
אַריינגעוואַקסן אין די אָרעמס פון דיין שאָטן.
און ליב איז דיר געווען זיין חברשאַפט, זיין שווייגן
ביים טיש ביים מידן זיך אַריבערבויגן
איבערן זאַמדיקן ברעג פון דרימל.

האָסט דיין לעבן נישט דערהויכט און נישט דערהויבן.
פון ערשטן פרואוו־טרעפּל אַראָפּגעגאַנגען
אין דער שמאָלער קעלערדיקער נידער.
(נישט לאַזט אַראָפּ די אויגן, שעמעוודיקע לידער.)

לידער, לידער איר וועט אויכעט בלייבן
אין דעם אַלטן אומעטיקן ציידע־שטיבל.
די ווענט זיינען נאָך שטאַרק.
נאָכן שטורעם, דורכגעשמיסן, דורכגעציטערט.

פייער־בעזימער, האָגל־שרויט, גהינום־ריטער,
אין דיין צוואה האָסטו אַלץ זיי אָפּגעשריבן
סיי די ברעטלאָר־לוחות געלבלאָר, אָפּגעריבן,
סיי די אַלט־מגילה מיט די אויסגעמאַלטע פייגל, לייבן,
דינע צווייגלאָך, אײדעלע טירקלטויבן
ביי דעם סוף־קאַפּיטל.

* * *

דער מעשר פאַרן אָרימאַן —
אַביסל זאַנגען אויפן פעלד.
דער אָרימאַן קומט שפּעט, פאַרנאַכט,
און נעמט זיין חלק פון דער וועלט.

שוין ליידיק ליגט די גרויסע ערד,
אַ טרויעריקע אויסגעשפּרייט
אַנטקעגן ווייטן האָריזאָנט —
אַ קו מיט פלעקן געל און רויט.

די שטילקייט קיילעכדיקט אַרום
אַ זילבערדיקע דינע רייף,
און די לבנה — אַ ווייסע הון,
טרעט גרינג איבערן הימל־הויף.

# שלוחים

שלוחים קומען פון ווייט און נאָנט
בעטן הילף פאַר גאַר דער וועלט.
כ׳האָב קופּערנע און זילבער גראָשנס
מײַן קנאַפּער חלק הילף דער וועלט.

איך טו זיי דורך די טעג צוטיילן
בײַם טיר צו אויסגעשטרעקטע הענט.
ניטאָ אַ טאָג אַן אַ שליח
וואָס קלײַבט נדבות פאַר דער וועלט.

די וועלט איז בלינד, די וועלט איז עלנט,
די וועלט לעבט דורך אַ שלעכטע צײַט,
אַזוי טוט זינגען דער גאַסנזינגער —
אַ שליח פון דער גרויסער וועלט.

און ס׳פאַלן גראשנס דורך די פענסטער
און קאַטערינשטשיקעס שפּילן שיין,
און נעמען צונויף די הילף די גוטע
און טראָגן אַוועק צו דער וועלט אַהיים.

אַמאָל און אַלע בעטלער און שפּילער,
וועלן ברענגען די גרויסע בשורה אַהער,
און שפּילן דאָס ליד פון גרויסן יומטוב,
אַז שיין און רייך איז שוין די מומע וועלט.

# ווידויים

ווידויים פשוטע — פאַר וועמען ?
פאַרן גוטן גאַסט מיינעם ר׳ טויט.
ער קומט צו מיר אַ חשבון נעמען
פאַר אַלץ וואָס איך האָב ניט געבויט.

און פאַר מיין נעמען זיך ניט־זיכער,
און פאַר מיין שרעק אומזיסט אומגעשט.
און פאַר די אומעטיקע ביכער
וואָס איך האָב טאָג און נאַכט געמישט.

בין קיין געלערנטער נישט געוואָרן,
און קליגער אויך מסתמא ניט.
ווייל אַלע קלוגע און געלערנטע
זיינען געפאָרן אויפן יאַריד

מיט פולע קעשענעס רווחים,
אין קרעטשמע אָפגעהוליעט אַ נאַכט.
מיט וויין און ווייבערשע מלאכים
און אויך גאָטס שמש דאָס מויל פאַרמאַכט

ווען ער האָט מיט אַ גלאַציק אויגל
אַ וואונק־געטאָן איבערן דאַך,
געזעצט זיך מיט אַ כיטרע שווייגל
זיך וויגן איבערן תנ״ך.

איך ווייס, כ׳האָב זיי געזען, נו, מילא,
נאָר רעכן פאַרט מיך נישט צו די,
וואָס קלאָגן זיך אויפן שלעכטן חלק
פאַר מיין קליין ביסל שווייס און מי.

עס טוט מיר וויי פאַר אַלץ, אַוודאי,

און פאר דער ערלאכקייט וואס ליידט
אונטערן יאך פון מיאוס און זאטע
צושטראפטע טרעלבוכעס אין זייד.

גאר איך, איך האב זיך אפגעקליבן
דאס ביסל וואס מיר איז באשערט,
און בלויז א וויסטן שפאס געטריבן
מיט מיינע עטלאכע טעג און נעכט.

און האבן זיי זיך אויסגעלאזן,
איז וויפיל קום איך דיר ארויס ?
פארשרייב עס מיר צווישן די גראזן
ביים וואנט דא טאקע לעבן הויז.

מיין זון וועט אונטערוואקסן, וועט ער
באצאלן וואס עס קומט פון מיר.
נאר די פאר דארע מיטה־ברעטער
און פארן לעצטן גלעזל ביר.

# וועג אַראָפּ

זיידע פֿון פֿאַר הונדערט יאָרן,
האָסט אויפֿגעשטעלט אונזער משפּחה־וועלט.
א י ך  בין שוין צו־צוואַנציק יאָר אַ מידער צווייג,
מיך קאָן ניט שטאַרקן מער דיין גאָט,
און מיינער איז אַליין ניט שטאַרק.
וואו זאָל איך רודערן מיין טאָג ?
וואו זאָל איך אויפֿשטעלן אַ שטעל אין מאַרק ?
איך קינדיק אָן מיט מיינע דאַרע הענט
דאָס איינפֿאַלן פֿון אונזער מידן שטאַם.
מיינע לידער זיינען טרויעריקע בלעטער טעסטאַמענט.
איך פּראַווע פֿאַר אַן עלנטן פֿאַרלאָזטן טיש
מיין סעודה. מורמל מיינע פּסוקים זייער שטיל.
די אַפּאָסטאָלן מיינע זיינען טויט. געקרייציקטע,
געהאַנגענע, — איך איינער האַלט זיך אין געביין,
זיך אַליין אַרויסצופֿירן אויפֿן מאַרק פֿאַר 30 זילבערשטיק.
כ׳קאָן ביי אַ קאַשיק פֿוילע עפּל מורמלען
מיינע בענטשנדיקע שורות לויב און צער.
איך האָב נאָך זין אַביסל פֿאַר דער זון.
איך האָב נאָך ליב דעם גרויסטן טאָג אפֿילו.
מיין פֿענסטער איז מיין פֿרייד, מיין טיר — מיין פֿרייער
וועג.
דריי מידע טריט פֿאַרנאַכט און כ׳האָב שוין אַלץ.
און כ׳בעט נאָר אַ קליין שמייכל פֿון דיין גענאָד
אַ גיב עס מיר, אַ שענק עס מיר, מיין גאָט,
דו פֿירסט דאָך מיך שוין סיילווי אויפֿן לעצטן וועג
צו די געהיימענישן אָן אַ סוד.

# און דו...

קאַפּאַטעס האָבן זיך געענדערט,
און תקופהס האָבן זיך צוריסן.
פֿון פֿרומע ווינקלדיקע שטענדערס
זײַנען געוואָרן פּלאַכע טישן.

און דו טראַכסט אַלץ פֿון אַלטע שטענדערס,
פֿון בחורים אין בײַנאַכטיקע קלויזן.
קלײַבסט זעמדלאַך גאָלד פֿאַר אַ לעגענדע
צעווישן בלײַ און שטיין און אײַזן.

ווער ווייס צי דו וועסט די רו דערגרייכן
די ערשטע שורות אויסצושמידן.
דאַרפֿסט שטילקייטן פֿון ברעגן טײַכן
און גוטגעמיט פֿון פּשוטע אידן.

און ווײַט מיט זיך אַליין אַוועקגייז,
און אין דער לויטערער ווײַט פֿאַרנעמען
דאָס ליד פֿון פֿריען זומער־רעגן,
די זילבערנע מיד אויף בלײַכע ברעמען.

ס׳קומט דיר אַנטקעגן פֿון וועג צוזונגען
דאָס שיינע וואָס איז אַוועקגעגאַנגען.
די ציגײַנערין די וועלט לאָזט פֿרײַ דאָס אינגל
וואָס זי האָט אין איר בויך געפֿאַנגען.

דאָס שטילע און ליבע קאַריצער אינגל
נעמט איבער די קאַריצער הויפּלאַך שפּאַנען
און די לעגענדע הויבט אָן ווידער זינגען
און אַלע טוען זיך איר פֿרייד דערמאַנען.

# נעם לייען מיר . . .

נעם, לייען מיר, מיין זון, אַ פּרק אַלטן פּנקס,
וואו עס דערציילט זיך: פון אונזער עלטערפאָטער אָדם;
פון אונזער ערשטן מלך און ערשטן נביא.

צו־וואָס מיין פאָטער בלעטערן די ערשטע רשעות,
די ערשטע זינד און דעם ערשטן טרויער?
איך וועל דיר בעסער לייענען דאָס בלויע קינדער־ספר
די שירים־לידער מיט דער תמימותדיקער חכמה,
וואָס קינדער האָבן ליב, ווייל ס׳קלינגט ניט־אמת.

דער אַלטער פּאַרמעט־פּינקס, פאָטער, איז פאַרהייליקט
נאָר נישט פאַר אונזער אומעטיק געמיט.
אפשר אַ שטאַרקערער נאָך אונז, אַ רואיקערער דור
מיט אַ קלאָרער אויג, אַ מוטיקערער האַנט,
וועט אים צעוויקלען פרייער פאַר דער יונגער עדה.

דער שפּעטערדיקער דור וועט רוען זיכערער
אונטערן שאָטן פון זיין וואַנט און באַלקן.
מיר זיינען געשלאָגענע היינט,
באַקראַנצט מיט איובס צער, באַקרעצט מיט זיין צרעת.
און קיינער קומט נישט פון מרחקים מיט גאָטס מוסר־ריטל.
ניט מיט דער טרייסט פון כיטרע שלאָבעריקע ווערטער.

ביזט, פאָטער, אויסגענאָגט פון וויסטע נעכט אָן רו,
ביזט אָפּגענאַרט פון זיך און אַלעמען:
און מיאוס׳ט זיך קוקן אויפן מאַרק
וואו דער הייליקסטער קומט אויסדינגען אַ רייפטל ברויט.
די הילף וואָס שטילט דיין לייב מאַכט פינסטערער דיין פּנים,
און אַז דו הונגערסט אונטער אַ סוף־וואָר,
לייטערט זיך צוריק דיין בליק, דיין שטערן,
און קוקסט העכער איבער אונזער שפּלן ישוב

און דיין בזיון וויינט נישט מער הינטער דער וואַנט פון
שטומקייט.

איך ווייס, דו וואָלסט געוואָלט אַ נייער שיין
זאָל זיך פון ערגעץ אַפּשטראַלן אין אונזער פענסטער.
בשורות אמתע זאָלן מורמלען אין די פרישע ווינטן
וואָס פּיקן אויף די קנאָספּן אויף די בוימער.
דער פרילינג וואַשט שוין אויס די הימלען איבער אונזער גאַס,
און ווייסע קעצלאַך זעצן זיך אין די אַנטקעגנדיקע פענסטער
און פרייען זיך אין זייער קליינער שטילקייט.

# צו . . .

נאָר איינמאָל אויפֿן ים און איינמאָל אויף יבשה, —
אַ שמאָל ענג לעבן, שרעקעדיק און פֿרעמד.
לעבסט אָפּ דיין טאָג מיט אַ נדבהדיקן גראָשן
און מיט צוויי לעצטע פֿריינט — דיין שאָטן און דיין העמד.

און ציטערדיק די האַנט איבערן קאַרגן ביסן.
אַ איך געדענק נישט ווער פֿון אונזער הויזגעזינד
זאָל זיין אַזוי פֿון אַלע וועלטן אָפּגעריסן
ווי אויף דער וויסט, ווי איך דער בלינד, ווי אויפֿן ווינט.

פֿונדעסטוועגן אַזוי עקשנותדיק זיך איינגעביסן
אין עלנט פֿון דער גרויער וויסט — אַ מידבר־בוים.
כוואַליעס זון און הימל, כוואַליעס זאַמדן פֿליסן
און טעג פֿאַרטראָגן זייער שיין און זייער ווייסן שוים.

און ס׳ברענגט די איינזאַמקייט פֿון ווייטע מיילן
דיין וואונדערשפּייז און — ס׳וואַקסט דיין שטאַם און צווייג.
און ס׳טוט דיר באַנג אַמאָל וואָס דיינע יאָרן איילן,
פֿאַרזינקען אין די טיפֿע היילן פֿון דיין אייגן אויג.

איינדרויסן: וועלט, דיין ליבע פּראָסטע וואָר די גרויע.
און אין באַהעלטעניש פֿון דיין געמיט: דיין צווייטע וואָר.
דאָרט זיכערט אַזאַ טיפֿע גלויביקע פֿאַרטרויאונג
און אַלע טונקלענישן לויכטן אויף דאָרט פֿריי און קלאָר.

עס דאַרף דער מידבר דיך אויף זיינע וויסטע שטרעקעס,
דו ביזט זיין בענקשאַפֿט און זיין מאַסטבוים און זיין האַנט
וואָס הערט נישט אויף פֿון זיינע וויסטן זיך צו שטרעקן
צו אַ פֿאַרפֿלויגענעם חלום פֿון אַ פֿרוכטבאַר לאַנד.

# מיט מיין וועלט

איך האָב דיך אַנגעטאָן אין רייכן דלות
און אין אײדעלע זײדנשמאַטעס,
מיין קעניגן, מיין וועלט.
לכבוד די פיר צענדליק יאָר מיט זיבנטויזנט טעג
זינט מיר זיינען אַרויפגעגאַנגען אויפן הויכן באַרג
און אויפן גרינעם גראָז — צו אונזער חתונה־בעט
אונטער די אָפּגעגילדטע חופּה־גראַטעס,
מיין קעניגן, מיין וועלט.

מיר האָבן זיך דורכגעשלאָפן אונזער גרויסע נאַכט
מיט אונזער וואונדערלאַכן חלום
ביז דער גרויער הוילער וואָר,
מיין קעניגן, מיין וועלט.

איך בין זינט דעמאָלט אויסגעווען שוין
אַלע הינטערוועגן, אַלע הינטערגאַסן,
און אַזאַ שיינקייט ווי דו ביזט נאָך נישט געזען.
מען זינגט טאַקע אַזאַ מין לידל אין די הינטערגאַסן, —
וואָס ס׳איז מיט אונז כמעט מיט אַלעמען געשען,
מיין קעניגן, מיין וועלט.

מיט איטלאַכן מוז טרעפן אַלץ דיזעלבע זאַכן,
אומעטום נייגט זיך איין לייב צום צווייטן צו.
דער טיפער טרויער איז אַ פריינט צו די וואָס וואַכן
אין וויסטע נעכט אויף זייער צושטערטער רו.

אַט איז פון אונז שויןביידע באַלד אַ תל געוואָרן,
נאָר זע איך דען ניט אין דיין צאַנקענדיקן בליק
דאָס יונגע גליק מיטן פאַרנאַכט זיך אומקערן צוריק
ווי בלייבע געסט פון הינטער ווייטע, ווייטע יאָרן.

מיר הויבן ווידער אן זיך עפּעס שעמען איינער פאַרן צווייטן, —
צי פאַר דער ליבשאַפט וואָס איז האַלב שוין טויב און בלינד ?
צי פאַר דער שטראָף וואָס ווייזט אונז אויף אַ נאַנטן טויטן,
און טייטלט מיט אַ ביינערדיקן פינגער אויף אַ זינד ?

אַ, ווי עס איז, זיינען מיר ביידע שוין ניט שולדיק.
זע, די שאָטנס אונזערע שרומפּן אויף דער וואַנט.
ווי וואויל איז נאָך די נייע זומער־זון — זי איז מיט אונז
גערולדיק,
און לאָזט אונז וואַרימען זיך אין איר גוטער האַנט.

און גוט איז דער פאַרנאַכט וואָס לייגט אונז שלאָפן,
און דעקט אונז מיט זיין טונקלער קאָלדרע וואַרים איין.
אַ אַלץ וואָס האָט מיט אונז דאָ אויף דער וואָר געטראָפן
וועט איינדרימלען, וועט איינשלאָפן און פרידלאָך זיין.

אויב דו וועסט פריער פון מיר אויפוואַכן, ניט וועק מיך,
שלאָף ווידער איין לעבן מיין זייט און שלאָף, און שלאָף.
מיין קעניגין, מיין וועלט, פאַרהיל מיך און פאַרדעק מיך
כ׳בין מיד און וויל זיך אויסרוען ביז צו דעם שפּעטסטן סוף.

# בלוי ליכט

אַלע בלאַנדזשענדיקע וועסטן
צו אַ גלייכן וועג דערפירן.
האָסט נאָך קיינעם נישט געלאָזן
ביידע וועלטן דאָ פאַרלירן.

איז דען דאָ געווען נאָר איינער
אַז די גרויס פון זיינע ליידן
זאָל נישט אויפהויבן זיין גלויבן —
רייכן הויכן זול צו שניידן.

איינגעבויגן אונטער פיינען,
ענגשאַפט — בערג פון ביידע זייטן,
און — ווי וואונדער, נעמט זיך עפענען
ברייטע וועלט און בלויע ווייטן.

איך בין אויך אַרויסגעגאַנגען
מיט מיין בעטלערישער טאָרבע,
ווי פון הינטער בלינדע היילן,
שטיין און ביין און טויטער חורבן.

און — דעם קאָפּ אַרויפגעהויבן.
און די אויגן — אָפן, אָ־פּ־ן.
לויטער ווי אַ קוואַל פרימאָרגן,
ווי אַ קינד נאָך רואיק שלאָפן —

אַלע נחלות ליגן ליכטיק
הימל — אויף פיר גאָלדענע זיילן.
שטילע בענטשונגען און לויבן
נידערן פון די בלויע מיילן.

# נאָענט

דו ביזט מיר נאָענט,
ווייל גאָט האָט זיך אָן דיר פֿאַרגעסן,
און ס׳האָט זיין מלאך דיר
קיין בשורה נישט געבראַכט.
און אויף דיין פּנים שאָטנט
דער דאָרן פון פאַרנאַכט
אויף וויסטע זאַמדן.

אַ ברודער מיט דער פרומקייט פון דער ערד
צו אירע אײדעלע געוויקסן,
ווען דער הערבסט טרעט איבער זיי
און גיסט אויף זיין קאַלטע פֿוילונג.
און בלינדער טויט קוקט דורכן וואָלקנדיקן הימל.
וואו אַ בוים אין פעלד איז אַ געבעט אַ שטומס
איבערן געלן פאַרמעט פון דער וועלט.
און גאָט ליגט דאָרטן אויכעט שטום איבער פאַרנאַכטיקע
בית־עולמס —
אַן אומעטיק בעל חי אין דער חברותא פון די טויטע בערגלאַך
ער האָט ערגעץ אַ שפּל קעניגרייך
מיט קרומע קרועה־בלועה געסלאַך,
וואָס טראַכטן מיט שווערע קנייטשן זאָרג
וועגן משיחן, דעם מלך פון די טרויעריקע,
וואָס דאַרף קומען ווייס און שיין
און ליכטיק מאַכן די פאַרשעמטע ווינקלען
און די פאַרמאַרעטע פנימער,
פון די וואָס האָבן העל געגלויבט
און עפּעס שלעכטע, סודוסדיקע בשורהס
האָט בלינד און שטום געמאַכט זייערע טעג און טויב.

# די לידער

כ׳בין צו אַ לעצט געבליבענער שאָף אין פעלד געגליכן,
און צו דעם ציגעלע אין שאָטן פונעם פלויט.
טיף־טיפער אין דער איינזאַמקייט פאַרקריכן,
ווי גוט מיר איז אין דער באַפרייטער ווייט.

איך ווייס גאָר ניט צי האָט מען מיך אַזוי געטריבן,
פאַראַן אַ סך מסתם, וואָס ליידן מער פון מיר.
אַ פרעמדער אומעט ליגט ביי אַלע שטיבער,
אין אומהיימלאַכער וויסט ביי יעדער טיר.

אַ גוטע שטילקייט, ניט דער הונגער, ניט דער טרויער
שרעקן מיך ווען דו פאַרטרויסט דיין דאַך
איבער מיין קאָפּ, דיין שפּראַך — מיין אויער,
דיין גלעטנדיקע בעטנדיקע שפּראַך.

אַט ווי אַ ווינט איבערן גריך־האָר פון די גראָזן,
אַ ווייכער וועל קומט אָן און גייט אַוועק.
און קיין געדעכעניש אפילו נישט געלאָזן
וואָס איז דאָס וואָרט ? אַ בלענדנדיקער פלעק

פון דעם וואָס ד׳האָסט געוואָלט פאַרצייכענען,
פון דעם וואָס האָט פאַרקריצט זיך אויף דיין ביין.
אַ אַלע לידער ברענען, לעשן זיך און בלייכן,
און זייער שיינקייט איז זייער פאַרגיין.

פאַרגייט דער טאָג און לייגט זיך וואו אַבידער
אין דעם פאַרשטילטן קילן האָריזאָנט.
און ס׳שלאָפן איין ווי קינדער אויך די לידער,
נאָענט־נאָענט, צו דעם מערב־אָונט נאָנט.

# ווער וועט ליב־האָבן ?

ווי זאָלן מיר זיך דורך אַזוינע טעג
דאָ דורכשלעפּן ? — די יונגע פאַלן אונטערן זעג.
די אַלטע ברעכן זיך ווי זאַמדיקער שטיין
אונטערן אייגענעם פאַרהויקערטן געביין.

אוי, ווער וועט ליב־האָבן און נעמען פאַר די הענט
די קליינינקע פאַרביי די וויסטע ווענט,
און זיי אַריבערפירן די גריבער טויט און שרעק
און שטעלן אויף אַ קליינעם זוניקן פלעק ?

דאָס אויג האָט אָפּגעוויינט, זיך צוגעוואוינט צום פּיין
און דאָס געמיט : אַז וואָס ס'וועט זיין, וועט זיין.
אפשר . . . אפשר ? ניין, ס'איז ניט כדאי געווען, דו ווייסט.
ווער און ווען און וואו וועט עמיצער געפינען טרייסט ?

אין וואָס ? אפשר אין דעם וואָס מען האָט ווידער אויפגעשטעלט
הינטער די שטעט די חרובע אַן ערשט געצעלט
פון אַ ניי דאָרף־ישוב אוןביימלאַך איינגעפלאַנצט,
און אויפן אַלטן קלויסטערל אַ נייע בלויע צלמל טאַנצט.

די זומערנאַכט שמעקט צוויט. די צוקערניע אַרבעט שוין.
עס פירן וואָגנס ווייסע בוריקעס פון פרי ביז נאַכט.
און די לבנה מיטן פולן ברייטן פּנים לאַכט גאָר, לאַכט
און גייט, און וויל דאַכט זיך פונדאַנען ניט פאַרגיין.

# אָן חשבון

כ׳פיר מיט די טעג ניט קיין חשבון,
וואָס קאָנען וויסן די טעג ?...
ברענגען וואָס קומט זיך באַהאַלטן
אונטער די טריט אויפן וועג.

ברענגען וואָס טוט זיך באַהאַלטן
אין זייער קליידער־פאַלד:
זון פון די זומערדיקע הימלען,
זאַפטן און ריחות פון וואַלד.

ענדערן עפּעס ? מיין האַנט איז
אַ קליינע — פונדאָנען אַהין.
דער זומער־גאַט זאָגט: עס זאָל גרין זיין!
מורמל איך נאָך: זאָל זיין גרין.

נעם פון דער גרינקייט אַביסל,
נעם פון דער זון מיין טייל.
הערבסטיקע טעג וועבן מעשיות,
הער איך זיך איין און דערציי׳ל.

זומער און הערבסט וועבן ניגון,
זינג איך זיי נאָך שטילערהייט.
כ׳זע זייער חלום און פרואוו זיך
געבן מיין גוטן באַשייד.

קינדעריש זיינען חלומות,
קינדערשער נאָך — דער באַשייד.
אַזויווי דאָס גאָלד פון די טייכן
זינגט לויב צו דער זון וואָס פאַרגייט.

# איך — איבער ניו־יאָרק

איך, איבער גרויס־ניוי־אָרק,
אַ שפּליטער וואלקן־זילבער
אין הויכן בלויען טאָג.

כ׳קום פון אַ דאָרף־ישוב,
קום פון אַ טייך אין טאָל —
אַ קוק־טאָן אויפן נעסט פון שטיין,
אויפן נס פון שטאָל.

און כאַטש כ׳בין ליכטיק, ריין
איז מיין קלאָרקייט טרויעריק.

פאַרוואָס איך קום אַהער צוגיין?
איך ווייס אַליין ניט.
קיינער, אונטן דאָרט,
ווייסט נישט פון זיין אויער און באָרד.

און כאָטש איך בלאָז זיך, הויב זיך
דריקט די טויטע אייזנשווערקייט
אין מיין לייב.

די קילקייט פון די פרישע היים־ערדן
וואָלטן מיך אויסגעהיילט
מיט זייער פראָסטן גראָז,
מיט זייער ווייכן שטויב.

און כ׳וואָלט אין יענעם גוטן האָריזאָנט
ערד און הימל געטוליעט צו מיין נאָנט.

און כ׳וואָלט געקוקט מיט רו פונוווייטן:

די שווערע גוימלאַך מיינע רייטן
אויף די קופּילקעלאַך
הינטערן ברייטן באַרג.

דאָרט, אונטן, ליגט מיין אַלטסטער כומאָר
לעבן דעם בלויען בערגל,
ווי אַ קאַץ מיט אַ קאָטער.

די גרויסע שטאַלן,
די דעכער און ווענט
און פאַרביקע סטענגעס־רעגנבויגנס צעבלעטערט.

די שוואַלבן פליען פון די נידעריקע בוימער
אויף די העכערע און — צוריק אַראָפּ.

דריי גרויסע פייערן־מזבחות,
צוויי קופּער־פאַנען און אַ קופּערנער טאָפּ.
זידן און קאָכן די שטיקער פישיקע לייבער
פאַר די שטאַרקע מאַנען,
פאַר די ברייטע ווייבער —

צו דער שמחה פון אַ חתונה ביינאַכט,
די אַלטע וועלדער האַלטן הויכע וואַך.

דאָס חתנדל מיטן גרינעם גאַרטל
און ליכטיקע בלויע פּראַנזן,
און דאָס קליינע כלה־שיקסל
וועלן קומען צוגלאַנצן,
ווען די לאַמטערנדלאַך איבער דער זאַמדיקער אַליי
וועלן זיך אָנצינדן צו צוויי, צו צוויי.

נאָך זיי וועלן נאָכגיין
צוויי ווייסע ציגן,
אַ ווייס שעפּעלאַך־פּאָר,
און נאָך זיי דער אַלטינקער
מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד.

אַזוי איז דער מנהג,
און אַזוי איז די פירונג,
און אַזוי איז דאָס שפּיל
און די חתונה־צירונג
אין מיין פאַרדרימלטן, פאַרחלומטן טאָל:
אַמאָל.

# אַ באַגעגעניש מיט חיים קרולן

אין הקדש־קאָרידאָר אויף די האַרטע שטילן
צווישן די אָפּגעריסענע עלנטע אָרימעלייט,
האָב איך דערזען דעם איינגעבויגענעם קרולן,
אויפן שיינעם קאָפּ די לעצטע פעדים זייד.

איך האָב זיך שאַרפער אַריינגערוקט אין ווינקל
מיר זאָלן זיך דאָרט ביידע נישט דערזען.
און פון־אַ־זייט באַטראַכט דאָס מידע אינגל,
וואָס איז אַמאָל מיין איינציקער פריינט געווען.

איך קעגן אים האָב איך מסתם פאַרבראַכן,
אים מיטן מינדסטן ניט באַהילפיקט אין זיין נויט.
בין אין מיין גראָער נאַרע אַוועקגעקראָכן
און מיט מיין קליינגעזינד געגריזשעט סקרישל ברויט.

אויף מיין שפּאַציר הינטער די אַלטע קלויסטערס
פון מאָנטרעאָל דערפרייט מיין איינזאַמען טאָג.
פאַרקוקט זיך אויף משיחים און דערלייזער —
פאַרשטעלטע בעטלער אויפן זונטיקדיקן ראָג

און דיך, דו שיינער, איידעלער תהילים־וועבער
פאַרגעסן ערגעץ אין ניו־יאָרקער שטיין.
און זעלטן־ווען דערזען דיין שאָטן אין מיין לעבן
אין נעכט אין שלאָפלאָזע וואָס ווילן נישט פאַרגיין,

און ברענגען גאָר די וויסט פון אַלטע וועלדער,
פון פוסטע וועגן — אינם חלל פון די פיר ווענט.
דעם קאַלטן אָטעם פון שפּעט־הערבסטיקע פעלדער,
דעם בלינדן צער פון אויסגעשטרעקטע הענט.

אין די דערמאָנונג הויבט אָן זיך אַליין דערציילן
יתומים מעשׂות וואָן אַ שמ׳ע, וואָו אַ בוך.
און אוצר־זוכער איז די חושכדיקע היילן,
אַ גאָלדרינגל, אַ פּסוק און אַ שפּרוך.

מיר זיינען, חיים טייערער, נישט אַרויסגעוואַקסן
פון אַט־דער קינדערשקייט און זיינען דאָ אַריין
פאַרלוירענע מיט אינגליש־שמאָלע אַקסל
אין פרעמדן אומרו פון וועלט־אויס, וועלט איין.

אין די קאַלט־שטאַטישע ציווילע טורמע קעלערס
פאַר אונזער זינד — פאַרטראַכט אַרומצוגיין.
זיך מיטן לעבן קוים געראַטעוועט צום ערדענעם טעלער
פון הקדש־קעסט און — וואויל איז אונז און שיין.

אַזוי־אַ טראַכטנדיק, פון אָרט זיך אויפגעהויבן
און האָב, ווי יוסף אין מצרים, זיך צו אים דערקענט.
און, דאַכט זיך אַלע אַרום אונז האָבן זיך אויפגעהויבן,
און שטיין־געבליבן שטיל אַרום די ווענט.

# אַ בוים און אַ שטיין

די שנאה איז גרויס, די ליבשאַפֿט קליין, —
אַ קינד מיט בלויע גוטע אויגן.
און איינס לעבן צווייטן — אַ בוים ביי אַ שטיין,
אַ בוים מיט דינע צווייגן.

און איך האָב אויסגעקליבן דעם בוים,
ווי אַ גאָט, אים געטריי צו דינען.
זיין שיטערער אָפּדאַך — מיין שוץ און מיין היים.
כ׳קאָן קיין אַנדער שוץ נישט געפינען.

און מיין חבר וואָס האָט זיך צוקריגט מיט מיר,
האָט פאַר זיך דעם שטיין גענומען,
און געהאַקט פון אים אַ שוועל ביי זיין טיר
מיט אַ שווערער האַק אַ קרומער.

און צו אים אין טיר, אויף די האַרטע טרעפּ
קומען צוגיין די אויסדערווײלטע,
מיט די שוואַרצע רעק און בלויע קנעפּ,
און צו מיר — די שטילע, פאַרטיילטע.

איך ווייס נישט פאַרוואָס און ווייס נישט פאַרוואָן
מיר קומט אָט־דער שיינער כבוד.
פאַראַן אין מיין גאָס אפשר תושבים צען,
וואָס שטאַמען טאַקע פון מלכות בית דוד.

און איך האָב קיין יחוס נישט פאַר אַ לייט,
ווייך־אויס די סימנים פון יחוס.
און אונזער געביין האַלט זיך ריין אין זיין הויט,
נעמט נישט אָן ביי גאָט קיין שליחות.

און אַלע די ברידער און די שוועסטער דריי —

אַרימעלייט פון פאַרגעסענעם געסל.
איך איינער צוחוצפע אַ רגע זיך פריי
וויל נישט בלייבן דאָרט איינגעזעסן.

נאָר איך ווייס סייווי: ניט קיין איינציקן שפּאַן
וועל איך זיך פון דאָרט באַפרייען.
אַ מידער, אַ גרויער, אַז איינזאַמער מאַן
אינאיינעם מיט אַלע פאַרגרויען.

ברידער, וועל איך מורמלען דורכן פענסטער אַרויס
צום ישוב — ברידער געטרייע.
מיר איז הייליק אייער איטלאַך געבויגן הויז,
ווי דער שאָטן פון אַ קליינער לויה.

און ערלאַך איז נאָר יעדע זאַך וואָס איר האָט
מיך געגעבן פון אייער נידער.
דאָס וואָרט און דאָס אָרט און די גאַרונג נאָך גאָט
און דעם ניגון פאַר מיינע קליינע לידער

# היים־דמיון

כ'וועל גיין אויף היימישע וועגן,
טרעטען אין היימישן שטויב.
און זען דעם אַמאָליקן רעגן
איבערן ברעם פון דער היימישער שויב.

קינדערש דורכן פענסטער קוקן:
דעכער און מענטשן און הינט.
אַ געבויגענער זיידעשער רוקן,
די זון, אַ קינד און דער ווינט.

און ווייט אין הימל צוצויגן
פאַרגייט דער בלייכער ברעג
פונם פאַרביקן רעגנבויגן —
אַ בשורה אויף שיינע טעג.

ווייס־זילבעריק מיינע שלייפן
בין אַ גאַסט נאָר, געקומען זען
וואָס אין די קינדערשע הויפן,
און אין אַלטגאַס איז געשען.

געשען זיינען טויזנט זאכן,
דער טרויער שווייגט נאָר צו.
און לאָזט די קינדער לאַכן,
און לאָזט די אַלטע צו־רו.

פאַרשרייב עס אין דיינע בלעטער,
און מאַך די בלעטער צו.
אויף שפעטער, שפעטער, שפעטער,
און לאָז די אַלטע צו־רו.

די קינדער אין די רעדער

שפּילן זיך שיין און פיין.
די עפּל אין די סעדער
פילן זיך אָן מיט ווײַן.

מען וועט פאַרריכטן די דעכער,
די טרעפּ, די ליימיקע ווענט.
עס פינקלט אין זון אַ זכר
און אין די קליינע קינדערשע הענט.

און דער מיט די לעכער־אויגן,
מיטן דאַרן פידל אין האַנט,
ציט זיין טרויעריקן בויגן
און שפּילט „פון שפּאַט און שאַנד".

ער זעט מיט די אויגנלעכער
דאָס קינד מיטן טויט אויפן וועג,
און רויטע פלאַמיקע דעכער,
און נאַכט, און וואַלד, און שרעק.

# אין אַ באַרג־הויז

אַ פּלויט פון שטילע טעג אַרום מיר,
אַ הילצערן הויז און פונדערווייט
גרינט איבער הויכע בערג דער זומער
און טיף דער לויטערער הימל בלויט.

כ׳וויל זיין אַליין, וויל זיין באַזונדער,
נאָר ענג איז מיר מיט זיך אַליין.
איך זוך אין זיך אַ וואָרט פון וואונדער
אַ שטויבל גאָלד און בליי פון שטיין.

אַ ליד זינקט אין מיין בלוט פאַרלאָרן
און זינגט צו מיר פון דער טונקעלער טיף,
ווי ווייט, ווייט זוניקט אויף כוואַליעס קאָרן
אויפן ווייטן ברעג ים — אַ מאַסט פון אַ שיף.

אין מיינע הענט צוויי וויסטע ברעגן,
וואָס בענקען נאָך אַ נאָענטן גרוס.
אין מיינע אויגן — פאַרבלאָנדזשעטע וועגן,
וואָס גאַרן נאָך אַ היימישן פוס.

ביינאַכט אַמאָל ווען ס׳נעמען פאַלן
די רעגנבייטשן איבער דער וועלט,
זינגט אַזאַ יונגקייט מיר צוקאַפּנס,
און כ׳ליג מיט אַלע אברים וואַך,
און ס׳פאַלן פרישע זיסע טראָפּנס
מיר אויף די ליפּן דורכן דאַך.

און אינדערפרי מיט גראָז און בלעטער
לויף איך אַנטקעגן דעם יונגן טאָג.
און ס׳שמעקט פון שטיבער און שטאַלן־ברעטער
מיט זוניקן האָניק און טויאיקן סאָק.

# לידער־ליכט

טרינקסט איינמאָל אויס דאָס זיסע ליד
און ס׳טריפט די זיס אַן ווידער.
רייסט אָפּ פון שטענגל דאָס ליד וואָס בליט
און ס׳בליט אויף ווידער.

גאָטס נס אין נעסט פון די לידער.

דער וואָס שמאַכט און דאַרשט נאָך זיי,
ווייסט וואו זיי וואַקסן, די לידער.
זייער שאָטן בלויט אויף פאַרנאַכטיקן שניי,
און גרינט אין טאָליקן נידער,

דאָרט וואו דער בית־עולם ליגט און רוט,
ביים זייט פון פעלד, אויף גאָטס שטילן גוט
פאַרוויגט איז חלום פון לידער.

ווער האָט יענע פרידלאכע לידער געהערט?
די שאָטנס פון שטיינער אויף דער ווייסער ערד,
די שאָטנס פון בוימער און דער שאָטן פון פלויט
ווען די מיטנגאַכט האָט געשנייט און געשנייט
און האָט אָפּגעשנייט.

און די שטילקייט אַרום אויף דער גרויסער וועלט
האָט די שפּעטע נאַכט־שעה אָפּגעשטעלט:

וואוהין, מיין טאָכטער, איז אַזאַ שפּעט?
זי האָט איר די שמאָלע אַקסל געגלעט,
און איר אַנגענומען אונטערן האַנט
און געגאַנגען מיט איר ביים פּלויט, ביים וואַנט.
און איר שלאָפנגעלייגט ביי דעם בלויען ברעג
און מיט לבנה־זילבער איר צוגעדעקט.

און מען האָט נישט אפילו קיין אָטעם געהערט,
און זי איז איינגעשלאָפן מיט דער ווייסער ערד,
און זי איז איינגעשלאָפן מיט דער גרויסער ערד.

# פון טאָגבוך

איך בין דיין שווער־געשלאָגן לעבן דורכגעגאַנגען
געזען דיר שלום־מאַכן מיטן טאָג פון דיין ירידה,
און דיין פאַרבליבן האָב: דריי טרויעריקע לידער
שורות עטלאַכע ווי לעצטגעבליבענע מעשר־זאַנגען.
סטרונעס דינע, קראַנק־פאַרציטערטע קלאַנגען
פון אַ פאַרוויסטן טאָל מיט קוועלנדיקע קינדעריאָרן
און טויזנטיאָריקע בוימער — נאָך ניט אַלט געוואָרן.
און ביידע בינדן זיך, פאַרוואַקסן זיך אין זייער שיינקייט
מיט זייער גרויסקייט, מיט זייער קליינקייט.

און — ביזט מיר הויך געוואָרן אין דיין שאָטנדיקן פאַלן,
און אויף די וועגן וואו די וועלט־טריט זיינען אויסגעלאָשן,
און קיינער טראָגט דיר נישט קיין בינטלאָך ליכט און שטראַלן,
האָב איך געזען דיין זילבערדיקע ווייסע רו זיך בלאָזן.
און ביזט מיר שוין געווען ווי איינער פון אַ וועלט אַן אַנדערער,
שוין נאָכן זוכן און געפינען און נאָכן וואַנדערן,
און דאָס וואָס וועט זיך דיר געדענקען און דערמאָנען
און קלינגט דיר, ווינקט דיר פון די רוענדיקע לאָנען.

אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דיין אָפגעאייַנזאַמטן געגנט
אַליין און אַן אַ גרוס, אַ נאָנט וואָרט צו קיינעם.
די ביימלאָך אויפן וועג, די פורן היי וואָס האָבן מיך באַגעגנט,
זיינען געווען שוין פון אַן אַנדער לאַנד באַוואוינער.
כ׳האָב נאָר ביי זיך געטראַכט: ווי וועל איך זיך צוגעוואוינען
צוריק צו מיינע ישוב־לייט, צו מיינע שכנים.
און צו דעם גאַנצן רומל קולות, רעשן.
און זיך דערזען אַ פרעמדן אין די גאַסן,
אַ ווייטער, נישט־דערקענטער מענטש, וואָס אַלע קאָנען
נאָר קיינער קאָן זיך אים נישט דערמאָנען.

# אין מיר

בײַ אונז אין לאַנד וואַקסט נאָר אַ באַר, אַ פלוים,
די גאָלדענע פּירות וואַקסן ערגעץ אַנדערש.
אין מידער שײנקײט רוט סופּזומער אונזער בוים,
און אַזאַ שײנקײט וואָס מען זעט ניט ערגעץ אַנדערש.
אויב ס'איז אויף מיר געפאַלן ווען איר פרומער שטראַל ?
זיכער איז אויף מיר איר בליק געפאַלן.
איך בין ווי יענער וואַגלער וואָס פאַרבלאַנדזשעט צו אַ קוואַל,
דער וואונדערלאַכסטן קוואַל פון אַלע קוואַלן.
אַ קוקט נישט וואָס איך בײג דעם קאָפּ צו דר'ערד
און וואָס פאַרשעמטקײט שאָטנט מײַנע אויגן.
מסתם האָב איך אַזאַ מין סוד געהערט
וואָס כ'מוז אים אויסבאַהאַלטן אין מײַן שווײַגן.
משלים זינג איך זיך און וועגן דיר,
אַ פול־משלימדיקע וועלט מיט פענסטער, דאַך און טיר.
אין יעדן פענסטער אַ געזיכט,
און אונטער יעדן דאַך אַ נעסט,
און נישט נאָר שוואַלבן
זײַנען זומערדיקע געסט.

איך בין אַרויסגעגאַנגען פון מײַן לאַנד און הײמישער וועלט,
אַ גאָלדענער דרימל האָט געוויגט דאָס שפּעטער פעלד.
און בהמהלאַך זײַנען געלעגן בײַ די ברעגן ערד
אין טראַכטעניש, אין געהײמנישן פאַרקלערט.
די פעלדער און די הימלען זײַנען מיר נאָכגעגאַנגען
מיט דימענט־זוניקע בלוי־שאָטנדיקע קלאַנגען.
ס'האָט איטלאַכער פון זיי, — אַ בוים, אַ שטוב, אַ פײגלס שוועבן
מיר פון זײַן פרייד און טרויער ווי מתנות מיטגעגעבן.
און כ'ווייס אַלײן ניט, דורך אַזויפיל פרעמד און יאָרן
האָב איך מסתם אַביסל פון דער פרייד פאַרלאָרן
און פונם טרויער אויך. דערפאַר, ווײַזט אויס
קוק איך זיך אַלע ווײַלע אום,

איבער דער אפגעגאנגענער גרזיס,
און זוך עפעס אויף דר׳ערד
און קוק אין הימל,
און אין די אויגן מיינע
דער מיד־גאלדענער דרימל
פון שפעטער פעלדער
און פארטראכטן בוים
אויף די סופזומערדיקע ברעגן
פון מיין לאנד און היים.

# אינדערנידער

אַ זייטיק אַרים אַרט צעווישן מיינע נאָנטע,
און כ'האָב שוין גאָר מיין חלק וועלט און ערד.
איבּ כ'האָב אין גרויען עלנט עפּעס פרום געמורמלט —
אַ וואָנט נייגט אויך איר אויער צו און הערט.

אויך איך בין איינער פון דער נעכטיקער כאַפּטע
וואָס האָט געקרוינט זיך יונג איבּער אַ דור.
ווער ס'האָט געוואָרפן פּסוקים מידע ווידוי
אייף שטיין און ביין דאָ פון דער וויסטער וואָר,

אין ווער פון אונז האָט פרום גערופן אין די שטיבער
וואו אַלע הייליקייטן — הונגעריקע מייז, —
האָבן געזוכט אַ ווייסן דראַבּנעם קערל
אין בּודאס קליינעם שיסעלע מיט רייז.

און איינער, איך, אַ שטילער קאַריצער בחור,
האָב אויך פאַר זיך געזוכט אַ שטיקל אָרט
אין דעם פאַרוקטן אומעטיקסטן ווינקל, —
מיין ליד געצונדן מיט אַ שעמעוודיק קליין וואָרט.

און ס'האָט מיין ליד הכנעהדיק זיך איינגעבויגן, —
דאָס פּלעמל גאָלד וואָס פינקלט אויף זיין קנויט
איז אפשר נאָר דעם וועג מיר צוצולייכטן
דורך די אַלטע געסלאַך וואו עס וואוינט דער יונגער טויט.

# אונטער פאַרנאַכטיקן רויט

מיך האָט די צייט געשליפן, די לייד — געלערנט.
מיינע שכנימס שווערע טעותן
האָבן מיך פאַרקערוועט אויפן שמאָלסטן שטעגל
וואו דער אָוונט־עלנט שטערנט שטילער,
און דער ריח פון פאַרוועלקטן שיכורט מיך מיט קילער חכמה
איבער די השגות דאָ אין אונזער קאַנט.
איך בין דערפאַר געבליבן ביי מיין שוועל און וואַנט.
און שטומערהייט האָבן די זיבן געסלאַך פון מיין ישוב
דערקלערט מיך פאַרן אייביק־פרעמדן.
אַ כישוף־פלויט האָט זיך די שטומקייט צווישן אונז אָוועקגעשטעלט
און מיט אַ טעמפּן מעסער צוהאַקט די גרויסע וועלט.

אויף מיין העלפט ליגט דער שאָטן און דער הערבסט טומ וועלקן,
און אויף מיין גראָען בוים קומען די קראָען שטומען.

ביים גרעניץ צווישן מיר און זייער נחלה
שפּאַציר איך מיינע בענקענישן צו זייער ברייטן זומער,
צו זייערע אויסגעוואָרימטע זאַטע שטיבער.

אַריבערגעבויגן איבער מיינע נאַכט־פאַרמעטן
טו איך קלערן מיטלען, תרופות,
שרייב ברודערשע געבעט־בריוו: אפשר? אפשר? אפשר?

אפשר קאָן צעווישן אונז דער חרם־טורעם איינפאַלן?

איינדערפרי פאַרברען איך אַלע לירישע בקשות,
און וואָרים זיך ביי זייער טרויעריקער פייערלאַכקייט.
און כ׳זאָג אייך ערלאַך, אַז ס׳איז אַ נס כמעט

וואָס כ׳האָב דורך די רמזים פון אַן אַלטן קבלה־בלאַט
דערשלעפּט זיך צו אַ שטיקל ערגעץ, צו אַ ברעקל עמיצן
צו טיילן זיך אַ וואָרט מיט די וואָס האָבן יאָ געהאַט די גרויסע
שייכותן
מיט אַ האַלבער וועלט און מיט אַ גאַנצן דור.
זיך אויסלערנען ביי זיי די גרויסע קלוגשאַפט וועל׳ך שוין
מסתמא ניט.
נאָר אַנוואַרימען זיך פון קאַלטן דרויסן מיין פאַרציטערט
אומרואיק געמיט.

דער טאָג איז וואַרימלאַד, די זון — געלייטערט גאָלד.
קערנער־הויפנס אונטערן טראָט
וואָס די וואָגנס תבואה האָבן הינטער זיך צוזייט
אין זייער שטילן גאַנג אונטער פאַרנאַכטיקן רויט.

# אַנדענק

נעמען די ליפּן זיך אומוויגן פרום,
ס׳נעמט מיך ווידער דיין גוטסקייט אַרום.

און דו, וואָס דו האָסט מיט דיין קינדערשער האַנט
מיר געוויזן דיין רו אויפן גראָז פונם לאַנד —

איך האָב דיך דערזען זיך דערהויבן צו מיר:
איך קום ווידער צו דיר, קום ווידער צו דיר.

וועל ווידער פאַרנעמען מיין אָרט ביי דיין וואַנט,
דעם גלעט פון דיין אויג, דאָס געבעט פון דיין האַנט.

וועל זיצן ביים פענסטער איין־אַליין אין הויז:
דער ווינטער איז ווייס, דער ווינטער איז גרויס.

קליינע ביימלאַך ביים וועג שטייען איידל און דין,
איך בין אויך אַזוי קליין, בין אויך אַזוי דין.

און עס ציט מיך אַזוי, און עס רופט מיך אַזוי
אין דער זילבערנער שטיל, צו די בערגעלאַך שניי.

# זאָגט ער . . .

זאָגט ער: „בעטלער איז מיין טאַטע,
און מיין מאַמע: הינטערגאַס.
און מיין פעטער: דער דאַרער לידערשרייבער,
לאַנגע האָר־גריוווע ווי גראָער אַש.
שוסטערל פאַריכט אים זיינע שיך אומזיסט,
גיט אים נאָך אַ קופּער פאַר אַ קווערטל קוואַס,
קומט ער שוין אַ האַלבע וואָך נישט פאַר די אויגן.
גייט אום אַן איינגעבויגענער איז פרעמדע געגנטן,
וואו די בייטאָגן ציען אומעטיקע פעדים שווייגן".

זאָגט ער ווידער:
„כ'קום אַמאָל אַרונטער צו מיין טאַטן בעטלער:
טאַטע, שטיי איך פאַרן טיר אַן עלנטער,
טאַטע, ס'גייט ביי מיר נישט ווי עס דאַרף צו זיין אין מאַרקל.
ניט שיין געגנוג מיין קול דאָרט פאַר די קונים,
ס'שטעלכל מיינס, ס'וואַזשנע שטעלכל,
ווערט פאַר מיר אַן אומעטיקער עמוד,
תהילים נאָר צו זאָגן, ווייטער גאַרנישט.
די זיבן ברויטן האָבן איינגעטריקנט
די פינעף הערינג זשאַווערן אין זאַלצוואַרג,
און דער ביטחון וואָס ד'האָסט מיר געגעבן,
איז שוין ווי אַן אויסגעריבענער אַלטער ראָק,
און קיל ווערט שוין דער אלול־טאָג
און די פאַרנאַכטן פראָסטיקן".

איין פאַר איבעריקע שטיוול האָט מיין פאָטער,
קומט צוגיין מיין פעטער מיט דער אַשיקער גריווע
מאָנען די מתנה.
שטייט ער און ער מאָנט
מיט צוגעגנאַגלטע ליפּן.
שטייט ער און ער מאָנט

מיט פארוואגלטע אויגן.
ס׳ביסל ווערטער זיינע זינגט ער ערגעץ אויס
אויף זיינע הייליקע בלעטלאך
און באהאלט זיי פאר א פרעמדן אטעם.
מיר האט ער פארטרויט אמאל:
ער גרייט זיך אין מרחקים.

דארטן, אינדערפרעמד, ערשט ווערן אייגן.
דא וועט ער זיך קיינמאל שוין נישט אויספרעמדן
גרייט ער זיך אהינצו.
און די מתנה פון מיין פאטער טראגט ער נאך,
און דער דארער רוקן זיינער הויקערט זיך,
און די נעכט מיט שווארצע רידלען גראבן, גראבן
שארפע קברים אין זיין געלן פנים.
און די האר זיינע טריקענען ווי גראער אש
און דארן אויף זיין שייך־געזאלבטן קאפ.

# אַ טאָג

וואָס טומלען דאָרטן די חילות ווידער ?
וואָס שטרעקן זיי די נאַקנס צו די בערג פון איבערמאָגן ?
וואָס שרייען זיי אַזוי זייער געזאַנג צום פּעטן ווייַנטרויב
וואָס בלוטיקט אונטערן תּמוז׳ בלאַנקן מעסער ?
כ׳האָב מורא פאַרן האַריקן איבער־אָדם,
אויף מייַן גאַס אונטערן כמורנעם הימלדאַך
האָב איך געזען די שטילסטע מאַמעס,
די ציטערדיקע קליינע מיידל־כּלות
אונטער דער בלוייער חופּה־פּאַז,
מיט דער שבֿועה פאַרן רויטן בעכער ווייַן
אויפצושטעלן אַ גאַטספּאַרכטיקן דור.
דער שטאַם אונזערער — נישט קיין העלדן,
נאָר באַהערשן אַלע שווערע טרויערן
וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אויף אונזער שוואַכן דאַך
איבער די אַלטע וואָס ווערן פּלוצלונג בלינד,
און זעצן זיך ביים שוועל אַנטקעגן זון
טריקענען די צולעכצטע ביינער.
און דער דערנידעריקסטער פון צעווישן אונז,
לערנט אונז ווי קינדער, פרום זייַן
און מורא האָבן — כאָטש ס׳איז קינדעריש,
און לאָזט נישט אויפהויבן דאָס פּנים אַנטקעגן גאָט,
ווען ער רופט אונז שטאַרבן, ווי מען רופט אַהיים.
די דרויסנס קילן.
די קאָרע פון די דעמבעס טרעשטשעט.
און דער בייזער פּראַסטווינט קריכט אין ביין
מיט זיינע אייליקע אייזיקע ציין
און סמט, און סמט.

# וואו איז דאָס צלמל?

אַז דער טויט באַזעצט זיך אין אונזערע דלד אמות
זעען מיר אים ניט.
מיר טרעטן אָבער שטילער, גרויער
פון איין טאָג אין צווייטן.
ווי טונקעלע ליכט מיט דינע בלויע קנייטן
ברענען ציטערדיק די טעג אין אונזערע פענסטער.
אונז אַרט שוין ניט צופיל פאַר מאַרק און וואַנדל,
נישט וואס די דעכער אויף די קלייטן שימלען
אונטער די בלויע, לויטער־קלינגענדיקע הימלען.
אומהיימלאַד קוקן אונזערע אויגן
איבערן בוים מיט די פריש באַבלעטערטע צווייגן.
און אַז עס קומט אָן פון דער מלוכה דאָס פּאַפּיר מיט רויטע
בייזע אותיות,
פאַרן נישט גרייטן זיך צו די געהויבענע טעג
צו פייערן דעם מאַנטיק פון דער ניי־באַזונגענער זעג,
דעם דינסטיק פונם הייליק־געזאַלבטן האַמער,
און דעם פרייטיק פונם ווייסן פרומען צלמל, —
אַז ס׳קומט אונז אָן אַזאַ מין פּראַטאַקאַל אַמאָל,
לויפט איטלאַכער צום טיר, צום פענסטער זען
צי עפּעס איז טאַקע באמת אויף דער וועלט געשען?
און אַלע ווערן גרייט צו אַפּטאָן גיך און באַלד
וואס די מלוכה האָט באַפוילן דער וועלט.
איינער נעמט זיך שייערן דעם עמבלעם פון האַמער,
און איינער — אויסשטויבן די פּאַן מיט דער קופּערנער זעג.
אַ דריטער יאָגט פון קאַמער צו קאַמער
אַפּזוכן דאָס צלמל פון די גאָר אַלטע טעג.
— וואו איז ערגעץ דאָס קליינע צלמל?
— וואסער צלמל?
— דאָס אַפּגעזילבערטע, דאָס דינינקע,
דאָס וואוילע שיינע מוצאי־פרייטיקדיקע צלמל:
וואו איז ערגעץ דאָס קליינע צלמל?

# איינגעשטילט

פון לייד דאָס טונקעלע געמיט
ווערט מיר דורך די קליינע לידער קלאָר.
וואָס עס קאָן ניט באַשיידן דאָס פּשוטע ליד,
ווערט מיר קיינמאָל נישט ווערן וואָר.

חכמים פון נאָנט און קלוגע פון ווייט,
פון מזרח און מערב לאַנד.
זיי זיינען אַלע זייער וואוילע לייט,
און האָבן טיפן וואָזשנעם פאַרשטאַנד.

איך בין אָפט געזעסן ביי זייער טיש
און געלערנט ביז ס׳איז געוואָרן פאַרנאַכט.
פון גוט און שלעכט, פון שיין און פון מיאוס
געטראַכט און אַ חשבון געמאַכט.

נאָר איך האָב דעם חשבון פאַרגעסן באַלד
ווי נאָר איך בין פונם טיש אַרויס.
דער פאַרנאַכטיקער דרויסן האָט אַנדערש געשטראַלט
אַרום איטלעכן קלייטל און הויז.

און אַנדערש האָבן מיר אויסגעזען
די מענטשן אויף גאַס און ראָג.
און דאָס וואָס איך האָב שוין געזען אַזוי לאַנג,
איז אַלט געווען נאָר איין טאָג.

און דער איינער טאָג איז געשטאַנען קליין
אויפן בלויען שוועל פון פאַרנאַכט.
בין איך אויך מיט אים געבליבן דאָרט שטיין
אויפן בלויען שוועל פון פאַרנאַכט.

דער טומל אַרום, ווייך און מילד,
האָט דערבלייכט און דערגרייכט זיין ברעג.
און איינגעשטילט ווי ס׳האָבן איינגעשטילט
ביז איצט אַלע אַנדערע טעג.

# די ווייסע שטיבער

כ׳וועל אויף מיין אייגענער האַנט דיך טראָגן,
די טיר איז אָפן, די וועלט בלויט פריש.
איך ברענג דיך איז דעם שיינעם וואָגן
און דעק דיר וואַרים איין די פיס.

מיר פאָרן, פאָרן, די שטיבער לויפן,
די גאַסן יאָגן אונז גיך פאַרביי.
די ביימלאַך, ווי קינדער אין די הויפן,
און וועגן עפּענען זיך ברייט און פריי.

די פעלדער וויקלען זיך גרין און גרינער,
און ביימער גרויס און שלאַנק און הויך.
בונוויטן פינקלט אַ פּאַס אַ דינער,
דאָס איז דעם זומערס בלויער טייך.

ווי וועלן מיר דעם טייך אַריבער ?
אַ בריק כאַפּט אונז אויף זיין רוקן אַרויף,
און ברענגט אונז גיך צו די ווייסע שטיבער,
די קליינע שטיבער, ווי שטילע שאָף.

# הימן

אָפּגעזונגען שוין דיין אַנדענק,
אָפּדערציילט זיך שוין דיין משל.
לאָמיר נאָכאַמאָל און פונדאָסנײַ און אַנדערש
און — פונאַנהויב.
ברידער, גרויט נישט איין אין אומעט.
פּרואווט אַ יונגן טאָן אין אַלטן ניגון.
אַלע אַלטוווערטער קאָנען נאָך ווערן נײַע, יונגע.
לאָזט נישט ברידער אונזער אידיש
טרויעריק איבער ניו־יאָרק אַרומגיין.
אויב די גאַס איז אונז אַ ווייטע און אַ פרעמדע,
און דער היינט אַ חוזק־מאַכער,
לאָמיר אַנצינדן די שיינקייט
אין דער טונקעלער שטוב פון נעכטן.
ברידער, לאָמיר פּראַוון שיינעם נעכטן,
לאָמיר שפּרייטן ברייטע ווייסע טישן,
לאָמיר־זיך צו דער סעודה זעצן.
קיינער זאָל פון אונז נישט פעלן.

זיינען אַלע שוין געקומען ?
אַלע זיינען מיר געקומען.

ווען די גאַס אונז אין די פענסטער
טייטלען מיט אַ לאַנגן שפּיציקן פינגער
און אונז רופן : לעצטער שבט ?
זיינען מיר איבער דער וועלט אַ לעצטער שבט.

ברידער מיינע פון׳ם לעצטען שבט,
האַלט זיך גאַנץ אין אונזער שטילער לעצטקייט.
האַלט זיך שיין אין אונזער ענגן קליינעם גרעניץ.
וואָס איז אונזער וועלט און אונזער לאַנד ?
דער נעכטן.
וואָס איז אונזער היינט און מאָרגן ?
נעכטן.
הללויה, לויב צום נעכטן.

# אָרים־היים

מיר וועלן זיך מיט אַלצדינג פּאַרטרויען
אין אונזער גוטער מאַמע נויט.
ביים ברעג פון איר גאַס אַ שטיבל בויען
די פענסטער בלוי, די טירן רויט.

און גיין וועט גרינג פון אונזער קוימען
אַן איידעלער, אַ זיידענער רויך.
אין געגנט דאָ פון די אָרימסטע היימען
שטייט אונזער פרידלאַך שטיבל אויך.

— ווער וועט צו אונז צוגאַסט דען קומען ?
— איך ווייס ? איך ווייס אַליין נישט ווער.
— האָסט דאָך געהאַט אַ פעטער אַ קרומען ?
— נו, דאָבט זיך, כ'האָב איהם שוין ניט מער.

— איז נישט קיין אייגענער, אַ שכן ?
צי ווערן פרעמדע זיך דען נישט נאָנט ?
אין גרויסער גרויער פרעמד און וואָכן
קומט אַמאָל אַ ווייטער און ווערט דערקאַנט.

מ'רעדט אַ וואָרט און צוויי, ביים דריטן
ווערט וואָרים היימלאַך קול צו קול.
אַ מענטש דערציילט וואָס ער האָט געליטן,
און ווערט אַלץ אייגענער וואָס־אַ־מאָל.

די אויגן מילדערן און טרייסטן
און אַ היימלדיקער שמייכל — ווייסט ?
אַ מענטש דאַרף האָבן איין שעה דערלייזונג
און אַלע וועלטן ווערן אויסגעלייזט.

# 1940

רוף קיין הילף ניט, אַלע שטראָפן
וועלן פאַלן — שטיין נאָך שטיין.
וועלט אויף אַלע הפקרס אָפן
און נישטאָ וואוהין צו גיין.

וויטן האָבן נישט קיין וואונדער,
נאָענטן האָבן נישט קיין היים.
שוואַרצט דער וואַלד ברעג־וועלט, באַזונדער,
אייננזאם אין אים יעדער בוים.

האָסט דיין חלק נויט געקליבן
ביי די ברעגן פון דיין ערד.
זון און טאָג האָבן פאַרשריבן
און פאַרמעקט — דער ווינט, די נעכט.

די געלייזטע רעטענישן
לאַכן, כיטרען איבער דיר.
ווערטער צייכענען בלייכן וויסן
איבערן וואַסער פון פּאַפּיר.

רינגען קרייזן זיך און דרייען
און פאַרגייען וויסט און גרוי.
וואָס קאָן דען די הערבסטנאַכט זייען?
קאַלטע קערנער טויטן טוי.

# באַנייאונג

אומעט האָט שווער מיך געבויגן,
קראַנק מיינע באַקן געבלייכט.
נאָר שווייגן פון שטאָל אין די אויגן
שווייגן וואָס שטאַרקט און גיט כּח.

האָב איך אין וואָס נאָך צו גלויבן?
יאָרן מיט ליידיקע הענט.
רגעס פון טרייסט — ווייסע טויבן
נידערן אויף חרובע ווענט.

כ׳זוך נאָך דייַן אָנהאַלט, דו שטאַרקער,
דו ליכטיק געוואַקס פון דער ערד.
ווערסט קומען מיך נאָכאַמאָל שטאַרקן
אין מיין הייל פון טויט־חרובע געכט.

די קראַנקע שרעקן צוטרייבן,
דערהויבן פון שיפלות מיין בליק.
אין דער טונקעלער גרוב פון די שויבן —
נייער טאָג אויף אַ ליכטיקער בריק.

דאָס גייע וועט מער נישט פאַרבלענדן
נאָר רואיקן ווי טרייסט, ווי שיין.
די שיינקייט פון אַלטער לעגענדע
קומט ווידער דורך מיר זיך באַנייען.

# אַלט־אידיליע

דו האָסט נישט אויף קיין גרויסע טעג,
שווער דאָס גרויסע צו פאַרטראָגן.
דער קליינער טאָג — אַ האַמער, אַ זעג,
אַ שטילער וועג, אַ פערד־און־וואָגן.

אַ קליינע, קליינע ערדישע פרייד,
אַ שטוב, אַ היים, אַ וואַרימער אויוון.
מיט צווייט פאַרוויט, מיט שניי פאַרשנייט,
קומען אונזערע אָרימע יומטובים.

און קינדער דערפרייען זיך אַזוי
און שפּרינגען זיי מיט גליק אַנטקעגן,
ווי קלאָרע שטיקער הימלבלוי,
ווען ס׳פרישט נאָך אינדערפרי דער רעגן.

און אויסגעצוואָגן, ווי מיידלשע קעפּ,
די דעכער, פענסטער פון אַלע שטיבער,
די זון מיט איהר רויטער זיידענער שלעפּ
גייט דעם גאָלדענעם מערב־טייך אַריבער.

אַ אינגל זיצט ביים פענסטער פאַרטראַכט,
און דאָס בין איך אַליין דאָס אינגל,
וואָס ווערט אַז אַנדערער פאַרנאַכט,
אַז אַנדערער ווי אַלע אינגלאַך.

איך זיץ ביים פענסטער ווי צוגעשמידט
און קאָן זיך פונם אָרט נישט רירן.
און זע און הער געהיימע טריט
פון אַלע שטיבער, פון אַלע טירן.

# צו זיך

פלאַנץ גוטסקייט אין די לידער
און ליבשאַפט זיי אין ווארט,
און גאָר דאָס ענגסטע ווינקל
ווערט דיר דאָס פרייסטע אָרט.

ניט קלאָג אויף דיין פאַרשעמטקייט,
ז'ער וואָס ווערט פאַרשעמט
דאַרף לאַנגע טעג און יאָרן
דערווייטערט זיין און פרעמד.

און איידער ער געוואוינט זיך
צו אַיין איינציק געסל בלויז,
בייגן זיך די מידע ווענט איין
פון זיין פאַראיינזאַמט הויז.

אַ טריבע גרויקייט טונקלט
אין זיין עלנטן פענסטער־שויב.
דער גאָט פון די קליין־געפאַלענע
וואַרט נישט אויף קיין לויב

פאַרן קאַרגן מאָגערן ביסן
וואָס ער וואַרפט זיינע אָרימע צו,
פאַר דער ווינקלדיקער שטילקייט,
פאַר דער גרויער רגע רו.

ער בייגט אַליין זיך טרויעריק
שפּלדיק צו דער ערד.
און פרייט זיך מיטן קלענסטן מורמל
פון הינטער אַ וואַנט דערהערט.

# פון בעל שם טוב ביז היינט

צום בעל־שם־טוב פלעגן קומען ארימעלייט
די רייכע האָבן זיינע שוועלן אויסגעמיטן.
אידן פון דער פרעמד, פון זייער ווייט
אפילו פון דער גרויער אומעטיקער ליטע.

אפגעוועז ביי אים דריי קליינע קורצע טעג
זיינען זיי שוין פריילאכע צוריקגעפאָרן.
אויף די דאָרע פלייצעס גרויע ליידיקע זעק,
דורך די פעלדער צווישן גינגאָלדענעם קאָרן.

ווער ס'האָט ווייניק ברויט און ווער ס'האָט מער —
ס'וועט גאָטס גוטסקייט אויסגלייכן דאָס קרומע.
אַז אַ מענטש קומט אויף דער וועלט אַהער,
איז ער גוטסטאָן דאָ אַהער געקומען.

תמיד נאָכזאָגן און נאָכזינגען גאָטס ערשטע וואָרט:
זאָל זיין ליכטיק, ליכט אויף אַלע זיבן וועגן.
וואָס איז ליכטיקייט? אַ ביימל דאָ, אַ גרעזל דאָרט,
און זינגענדיקע זיסע וואַסערן פון רעגן.

איטלאָד פנים פון שטוב — אַ פענסטער־שויב
קוקט איבער דער וועלט אַרום מיט נייע אויגן.
יונגע פרייד שרייט נאָך דעם וואָגן פונם שטויב
וואָס לויפט אים נאָך איבער די ווייטע וועגן.

גוטע נייע בשורות טראָגן לויפנדיקע פערד
זיי וועלן זיי איז צייט צו אַלע ערטער ברענגען.
אינדערפרי — געדיכטער טוי אויף דר'ערד,
און שווערע פולע פרוכטן פון די צווייגן הענגען.

איז אַזאַ ברייטער גרויסער שפּעדיקער וועלט

ווען אַן אָרימאַן שוין נישט פֿאַרפֿאַלנווערן.
איטלאַד איינער האָט אַ חלק אויף דער וועלט
דער קלענסטער חלק איז דער גרעסטער קרן.

איך, אַ ווייטער אייניקל פֿון יענע אָרימעלייט
וואָס פֿלעגן דעם בעל־שם־טובס שוועל באַטרעטן.
אין מיין שטאָט בין איך געקומען פונדערווייט,
אין אַ גראָען אָוונט, אין אַ שעה אַ שפעטער.

בין אַ בעטלער אַן אַ טאָרבע, נאָר איך בעט
און מיין ברויט ליגט אויפן טיש אַ פרעמדער...
ניגון, ניגון אַלטער, זינגט און טרייסט און גלעט,
נאָר דער קאָפּ בייגט שטום זיך אַ פֿאַרשעמטער.

משל, משל גוטער, לייטערט און דערקלערט:
איטלאַד איינער האָט זיין ערלאַכן חלק.
וועמעס טרער ס׳האָט פייכט געמאַכט אַ זעמדל ערד,
יענער האָט די גאַנצע ערד פֿאַר זיך געהייליקט.

# דער שטילסטער געגנט

דערפירן מעשים צו רו און שיינקייט —
א שטארק מיין אפהענטיקע האנט.
כ׳בין אנגעקומען אין לאנד פון קליינקייט,
האסטו מיך דורכגעפירט דאס לאנד.

כ׳בין אנגעקומען אין לאנד פון טרויער,
ביזטו לאנג מיט מיר פארבליבן דארט.
און אין זיין לייטערנדיקן פייער
מיך דורכזיכטיק געמאכט און קלאר.

אויף מיינע ליפן ווידויים פרומע,
און ריינער דמיון אין געדאנק
וואס כ׳בין בשלום דורכגעקומען
שוין גאר מיין וועג און גאר מיין גאנג.

און האב נאך גוטס זיך צו דערמאנען:
האב אויף מיין גרויסן נע ונעד
זיך אפגעשטעלט ביי מיינע שונאים
און גוטע טעג מיט זיי געהאט.

און גאנצגעמאכט די בייזע ריסן,
און ביים פארנאכטיקן סעודה־טיש
געטיילט אין פרייד דעם ארימען ביסן
און זיס־געמאכט די ביטערניש.

האב פרידלאך זיך מיט זיי געזעגנט
און זייער גוטן ישוב פארלאזט —
אויף גאר דער ערד דער שטילסטער געגנט
און דרימל איבער בוים און גראז.

# אונזער דאָרפשטאָט

דער האַר גיט אַ גראַשן פאַרן שענסטן טאָג,
פאַרן גראַשן קויפט מען אַ ברויט.
זעקס גראַשן אַ וואָך, זעקס גראַשענע טעג
און איין אײנציקער טאָג ווערט באַפרייט.

דער זונטיק פוצט אָפּ זײַנע שטויביקע שיך
און גייט אום אויפן אומעטיקן טראָטואַר,
ביז־וואַנען דער קלויסטער פון אַ ווינקל גאַס
צוקלינגט זײַנע גלאָקן הויך און קלאָר.

אין קלויסטער שטעהט אַ מזבח פון מעש
ארומגעשטעקט מיט ברענענדיקע ליכט.
און דער גלח אין ווייסהעמד לייענט פון אַ בוך
פרומע ווערטער פון גאָטס טאָג פון געריכט.

די פסוקים טריפן טראָפּנס טרייסט דערווייל
איבערן עולמס מיד־געבויגענעם קאָפּ.
און גלעטן דעם קנאַכיקן רוקן מיט גענאָד,
ווען זיי לאָזן זיך אויף די קני אַראָפּ.

אויף די טרוקענע ליפּן דאָס פרומע געבעט
צו גאָט, צו דער וועלט, צו דער וואַנט.
אַ בעטלער איז נאָך אונזער אַלט שטאָטיש דאָרף,
און שטרעקט אויס אַ פאַרשעמטע האַנט.

ווען סט אַראָפּנעמען די שאַנד פון אונזער האַנט
און פון אונזערע נאַקנס די קייט.
און דיין פרידן וועט רוען ביי אונזער טיש
און וועט בענטשן אונזער אָרימען ברויט.

# קליינשטאָטישקייט

מיינע עלעף הויכע ברידער האָבן מיך, דעם קלענסטן,
געקרוינט פאַר זייערן אַן עלטסטן — אונטערן אויוון.
נאָר איך בין אַלץ געבליבן דער שעמעוודיקסטער און דער יונגסטער.
פאַרקוק זיך מיט אַ פאַרדמיונט פּנים אויף דער ציג
וואָס גייט פון הויפעלע אַרויס מיט קליינע טריט
אין מאַרק אַריין און מיט אַ פרידלאַכן הומאָר
אויפן שפּיצבערדל און בטלניש לומדישן מע־מ־ע־ע.
און אַד, ווי די עלעף טריד׳ע ברידער מיינע
צואַקערן דעם הייסן זומערטאָג אין אַלטן מאַרק,
דרייען זיך אונטער דער זון אין אַ גראַטעסקן קאַראַהאָד
און הינטלען דאָרט אַרום די עלעגאַנט־צוגלאַנצטע פריצימלאַד.
נאָר אין אַ פרייער אויפגעלייגטער שעה טוען זיי מאַכן פּלענער
מיך אַרויסצושיקן איבער די גרויסע וועגן וועלט,
כ׳זאָל אַנקלייבן אַ חיל חכמה,
און קומען רייך אין גייסט און הויך אין כבוד.
נאָר איך, איך טו זיך צעגערן, ווער שעמעוודיקער,
יונגער, אומזיכערער אויף מיינע דאַרע קנעכל.
אַז קאַרג, אוי קאַרג איז דאָך מיין דאַרשט נאָך די גאָר ווייטע קוואַלן.
אין אונזער שמאַלע קרעניצע הינטערן בית־עולם באַרג,
וואָלט איך אייביק צוגעהאַלטן פאַרן זילבערנעם עק,
ווי דאָס ליבע אינגל אינם ליד: איך וויל נישט גיין אין חדר.
איך וויל נישט גיין אינערגעץ, ניט אין די דרום, ניט אין די מערב־קאַנטן.
נישט אין די היילן וואו עס אוצרט דאָס גיך־גינגאָלד.
מיין מאַמעס האַנט האָט מיך געוואוינט צום גרויסטן גראשן
און איז שטוב — צום שטילסטן ווינקל.
וועלן שוין די ברידערס האַפּענונגען הויך נישט אויפגיין
די הויכע עלעף ברידער מיינע, נעבאַך,
זייערע האָפענונגען וועלן הויך נישט אויפגיין,
וועלן שוין הויך נישט אויפגיין.

# צוליב מיר, צוליב מיר . . .

ווי ווייט זאָלסט נישט פירן,
דערפירסטו אַהיים.
קומט אַנטקעגן אַ בערגל,
אַ נאַקעטער בוים.

וועלט און יאָרן ווי פרעמדע,
פאַלן אָפּ, פאַלן אָפּ.
ווי גרינג ס׳נעמט די שטילקייט
איר שלייער אַראָפּ.

איר שלייער איז גרוי,
נאָר איר פּנים איז העל,
אַזויווי דער שניי
אויף אַ היימישער שוועל.

פון ווייט און פון פרעמד
זיך אַהיים אומגעקערט,
און דער ערשטער שניי
האָט פאַרליכטיקט די ערד.

צוליב מיר? צוליב מיר?
ווייזט אויס צוליב מיר,
די ווייסע סימנים
אויף פענסטער און טיר.

אויף בריקלאַך און טרעפּ,
אויף דאַך און אויף בוים,
לכבוד מיין מידיקן
קומען אַהיים.

# אַבל־ברויט

פון לאַנגע רייען בלוטיקע צלמים
איז איינער נאָר ביז היינט געבליבן.
און איבער אים אַ היילקער נאָמען
איז בלאַט פון אייביקן בוך פאַרשריבן.

די דאָרנקרוין רוט אויף זיין שטערן:
די טרויעריקסטע פון אַלע קרוינען.
דער טוי אויף דערנער הענגט ווי טרערן
וואָס די בלויע אוונט־שעה טוט ווייגען.

דריי ווייבער זיינען פאַרנאַכט געקומען
מיט לאַנגע קליידער און שאָטנס לאַנגע.
אַ פרומקייט האָט די וועלט פאַרנומען,
און פרום און שטיל איז די זון פאַרגאַנגען.

זיי זיינען אויפן בערגל גרוי געזעסן,
די מאַמעדיקע קעפּ צו דר׳ערד געבויגן.
און שטום דאָס אבל־ברויט געגעסן
און אָפּגעררוט אין טיפן שווייגן.

און ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן
און אַרויפּהויבן צו אים די אויגן,
מיט גנאָד און גוטסקייט, ווי ווייסע טויבן
אַראָפּגעקוקט האָבן זיינע אויגן.

אַ לעצטער בליק און זיך אויסגעלאָשן
און טונקעלער האָט געגומען ווערן.
ווי פענסטערלאַך אין ווייטע גאַסן
האָבן זיך געצונדן אינדערהויך די שטערן.

# איבער די לעצטע פעלדער

כ׳וועל זיך אַרויסרוקן פונדאַנען אַן אַ זאַק און אַן אַ שטעקן
דורך אַ טונקל טאַליק הינטערגעסל.

אָפּגעשלעפּערט דאָ מײַן אָרימאַנסקן מזל
און פֿאַרענדיקט מײַן ניט לאַנגן ליכטיק־אומעטיקן וואַגל.

נאָר כ׳קען נישט זאָגן, גרויסע קלײנע וועלט,
אַז אײן טאָג אַפֿילו איז אַריבער
כ׳זאָל נישט ליב־האָבן דײַן לײַב און שײנקײט.

צווישן שטראָף און זינד און אַנגסט און בלינדן הפקר,
האָב איך אויסגעשטרעקט צו דיר מײַן אינגלישדיקן גלויבן:

האַלט מיך, מאַמעשי וועלט, דאָ אויף אין דײַנע שטויבן,
אין דײַנע זונען, אין דײַן ברײטער קינדערישער גאַס,
וואו דער יונגער זומערטאָג צעוויקלט ראַש
זײַנע חנעוודיקע רעגנבויגנס לעבן.

דער טרויער האָט מיך נאָר אַ טאָג, דרײַ טעג געשראָקן,
און אויב נישט מיטן גאַנצן שטאָט־געזעמל אויפֿן הויכן מלך־וועג,
האָב איך מײַן אָרים ביסל וואונדערפֿרייד געשעפּט
אין אָפּגעזונדערטקייט — מיט אַלע מײַנע חושים, קושן.

מיט פֿינגער און מיט ליפּן זיס זיך צוגעקלעפּט
צו איטלאַד בליענדיקן, וועלקנדיקן צווײַגל לעבן.

קײן שאָטן און קײן אָטעם האָט ניט דורכגעשוועבט,
נאָר אַ קלײן וואַגנדל האָט זיך אַמאָל באַוויזן דאָרט,
כ׳האָב וואוילעריש מיטן האַנט געפּאַכ׳ט:

אַ גוטן שליטוועגס, גליקלאָכער,

צום װעג פֿון דײַנע אבֿות.

דער זכות פֿון טײַך און װאָלקן זאָל דיר בײַשטײן.

האָסט זיכער שױן דײַן אַרבעט אָפּגעטאָן
אױף דײַנע שטילע נחלות און בראַרױטע פֿעלדער.

אױף אַ בײט פֿאַרפֿלאַנצט אַ בײמל,
אַ שאָף געפּאַשעט,
אַ ציג געפֿיטערט.

איז אַנדערע יונגע הענט און אָרעמס
דײַן קערנדיקער איבערקער כּח.

איז אַנדערע יונגע הונגעריקע אױגן
דײַן זון, דײַן הימל, דײַן פֿײַער.

פֿאַר רואיק צו דײַן שלאָפֿבעט אױף די לעצטע פֿעלדער,
װאו הימלען קוקן מילד און װינטן ליגן אײַנגעשטילט
בײַ די שװאַכע פּיראַמידן־שטײנער.

# קיינער קומט שוין ניט

כ׳בין נישט אַרויסגעגאַנגען פֿאַרויס פֿון מײַן דור,
וואו קאָן אַ לעצטער אבל פֿירן?
די שפּעטקייט וואָס פֿאַרנאַכטיקט איבער שטוב־דעכער,
שאָטנס איבער אַלטע שוועל און טירן,
טונקלט שווער אויך איבער מײַנע ברעמען.
האָב בלויז די געוואוינהייט ניגונען און אונטערברומען,
מישן אַלטע בלעטער פֿון פֿאַרשטומטע ספֿרים,
לערנען לערן איך פֿון דאָרט שוין ווייניק.
ביז צו בלוטיק צוגעוואַקסן צו מײַן גאַס פֿון הײַנטיקע אביונים.
און קיין אַפּשײַ פֿאַר געקרײַזלטער למדנות
האָב איך ניט.

שוין יאָרן ווי כ׳זוך אום אַ שטיקל פֿאַליש פֿון אַן ערלאָר
שוסטער־שולכל
און פֿאַרבלאָנדזשע הינטער שוואַרצע קלויסטער־גאָרטנס.
הינטער זשאַווערדיקע פּלויטן און צובראָכענע אַלטע מאַרקן
שלעפּ איך זיך אַרום מיטן בלודנעם זונטיק
ווי מיט אַן אויסגעקראַכענעם הונט אַ געלן.
טראַכט מידע טראַכטונגען פֿון עפּעס אַלטע היימען
וואוהין איך בענק שוין ניט אפֿילו.

איך גײ אַרום הינטער די אַלטגאַסן פֿון מאָנאַטאַנעם מאָנטרעאַל
וואו פֿענסטער שטויביקן טויטן אַש,
אויף אײַזנפּרענטעס הענגען זשאַווער־שלעסער,
אוצרות שימלענדיקער אומעט הינטער הויכע שטיינער־ווענט,
נאָר אויפֿן טורעם־קופּאָל קעגן ברייטן ים־ברעג
שטעהט אַן אָפּגעגילדעטער יוחנן מיט אויסגעשפּרייטע הענט
צו אַלע אַריבערשווימענדיקע שיפֿן פֿון די ווייטע אַלטע לענדער,
נאָר — קיינער קומט שוין ניט.

# צייט־דיאַלאָג

און די ביטער־שמייכלענדיקע ספקות האָט גרעדט:

— אַ גאָט פון נייך־מאָל אייביק־גרויסן קאָסמאָס,
אַמאָל האָסטו אונז אָרימע פּיטנים
נעענטער געהאַלטן צו דיין הערלאַד פּנים.
און אויף די בלייכע רויזעלאַד מליצה
האָט דיין שטראַלנדיק געגאָד געלויכטן און געוואַרימט.
איצט טרייבסטו אונז מיט בייזקייט אָפּ פון זיך
ווי אַדמען — צו אַקערן די וועלט מיטן געזאַלצענעם שווייס,
און שטעלסט אונז מיטן פּנים צו די הימלהויכן:
קינדער, זאָגסטו, קאָנען זיך נאָך שפּילן ביי די ברעגן טייכן.
פון אונטער אונזער טראָט, טוסטו אונז איינטענהן,
וועט אויפשפּראָצן אַ ניי געזאַנג ווי זאַנג, ווי רעטאַך און ווי קרויט.
איצט מוזן זיך פונדאַנען אָפּטראָגן די אַלע לייט
אין כבוד אויסגעכאָוועט — מיטן נאָכגעשלעפּטן עק פון ווייסן זייד.
דו מאַכסט מיט קיינעם נישט אויסנאַם.
אַלע, הייסט עס, וועלן ווערן פּראָסט און גרוי?

— ווייזט אויס אַזוי.

— אפילו די שבתימלאַד, יומטובימלאַד
וועלן אויך אַריין אין וואָכעדיקן הויז?

— אַזוי ווייזט אויס.

ס'איז עפּעס דאָ צו שפּעט פאַרזען געוואָרן,
און מען דאַרף זיך נעמען גיכער צום פאַריכטן.
מוזן אַלע שוין אַריינשפּרינגען אין די גרוי־גראָבע פּלודערן
אַ נייער ריטם פון אונטערן רעש און רעדער־רודערן.

— טאָ וואָס וועט ווערן פון אונזערע לירעס? פידלען? האַרפן?
— זיי וועלן זיך אַביסל אָפּרוען אין די ווינקעלאַד.

מסתמא וועט מען זיי אַמאָל נאָך דאַרפֿן.
וועט מען שיקן די גוטע אײַנגעלאַך.

— ווי מאָדנע, גאָט, דו ענטפֿערסט עס על ראשון ועל אחרון.

— מ׳מוז דאָך קלאָר־מאַכן די אַלע הערלאַכע פּראָסטקייטן
וואו שוואַרץ און ווייס קאַפּאַטעס האָבן פֿאַרבלענדט, פֿאַרשטעלט
די פֿייערלאַכע וואַכיקייט
די שײַנע פּשוטקייט פֿון דער גוטער וועלט.

# אין דער אייביקער וועלט

ר׳ יהושוע בן חנניה שלייפט נאָדלען,
און ברוך דע ספּינאָזא שלייפט גלעזער
און ר׳ יוחנן הסנדלר שוסטערט און שטיוולט.
און ר׳ זרח פון כוטארל קאַרעץ
האָט געעפנט אַ געוועלבל פון תורהוואַרג.
עפּעס שעמט ער זיך דורכגיין גאַנצפרי דורכן געסל אין מאַרק,
אפילו פאַר די טעלעגראַפסלופעס, פאַר די שטיינער אויפן בריק,
אפילו פאַר דער ערשטער שייקע כלבים
וואָס סודען זיך הינטער אַ וואַנט, ווי גנבים.
ער שטעקט מיט אַ פאַרציטערטער דאַרער האַנט
דעם פאַרפאַראַרענעם שליסל אין טיר־לאָד אַריין,
ר׳ זרח דער קלייטניק פון תורהוואַרג.
אַביסעלע אַלף־בית חכמה,
אַ זעקעלע דרדקי פּילפול
און עטלאַכע קינדערשע סטראָפן
פאַר טויט־מידע מקובלים צום שלאָפן.
ער קלאָגט זיך: „דער רייכער גמליאל
האָט איבער מיין מסחר געחוזקט אין הויז פון סנהדרין
אַז מיין שטאָף איז מהדרין מן המהדרין.“
נאָר דער איידעלער הילל האָט זיך איינגעשטעלט פאַר מיר:
„גאָטס ליכט שיינט אַראָפּ פונם בייסטידל פון זיין טיר;
„זיין ערלאַכע האַנט איז די הייליקע וואָגשאָל פון גאָט“ —
פונדעסטוועגן וויל ער, ר׳ זרח, פאַרמאַכן זיין קרעמל,
און וויל זיך פאַרהויקערן אַזויווי אַ קעמל
מיט זיבעצן בעטלערשע זעק אויפן רוקן.
דער איידעלער הילל אַליין וועט נאָר פרעגן די שכנים
און רעדן אין פרומען געגנאָר אויף זיין נאָמען.
און אפשר נאָך געבן אַ גאָלדענעם משל
אַ זכות פאַר זיין לעבן.
ווייל ער האָט עס אַנדערש געזען און געהערט
אונטערן קופערנעם קלאַנג פונם לומדישן גראָשן.

# מ י י נ ע

איז אומעטיקן לאַנד פון גרויסע חורבנס
שלאָפן מיינע היימן־קברים.
געזינדן גאַנצע, זיידעס, באָבעס
און אייניקלאַך — אונטער אַ מצבה־דאָרן.

אַזויפיל שרעקן הויערן נאָך דאָרט אַרום
און איטלאַך אומרואיק שטיבל ציטערט.
דער ווינטער מיטן הונגער גייען האַנט איז האַנט
מיט פראַסטיקע, מיט פייעריקע ריטער.

נאָר מיינע אייגענע דאָרט זיינען אַלע טויט,
ליגן רואיקע אונטער די קעלטן,
און הערן ניט ווי גאָט גייט צאָרנדיק נאָך אום
און משפט מיט זיין שווערד די וועלטן.

און איך, איך האָב זיך אָפּגעגנבעט פון דאָרט,
געגנבעט גרעניצן, דעם ים און — אַריבער.
דורך אַלע גרויסע, קאַלטע ווייטן נעמט מיך דורך
פון אַלע חורבהס, טרויערן דער הייסער פיבער.

וואו עס זאָל נישט פאַלן מיין געביין,
געהער איך אַלץ צו יענע היימען־קברים
וואו איטלאַך ברעטל שטייט דאָרט שוואַרץ און דאַר —
אַ וויסט געדעכעניש, אַ מצבה־דאָרן.

אויב ס׳שטייט דאָרטן אַ וואָרט פון גוטן לויב,
האָט עס געקריצט אַ קינדערישער מלאך.
און אַנגעטאָן דאָס ברעטל ביז אַ העלפט
מיט אַ ווייס העמדעלע פון קאַלך.

# צו די היינטמאַרגנדיקע

כ׳וועל קומען אין אייער נייעם דאָרף
און זיין דאָרט ווי אַ פרעמדער,
אַ ווייטער און ניט־דערקענטער.

מיין שפּראַך און מיינע מידות — אַלטע, אַלטע.

כ׳וועל אַרויפקומען אין אייער גאַטהויז אויף דער בימה,
און ווייט וועלן אייך זיין מיינע משלים,
און ניט־פאַרשטענדלאַך מיינע רייד פון מוסר.

איר וועט מיך איבערלאָזן צו זיך אַליין
מיט מיינע קליינע הייליקייטן שטאַרבן.

נאָר —

אפשר רעדט אין מיר מיין טונקלער צער, —
מיין שעה פון איבערגאַנג?

מיין שעה פון איבערגאַנג איז ביטער
און ס׳קאָן גאָר זיין אַז אייער נייער יונגער ישוב
וועט אויך פאַר מיר זיין אָפן.

און כ׳וועל אין אייער נייעם גאַטהויז קומען
און טרעפן דאָרט מיין שטילן ווינקל,
און אין אייער שפּראַך
מיין אייגענע באַנייאונג הערן.

און כ׳וועל דערקאָנען מיין ירושה אין אַלץ, אין אַלץ
וואָס איר וועט טאָן און בויען.

און איך וועל זיין דאָרט דער בעל זכות

אפשר דער איין־און־איינציקער —
מיין תחית המתים זען אין אייער לעבן,
מיין הימן הערן זינגען אין אייער יובל.
די מידות מיינע ווי גוט־פארפלאנצטע קערנער,
וועלן אויפגיין גרין אויף אייער אויפגעריכטער ערד
אין מעשים ערלאכע, געבענטשטע.

כ׳וועל זיין דער שטארקער אלטער
וואס האט געקאנט אויף זיך אריבערטראגן
דאס שווארצע נאכטיקן און דאס רויטע טאגן,
וואס איז דורך חורבן און דורך פייער
געקראכן אויפן בראכווארג קנאכנדיק,
נישט בלינד געווארן פונם גרויל,
און לעבעדיקע ווערטער זיינען איז מיר געבליבן קוועלן
פאר שפעטער און פאר איצט.

און איר וועט אויף מיר אנווייזן
ווי אויף אן עדות,
וואס האט געוויקלט ארום אייגענעם לייב די פלאמען
און די גרוילן פונם גרויסן יאמערלאכן אמת
ווי א געהייליקטע פאן.

כ׳וועל זיין אן עדות.

נאר אין־זיך וועל איך טראגן יעדן ווידוי־בליק
פונם חורבנס אויגן.

און אויפן ערשטן בלאט אין בוך פון אויפלעבונג
וועל איך אן אות פון בלוט פארזיגלען —
א טראכט פון איינעם, וואס האט געזען דעם טויט
אין הייליקע און אומהייליקע געשטאלטן.
געהערט אים ריידן אלע ברודיקע און לויטערע רייד
און אונטער אלע מאסקעס פון משיחים:
די שטרענגע און די מילדע,
די פאלשע און די אמתע,
די ריינע, אומריינע,

בענטשנדיקע און געבענטשטע,
פֿאַרשאָלטענע און שעלטנדיקע.

און איך וועל האָבן צו דערציילן
דעם ביטערן געוועט פֿון גאָט און שד,
דעם מיטאָס פֿון די זיבן מיטהס —
די זין וואָס האָבן זיך געבאָרעט און געראַנגלט
מיט די שטאַרקסטע אָפּגעטער
און אונטער זייער טויטן־גוף געפֿאַלן.

כ'וועל זיין אַן עדות —

מיט מיין ווייסער אַלטער באָרד,
מיט מיינע קנאַכיקע הענט,
מיט מיין דורכגעבערענטן, דורכגעאַקערטן שטערן,

און וועל אַ צייטווייליקער תּושב ווערן
אין אייער נייעם דאָרף,
און צחען, צוקוקן זיך שטיל
ווי איר בויט דעם חורבן איבער
אויף דער אַלטער ערד אונטערן אייביקן הימל.

# אַוועקגיין

איך וועל אַוועקגיין פון מיין גאַס נאָך ניט קיין אַלטער,
אויף מיין קאָפּ — די שווערע האַנט פון אומגליק.
און אויף מיין באַק דער זיסער אַנריר פון די קינדערישע ליפּן.

דער ליכטיקער צייכן וועט פאַרבלייבן.
כ׳וועל ליגן אין מיין גרויסן שלאָף אין גאָרטן פון די אייביקע.

מיין אָנדענק צינדט מען נישט אין די שלאַנקע פרומע פענסטער
נישט פון די אַלטע, נישט אין די נייע קלויסטערס,
וואו דאָס פאָלק גרויסט גאָט און זיינע חשובע.

איך בין נאָר דאָ געווען אַ הינטערגעסלניק,
אַן חלקים עולם הזה, עולם הבא — אַן אַוועקגעגאַנגענער
אויף די ווייטע וויסטע, פוסטע וועגן,
וואו די העלזערישע אַפּיקורסים ווערן פאַרלאָרן,
און וואו דער גראָער טויבער רעגן פאַלט אַן ברכה
אויף מדבר־זאַמדן, שטיינער־קנאַכן.

# קלייב־אויף

קלייב־אויף די איידעלע שיינקייט
אין העלע קינדערשע אויגן:
ווערטער פון מילדן פרידן
אונטער אַלט און איינגעבויגן.

עס קומט אַ דור אַ גרויער,
אַ מדבר־דור אַ וויסטער,
אין שמאַכטנדיקן טרויער
נאָך יעדן דינעם פּליסטער.

באַהאַלט דאָס וואָרט דאָס שטילע
ווי אַן אוצר אין די היילן.
עס קומט אַ דור אַ קראַנקער,
דו וועסט אים דאַרפן היילן,

און אין זיין טונקל צינדן
אַ ליכט אויף גראָע ווייטן.
אים אין זיין עלנט בינדן
צו שפּעטערדיקע צייטן,

ווען די גערעכטע ליבשאַפט
וועט הויך איר פאָן דערהויבן
פאַר דער געפאַלענער שיינקייט,
פאַר דעם פאַרשפּאַטן גלויבן.

# צושענק דיין וואָרט

דער שיינקייט גיב אַפּ דיין נשמה,
דער גוטסקייט — דיין האַנט
צו בענטשן מיט ערלאכע ליכטיקע מעשים
זייער טריט אויף דער וועלט.

ווי ביים פעלד־אַקער, ביים פעלז מיטן האַמער
צוגראָב און פאַרזיי זייער ערד
מיטן טוי פון דיין שווייס,
מיטן גאָלד פון דיין בלוט.

ס׳וועלן וואַקסן די זאַנגען פון ליכט
ווי די זאנגען פון ברויט.

זאָל עס זיין אויפן זייד־פּאַפּירוס פון אַ בוד
אין אַ דין איידל ליד וועגן כינעזישן טוך,
צי וועגן שפּרינגעלאַד גאָלד
נאָר אין זאַמד פונם שטיין.

צי וועגן שטיבל וואָס האָט זיך פאַרוקט
אין די טונקעלע שטילקייטן הינטער די מויערנווענט,
ווען ניו־יארק האָט מיט שטאָלענע אייזערנע הענט
זיך פאַרמאַסטן אין לופטיקן קלעטער.

צי וועגן דעם וואונדיקן כתב אויף די טרויעריקע בלעטער
וואָס שטאַרבן איז סם און אין ווינט ערב־הערבסט.
און פאַרנאכט נאָכן כמוריקן טאָג שאַרט די זון זיך אַרויס
דורך אַ פאַרביקן בליאַסק און וואַרפט אומעטיקע פרייד
אויף די בוימער וואָס זינגען די בליאונג פון טויט
קראַנק־גרין און שווינדזיכטיק־רויט.

# די צווייטע זייט היים

זאָגן תהילים־לידער אין אַ פֿרומער שעה,
איז יעדער גרויע שוועל, פּאַרנאַכט און אינדערפֿרי
דיין הייליק־הויז פֿאַר מיינע מידע קני.

איך זאָג און זינג און גלויב
אַז דו פֿירסט גרינג דיין האַנט איבער מיין קאָפּ —
אַ ווייסע טויב.

איך בין נישט אויסגעלייזט.
בין נאָך נישט אויסגעלייזט.

כ׳וועל קומען אין דעם לאַנד פֿון טויט
ווי כ׳בין געקומען אין דעם לאַנד פֿון לעבן —

אַ בעטלעריש געמיט אין אַ צוריסן קלייד.

ווייס־פּאַרשנייט
טרעט איך די שוועל אַריבער און דערזע:
אין ווינקל־וואַנט אַן אַלט קליין אויוועלע שטייט.

כ׳טרעט צו און וואַרים אַן די הענט.
איך וואַרים זיך און קוק זיך שטיל אַרום:

איין וואַנט איז קרום,
פֿון איינער פֿאַלט אָפּ שטיקער ליים.

מורמלען מיינע ליפּן פֿרום:
מיין היים.

אין ווינקל שטייט אַ נידעריקע לאַנגע באַנק,
און אויפֿן באַנק — אַ שלאָפֿנדיקער איד.
כ׳קאָן פֿון אָרט נישט אויפֿהויבן די טריט.
דאָס איז מיין פֿאָטער און איז מיד.

# אַ קאַפּיטל תהילים אויף א. מ. ווייסבערגן

האָסט פֿאַר זיך אויסגעהאַקט אויף אונזער מדבר־גאַס
אַ הייל פֿון שטיין.

אַ נאַכטיקער האָגל קלאַפּט מיט קאַלטע ציין
איבערן דאַך פֿון דיין געביי.

דיין כּעס האָט שוין איצט איינגעשטילט.
אויף קיינעמס אַנגסט און לייד
האָט נאָך די רו נישט אַזוי ווייס זיך אויסגעשפּרייט.

קיינעמס האַנט האָט נאָך דער גוטער טויט
נישט אַנגענומען אַזוי ברודעריש ווי דיין.

איך וועל זיך זעצן שבעה נאָך דיין הייליק געביין,
ווי אַן אַלטער איד, זיך וויגן אַ גאַנצע נאַכט
איבער דיין אָרימען אָרון אויף דער ערד, פֿאַרמאַכט.

וועל מורמלען גרוי דאָס אַלטע ביסל תהילים
נאָך דיין דאַרן טרויעריקן גוף,
נאָך דיין גרינעם ווינענדיקן שמייכל וואָס איז אויסגעגאַנגען.

אשרי, וואויל, האיש, דעם מענטשן
וואָס איז פֿונדאַנען אַוועקגעגאַנגען
אין לאַנד פֿון שטומען רוען און שטילן שלאָפֿן.
ווייל וואָס איז דען פֿאַרן בן אדם דאָ צו וואַרטן?
און וואָס איז דען פֿאַראַן פֿאַר אים צו האָפֿן?
אַז זיינע טעג זיינען געציילט און זיינע יאָרן קאַרג,
און קייקלען זיך אַראָפּ ווי שטיינזאַמד פֿונם באַרג.

# ניגונים

.1

איינשטעלן פאַר דיר זיך, ליד מיינס.
פאַר דיין שטילקייט, קליינקייט.
פאַר דיין טרויעריקן וואוילן עזות —
זיין און בלייבן אין דיין פרומען גרעניץ.

איך אַליין, אַן קיינעם, וועל עולה־רגל זיין אין מיינע גוטע שעהן
צו דיין שמאַלער ריינער שוועל.
נישט פרעגן און נישט זוכן אויפן זאַמד אין הויפל
טריט־סימנים, בלייכע צייכנס פון אַ חבר, תלמיד.

מורא־צייטן פינסטערן איבער די וועלט־ישובים.
כ׳קאָן נישט, ליד מיינס, אַן בזיון קומען
אין דיינע נידעריקע ווענט צו תהילימען מיין ווידוי
כאָטש זי איז פאַר אַלע אומגעוואָרפענע, מידע.

כ׳פיר אַ מחנה בעטלער נאָך מיין גרויער פאַלע
צו די ברעגן וואו מען קאָן ניט העלפן
אפילו מיט אַ דאָרן נאָכטלעגער אויף אַ קלויסטערבאַנק,
אפילו ניט קיין שיטער־ביטער קאַוועלע געטראַנק
לכבוד דעם געקרייציקטן יומטוב
ווען גלעקער שרייען הלל.

נאָר איינשטעלן פאַר דיר זיך, מוז איך, ליד מיינס.
וועל לייענען פאַר דיר אַ צעטל טרייסטן
פון גאָר אַלטע, אַלטע חשובים,
וואָס האָבן אָנגעקינדיקט דאָ אַ רמז־צייכן,
אַז אַ צווייג וועט זיך אַרויסשניידן אין שטאָם פונם בעל שם,
אַ שפּעטער און אַ ציטערדיקער.
זיין גריך וועט איידל זיין, זיין בלאַט פון זייד,
און מיט אַ בלוט־וואונד זיין געשמאַקע פרוכט.
הערבסט וועט גאָלדיקן אין זיין רייפן לייב
זיין שיינקייט וועט צעווייען אין ליכטיקן זילבערשטויב.

.2

אַלע ווילן זיי זיך ראַטעווען, מיין ליד
אונטער דיין אָרימען דאַך.
די ליבשאַפֿט מיט איר פּיין און וויין,
דער טרויער מיט זיין דאַרנקרוין,
די האָפֿנונג מיט איר דינעם גאָלדענעם פֿלאַם.
און אונזער קראַנקע שיינקייט אויף דער מידער שוועל
ווען ס'פֿאַלט אויף אירע באַקן שוין דאָס טריבע געל.

אַ ניט פֿאַרמאַכט דיין נידעריקע קליינע טיר,
דו פּשוט וואָרט, דו ערלאַך ליד
פֿאַר אַט־די אַלע אורחים־תּושבֿים פֿון דער גרויסער וועלט.
זיי דו דאָס לעצטע גאַטהויז אויפֿן קאַלטן וועג,
וואו ס'לויפֿט דאָס וועלק־בלאַט אין צושראָקענעם רויש.

אַ דין בלייך רויכל שלענגלט פֿון אַ לעצטן הויז.

שוואַרצע טעלעגראַפֿסלופּעס שפּילן אויף די סטרונעס דראָט
אַ טויטליד פֿון אַ חרובֿע שטאָט.

לאָז זיין ליד, אַריין אין דיינע שטילע ווענט
זיך אַנוואָרימען די קאַלטע הענט,
זיך אָפּרוען אונטער דיין אַלטן נידעריקן דאַך
אין אַט־דער בלאָנדזשענדיקער טונקלעניש
צעווישן וויסטע טאָג־און־נאַכט.

# די אַלט־נייע לבנה

די ליבע האָט אַ קינד געבוירן,
אַ אינגעלע אַזוי שיין ווי זי.
זי איז מיט דעם אין בעט געלעגן
ביים בלויען פענסטער אינדערפרי.

אַ האָלבער פאַרהאַנג איז פאַרהויבן
און דורך די שויבן קוקט אַריין
דער אויפגעעפנטער קלאָרער הימל,
דער יונגער טאָג דערפרייט און נײַ.

דער יונגער טאָג האָט פאַר דער ליבע
געבראַכט מתנות: זון און פרייד,
און זיי אַזויווי זייד איז ווייסקייט,
איבערן גאַנצן בעט צושפּרייט.

און איבערן שיינעם קאָפּ פון אינגל
האָבן די גאָלדענע האָר געבליט,
און העל־געבלענדט איבער דער ליבע
מיט גליקלאַך ליכט און גלעקלאַך צוויט.

אין שטאָל האָט שוין די קו געמוקעט,
און פונדערווייט האָט מען געהערט
די דינע שטאַרקע מילעך־שטראָמען
איבער דעם טיפן עמער־בלעך.

דער האָן שוין געקרייט אַ צווייטמאָל,
געפּאַכעט מיט די פליגלען הויך.
די שיינע ליבע, מוזט איר וויסן,
וואוינט אין אַ דאָרף לעבן אַ טייך.

אַרום דעם דאָרף אַ רינג אַ האָלבער

פון אַלטן וואַלד געדיכט און גרויס.
דער ליבעס הויז האָט ווייסע טירן
און בלויע פענסטער האָט דאָס הויז.

דורך זיבן וועגן שטיין און זאַמדן,
דורך זיבן וויסטע נעכט און טעג
קאָן מען דורך וואַגלעניש און וואַנדער
געפינען צו איר דאָרף אַ וועג.

די ליבע דאָרט אין דאָרף איז מיינע,
און אויך דאָס אינגעלע איז מיינס.
און ס'ברענגט דער נייער טאָג דער שיינער
זיי מיינע גרוסן פון דער ווייט.

און מיינע גאָלדענע מתנות,
צושפּרייט זיי איבערן ווייסן בעט.
און מיינע בענקענישן־מורמלען
ווען ס'נעמט די טאָג־שעה טונקלען שפּעט.

דאָס אינגעלע אין מילדן דרימל
שלאָפט ביי איר ווייכן אָרעם איין.
און מיט פאַרמאַכטע אויגן הערט זי,
ווי כ'קום אין דער טונקלער טיר אַריין.

# צו . . .

די ניט־גליקלאכע, אין נע־ונד דורך ישובֿן פֿון טויט,
קומען צו דיר זוכן מילדערונג און טרייסט, ווי ברויט.
יומטובֿים אַפּגעקומענע, פֿאַרשוועכטע שבת־טעג —
דו האָסט נאָך אין דיין קול דעם קלאַנג פֿון יונגן ברעג,
וואו בוימער לויכטן אויף מיט פֿרילינגדיקן ליכט
אַנטקעגן זיינע בלויע ווינטערדיקע טריט.
ווער ס׳קאָן נישט לייענען די דינע קריצן פֿון דיין געמיט,
די פֿרומע צייכנס אויף דיין גוטגעוואָרן געזיכט,
ווייסט נישט ווער דו ביזט און ווי דו הערסט און זעסט,
און ווער עס זיינען דיינע שפּעטביינאַכטיקע געסט,
וואָס קלאַפּן אין דיין פֿענסטערל און וועקן דיך אויף
פֿון דיין געמינערטער שעה שלאָף.
וועמעס נידערגעשלאָגן לעבן האָט ניט אָנגעלעגט זיך אַן דיין
וואַנט?
דו האָסט אַזאַ מין קליינע שמאָלע האַנט —
בלויז פֿון איר וואָרימען באַריר אַליין
ווערט ווידער קינדעריש נאָך לאַסקעס
דאָס געשמיסענע, געבּיסענע געביין,
און אַלע האַרטע, בייזע מאַסקעס פֿאַלן פֿון זיין פּנים אַפּ.
ווי ריינסטער גלויבן און ווי זיסטע ליבשאַפֿט
ווערט דער אויסגעפּייניקטער טרויער שיין.
טרויער, דו ביזט שיין.
אינם בעטלערישן לייוונט אויף מיין אַקסל
טראָג איך אוצרות, אוצרות
פֿאַר רואינע־שטעט און פֿרייד — פֿאַר קינדער —
הונגעריקע שאָף איבערן חורבנס ווייסטע וועגן.
קאַלטער רעגן, בלאַטיק דער הימל גרויט.
זיי האָבן דורכגעבראַכט די מגפֿה־דערפֿער פֿון טויט,
די מאַמע־אָרעמס זיינען פֿון זיי אַפּגעפֿאַלן.
דורכגעשלאָפֿן אונטער אַ פֿרעמדן דאַך און — אינדערפֿרי
זיינען זיי געווען שוין עפּעס אַנדערע, ווי ניט פֿון דאַנען, ניט
פֿון הי.

# פון אַ נזירס פּינקס

איך האָב געפּראַוועט מיין נזירות
אין אַלטע קעלער־קלויסטערלאַך,
וואו די מאַדאָנעס אויף די נידעריקע ווענט
טראָגן גרויע אָרימקליידער,
און זייערע יוזעלאַך זיינען אויסגעמאָגערט.

כ'האָב תּפילה־געטאָן צו די פּראָסטע גאָטסווייבער
וואָס זייער פרומקייט לייכט אַרויס מיט זיס געגנאָד
נישט נאָר פון די גוטע שטילע פּנימער,
נאָר מער נאָך פונם ברייטן לייב און מאַמעדיקע היפּטן, פּיס,
פון זייער לאַנגער קנאָכיק־וואָכעדיקער האַנט פון שווערער מי.

דער וואַן גאַנג פון יענע קלויסטערס איז אַ סטאַליעריונג.
פון האָלץ און ניט פון מירמל האָט ער אויסגעסטאַליערט
דאָס געשטאַלט פון פּראָסטן קריסטוסן.
ער האָט אים דורך זיין אייגן לייב דערקענט,
און דורך דער ערלאַכקייט פון זיינע הענט.

אויך זיין מאַמע האָט מיט קנעכלדיקע קני
געשלעפּט די שווערע אָרימקייט, באַרנאַכט און אינדערפרי
אויף איר שמאָלן רוקן, ווי וואַסערלאַגלען אין דער וויסט.
און מאָגער איז געוועזן דער זאַפט פון אירע בריסט
און דער שמייכל פון איר גוטן פּנים האָט געצאַנקט
ווי אַ קינד וואָס ווערט פון הונגער געל און קראַנק.

# ווער געבעט...

ווער געבעט, ווער געבעט, מיין ליד,
וויג זיך אַריין אין הכנעה.
די שוועסטער הכנעה זוכט טרייסט
און געפינט איר אַמאָל — ווערן ענגשאַפטן ברייט.
און אויפגעלייגט קומסטו אַריין אין איר קעלער,
וואו דער טרויריקער באַהאַלט זיך
פאַרן רוישיקן שיין פונם דרויסן.

דאָס ערלאַכע ליכט דיינס, שטיל ליד,
צושפּאַרט זיינע ווענט,
וואַרימט אָן זיינע קאַלטע הענט,
און ער רירט זיך אַרויס פון זיין ווינקל
הייבט אויף זיינע ברעמען — אַ קוק־טאָן דעם דרויסן אין פּנים.

די גאַס איז היינט פריי, ברודער.
דער וואָס דערשלאָגט איז נישטאָ איצט.
און דער וואָס דער נוגש האָט געדונגען,
(ער איז פון אונזער גאַס׳ יונגען) —
זעטיקט זיך ערשט ביי דער קאָרטע אָן,
און זיין האַנט און זיין שנוק זיינען פאַרנומען.

ער האַלט נאָך די בייטש אין זיין לאַפּע ניט זיכער,
און מען קאָן נאָך דאָ אומגיין.

פאַראַן דאָ נאָך, ברודער, שטיקלאַך עדה און עדות
פאַר אונזערע דרשות און שטילע ווידויים.
מיר, ציגיינער אין וואָגל פון טרויער און אומרו.
ס׳אַרט אונז דאָס קנאַכיקע לייב פון דער נויט,
דער דאַרנקראַנץ אויפן פאַרשעמטן ברויט
אויף די ערלאַכע טישן אין שאָטן פון אוונט.

ווער געבעט, ווער געבעט, מיין ליד,
וויג זיך אַריין אין הכנעה.

# צו מיין פרוי

אונטער דיין שטילן באַלקן רועה,
און ביי דיין גוטער וואַרימער האַנט.
דער אַלטער זייגער וויגט די שעהן,
די מיטאָג־זון רוט אויף דער וואַנט.

ס׳איז פרידן אויף דער וועלט, מיין גוטע,
און מיר, אין אונזער שפּעטער פרייד —
אַן אָרימאַן וואָס טאַפּט זיין פרוטה
מיט ציטער און פאַרלאַרנקייט

אין שטומען דאַנק צו אונזער גורל
וואָס האָט אונז ווי פון וועלטן־ווייט
געבראַכט אַהער צום קליינעם טויערל
נאָך אונזער זומער־מידער צייט.

די ליבשאַפט לויכט אונז נאָך אַנטקעגן
ווי טרויער אויף אַ פאַרשטילטן פעלד
מיט רויטע ריטלאָך ביי די ברעגן
ווי זונפאַרגאַנג פון יענערזייט וועלט.

און בענטשונג רוט אויף אונזערע ברעמען
צו יעדער פלעק פון בוים און שטוב
וואו מיר זיינען געגאַנגען — צו ווען?
צו גאָר דער וועלט וואָס מיר האָבן ליב.

# אונזער טרויערשטאָט

אונזער שטאָט
שטאָט פון טרויער.
אונזער היילקבוד —
אַ ריי גרוי־אומעטיקע משלים.
אונזער קלויסטער מיטן אַלטן גלאָק
רופט מיט אַ שווערן צונג זיין לויב און קלאָג:
גאָט איז שטאַרק.
גאָט איז גרויס.
גאָט איז שיין.
גאָט איז הויך.
און — ווייט.

אונזער גאָט־געזאַלבטער
הענגט — אַ האַריקער הרוג
אין אַ ווינקל פון אונזער קדושה.
לויב זיין נאָמען.
לויב זיין ליבע.
לויב זיין חלום,
פאַר זיין בלוט און קרבן.

וואו וואָלט ער אונז דען געקאָנט דערפירן,
אַז איידער־נאָך זיין פוסטריט אויפן ברעג פון ירדן
האָט אין זאַמד פאַרצויגן;
איידער־נאָך מיר האָבן אויפגעכאַפט דעם וואונדערצייכן
פון זיין האַנט מיטן ליכטיקן צווייגל,
האָבן זיי אים שוין פאַרכאַפט
אויף דער קאַטשערע פון צלם,
און הענט און פיס פאַרקלאַפּט.

אונזער שטאָט
שטאָט פון טרויער.

אונזער היילּיקבוד —
אַ ריי גרוי־אומעטיקע משלים.
האָבן מיר, צו אונזער גרויסער בושה,
צווײ בית עולמס.
איינער אינם שאָטנדיקן זאַמדיקן טאָל,
און איינער — אויפן הויכן גרינעם באַרג.

אויפן הויכן באַרג
און אויפן גרינעם גראָז
שלאָפן אונזערע שטאַרקע העלדן
מיט די שווערדן ביים צוקאָפּנס,
מיט די אויסגעטאָנענע קרוינען
ביי זייער פרידלאכן צופוסנס.

און אין נידעריקן טאָל,
אינם גרויען זאמד
שלאָפן אונזערע שטילע פאַסטוכער.
דערנער־קריינדלאַד ביים צוקאָפּנס.
זאמד און שטיינדלאַד
ביי זייער פרידלאכן צופוסנס.

און אין אונזער אַלטן פאַרמעט־פינקס
שטייט פאַרשריבן די פשוטע מעשה
פון זייערע גוטע מעשים:

וואַגלער מיט נזירים־שטעקנס,
פרעמדע שטרוי־געלעגערס,
בעטלברויט אויף שוועלן,
תפיסה־פינסטערנישן,
קייטן אויף די לענדן.

אַ ברייטער, שוואַרצער ראָם
די וואַר.
אינווייניק:
גינגאָלדענע לעגענדע.

אין אונזערע יומטובים לייענען מיר
מיט אַן אַלט־געירשנטן ניגון
אונזער פּנקס.

אונזער לעבן,
אונזער טויט,
אונזער אַנגסט
און אונזער נויט —
האָבן ליב אַ ניגון.

וואָסער ערלאַר, אמת וואָרט
האָט דען נישט זיין ניגון?

ניגון.
ניגון.

ניגון, ניגון דו דערציילסט אונז
וואָס די ווערטער קאָנען נישט דערציילן.

ניגון, ניגון דו דערציילסט אונז,
וואָס די ווערטער שעמען זיך דערציילן.

ניגון, ניגון דו דערציילסט אונז,
וואָס די ווערטער שרעקן זיך דערציילן.

דו האָסט פליגל, טויבנפליגל,
ניגון.

דו פאַרענטפערסט
אונזער הילפלאָז זאָגאכץ.

און דו איידלסט,
און די שניצסט
און זיידנסט
און דו ליכטיקסט
אונזער וואָקלדיק טראַכטן.

הזבלסט, הופלסט
אונזערע סוקעוואטע ווערטער,
אומגעלומפערטע, לאמע ווערטער.

און די גרינגערסט אונזער הארטן שווערן טראט
אויפן שטיין פון אונזער אומהיימלאכער שטאט.

אונזער שטאט,
שטאט פון טרויער.
נאר אונזערע נייע יונגען,
אונזערע פויקן־בחורים
פראווען בראווע מארשן בארג־ארויף, ארויף
אויפן גיבורים־בית עולם,
יעדן שבת און יעדן זונטיק.
טראסקען אויפן גלאנצענדיקן מעש און קופער
ברומענדיקע, שרייענדיקע הללויהס,
פלאטערן איבער דער וועלט א גרויסע פאן א געלע,
ווארפן אויף די גריבער קוישן רויזן
הויבן שטאלץ די שלאנקע שווערד
לכבוד דעם טויבן, בלינדן,
שטומען הילצערנעם ניצחון.

אונזער שטאט,
שטאט פון טרויער.

# פון פּראַסקוראַוו

איך וועל זיך נאָך טרעפן אַמאָל
מיט מײַן איבערגעבליבענער מחנה אביונים:
— וואו ביזטו געווען, רויטער זרחל, טײַערער?
— כ׳בין געווען, כ׳בין געווען אין גרויס־פּראַסקוראַוו, יעקבשי,
כ׳האָב געזען, כ׳האָב געזען דאָס גרויס־פּראַסקוראַוו, יעקב.
אַ הויקערדיק ישובל, אַ הקדשל געוואָרן, אַ הקדשל.
דאַרינקע ײַדעלאַך קריכן דאָרט אום,
שלעפּן זיך איבערן הקדשל.
שלעפּן זיך אום און שטאַרבן.
פאַלן די שטעקעלאַך פון זייערע הענט אַרויס
בלײַבן די שטעקעלאַך איבער אַלײן
אין די ווינקעלאַך שטיין נאָכן וויסטן געבײן,
נאָכן וויסטן געבײן פון גרויס־פּראַסקוראַוו.

איך זעץ מיך אַנידער ביים טישעלע שמועסן
מיט מײַן איבערגעבליבענער מחנה אביונים.
שמועסן פון גרויסן אַמאָל מיט די שטיבער און הויפן.
נו, ציט זיך אַ מעשה אַריבער אַ מעשה
אַ מעשה פון חורבן בית מקדש, פון חורבן.
פון חורבן בית־מעזשבוש, פון חורבן בית בראַצלאַוו, פון חורבן.
פון חורבן בית־קאַרעץ,
פון חורבן בית־באַרדיטשעוו,
פון חורבן בית־פּראַסקוראַוו,
פון חורבן.

אַ רבילע אזא,
אַ מלמדל אײנער פון הינטערן בײשטאָט.
דאַרינקער דרדקי־רבי,
דאַרינקע דרדקי־אינגעלאַך,
מיט בײטשן פאַרטריבן
אין טײַך, אין טײַך אַרײַן.

אַרונטער טיף־טיף אינם טייך,
טייך, טייך, טייך.
רינגעלאך טייך איבער די קעפּעלאך
וואַסערלאך, וואַסערלאך, רינגעלאך
איבער די דרדקי־אינגעלאך.

שלמה דודל מיט די פאַרחלשטע ליפּן
וויגט מיד מיטן שטערן:
זייער הייליק געדעכעניש, יעקבשי,
זייער הייליק געדעכעניש איז אַ פאַרוויקלטע מגילה.
מ'דאַרף נאָך נישט, טאָר נאָך נישט אויפוויקלען, יעקב.
אַזויווי די ערד האָט דאָס בלוט זייערס איינגעשטילט,
דעם פּיין זייערן איינגעהילט,
דאַרף אויך אונזער שווייגן זיי איינהילן, יעקב.
אַ ריינערער דור וועט זוכה זיין
זייער געביין מיט גרויס ליבשאַפט דערמאָנען,
מיר דאַרפן אָפּגיין אין שטומשווייגן נאָך זייער אָנדענק,
מיר זיינען נאָר די אבלים,
מיר גייען נאָך זייער גרויסער לויה,
אַ לאַנגע לויה, יעקבשי
ביז צום אייגענעם קבר, יעקב,
ביז צום אייגענעם קבר.

# זיי קומען צו מיר

פון שטאָט איז דאָרף צוריק אָוועקגיין —
ווער קאָן עס דען ? ווער קאָן עס דען ?
פון דאָרף דער זיסער יונגער רעגן
ווען איך מיין פענסטער מיך קומען זען.

כ׳וועל בלייבן ווידער אין די ניו־יאָרקער יאָרן,
אין די יאָרן וואָס זיינען געוואָרן שטיין.
ווייל א י ך מיר קווענלן נאָך און קלאָרן
די זיבן קינדערשע הימלען ריין.

אַ מלאך איז דאָ אויך דער טאָג דער שיינער,
אַ מלאך — דער היינטיקער אינדערפרי.
ער שפרייט איצט איבער די מויערן־שטיינער
אַ גרינגע ליכטיקייט פון ניט־הי.

און איבער די טורעמס שפרינגען לידער
פון יענע הימלען און פון יענער ערד,
ווי ווייסער צוויט פון פרי־זומער סעדער
וואָס כ׳האָב שוין לאַנג ניט געזען און געהערט.

און גוטע פרישע ריחות דערשמעקן
פון די ברייטע פעלדער אָן אַ ברעג.
וואו דער מאַי ברענגט צופירן מיט זיין גרינעם שטעקל
די יונגע טשערעדע זומערטעג.

# דאָס ציגעלע־ליד

פֿון אַלע דערפֿער גייען די מתּנות
צום קעניגס הויף —
די ערשטלינג שעפּסן,
די ווייסע ציגעלאַך.
איך מיינס, מיין איינציקס און מיין שיינס,
איז אין דער טשערעדע.
אַ גאַנצע וואָך האָב איך עס צוגעגרייט,
געוואַשן יעדן אינדערפֿרי און אָוונט.
געלערנט ווי צו בלייבן שטיין אין שטילקייט
מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן
פֿאַרן קעניגס כּבוד, איז גרויס שווייגן.
נאָך קיינמאָל איז עס אַזוי שטיל און איידל נישט געווען
ווי אין דעם לעצטן אינדערפֿרי,
ווען כ׳האָב אים צוגערופֿן
צו דער טיר פֿון שטעלכל:
גאָר נישט טרויעריק,
האָב איך צו דעם גערעדט,
און זיידן אים דעם קאָפּ געגלעט.
דער קעניג איז אַ גוטער האַר,
האָב איך דיר דען נישט, ציגעלע, דערציילט
פֿון זיינע ברייטע שטאַלן, זיסע קוואַלן
גוטע פּאַסטוכער און שמעקנדיקע גערטנער?
עס האָט מיך אויסגעהערט מיט גוטע קינדערישע אויגן
דעם קאָפּ אַרויפֿגעהויבן און אַראָפּגעבויגן
געטוליעט ס׳מאַרדעלע צו מיינע קני,
געקושט די שיך, די הויזן.
און אויף דער אַנדערער זייט שטעלכל
באַקוקט דעם בלויען שיינעם דרויסן:
די צווייט־ביימלאַך ביים גאָרטן־פּלויטל,
די נידעריקע הויפֿנלדאַך פֿון האַלץ
נאָך פֿון פֿאַראַיאָרן ווינטער,

דאס גרינע שטיבעלע וואס די קינדער
האבן אז א זייט פון הויפל אויפגעשטעלט,
פאר די פרילינג־ווינזעלאך וואס קומען פונם פעלד
ביינאכט און נעכטיקן נאר איבער.
(אזוי האט זיי דער שכן מיינער, הער ביבער,
דערציילט מיט זיין פארגלויבטער תמימות) —
אומעטום און ארום און ארום
האט זיך דאס ציגעלע געווענדט
מיט זיינע קינדערישע בליקן.
נאכדעם האב איך עס
געהאלטן ווארעם אויף מיין שויס.
ס׳ארא דין שיין מארדעלע,
ס׳ארא גוטע אויגן,
ס׳ארא ליכטיק זייד,
און ס׳ארא דורכזיכטיק ווייס;
ס׳ארא טייערער פיסעלאך פיר,
איטלאך גרינגער ריר,
איז חן און צוויט.

און ס׳איז נאך זייער פרי געווען
ווען דער פאסטוך איז אנגעקומען
מיט זיין לאנגער גרינגער צווייג אין האנט.
האט ציגעלען גענומען פון מיין האנט,
ציגעלע האט געשוויגן.
איך האב אים לאנג לאנג נאכגעקוקט,
די שטיבער און די שטאלן האבן זיך גערוקט,
די ביימער האבן זיך אין הימל געטוקט
און דער הויכער קלויסטער־קופאל
מיט דעם זילבערנעם צלם,
האט זיך געבויגן און געבוקט,
געבויגן און געבוקט.

# דאָס גראָז איז היינט דין

איך בין ווידער געגאַנגען
צום קינד אויפן פעלד,
וואו דער הימל, די זון
און די ערד — זיינען וועלט.

און אַ פליג פליט אַרום
אויף אַ העכערן גראָז.
און די בין גראַבט אין קוויטן
איר גאָלדענע נאָז.

און אַרום און אַרום
אין דער ליכטיקער ווייט,
וועבט די שטילקייט איר זילבער
און דורכזיכטיק זייד.

אויף אַ שמאָל שטיקל אַרט
און מיט גרין איינגעדעקט,
שלאָפט מיין קינד אין איר רו
וועלט און נעכט, וועלט און טעג.

איך בייג זיך אַנידער
און רייר־אָן דאָס גרין:
ס'איז גראָז און ס'איז שטילקייט
און ליבשאַפט און דין.

איך זעה: איבער מיר
זיצט די זון אויפן שטיין.
דער טאָג איז היינט שיין,
און די וועלט איז היינט שיין.

דאָס גראָז איז היינט דין,
און די זון איז היינט וואויל,
און קושט אַלע ביימלאַך
מיט אַ מאַמעדיק מויל.

# שטילער הימן

אַ גאָלדענער טאָג ווערט נאָך אויסוואַקסן, ברידער,
אויף אונזער גרוי־מאָגער פעלד.
איצט גיט אונז דער זומער נאָר אַ דאָרן זאַנג ווייץ
אַ דינעם זאַנג האָבער,
און שלאַבעריקע פּודעלאָד היי
ציען פון פעלד אין אונזער שייער.
און אַז די טעג ווערן קילער, די ביימער אַן בלעטער,
האָרביקט זיך איין אונזער שטוב
און מיר אויך נעמען אַלטן זיך, בייגן.
אויפן פעלד גייט אום גאָט מיט פאַרחלומטע אויגן.
נאָר אומעטיקט נישט וואָס דאָס קלויסטערל אונזערס
קלינגט געל מיט אַ מעשענעם גלעקל.
און נישט העל מיט אַ גאָלדענעם.
מיר וועלן נאָך קומען פאַר גאָט אין אַ העכערן כבוד,
און אָפּגיין פון אים מיט אַ זאַטערער ברכה.
און אויפן זומער, דעם זומער דעם נייעם
וועלן זיך אונזערע תבואות אַ פריידיקן הויב־טאָן,
אַ בלי־טאָן מיט קרויזיקע וואַלן.

ווען אונזערע בהמות די רויטע, די גרויע,
קעגן זונפאַרגאַנג טראָגן שווערע אייטערס פון פעלד.
זוי פעט, ווי געזונט אונזער פעלד וועט זיין, ברידער.
און פאַר אונזער געליטנקייט וועט ער אונז באַלוינען.
געבענטשט זאָל אונז זיין אונזער וואַרטן.

דערווייל וועט דאָס דאָרף אונזערס קליין זיין,
וואָס דאַרפן מיר גרעסערס ?
אונזער קלויסטערל אויך נאָך אַ פּשוטס.
וואָס דאַרפן מיר אַנדערש ?
אַט קומט שוין באַלד אַן דער גרויס־זילבערנער ווינטער,
מיט זיין רו און זיין שלאָף איבער אונזערע פעלדער.
און די פראָסטיקע לויטערע נעכט,
מיטן קרישטאָלענעם שטערן־לאָמטערן.

# אַ גרוס צו חיים קרול

1.

זיבן פריינט — זיינען מיר אַלע פרעמד געוואָרן.
זוך איך שוין נישט מער קיין נייעם חבר.
כ׳לעב מיט שטוב און איינזאַם אויפן פערטן גאָרן,
ווי אַ טשוואַק אין ווינקל אין זיין אַלטן זשאַווער.

קינדערישע שיינקייט, חן, געדעכעניש,
און אַ ביכל לידער און אַ ביכל פּראָזע,
און געבענטשטע ליבע, גיט־געשיקטע גרוסן
צו דעם גוטן קרולן וואו ער שווייגט פאַרלאָזן.

קרול, מיין גוטערברודער מיט די ווייכע בליקן,
וואו אַ גוטע רגע שיק איך זי דיר בענטשן.
ס׳האָט ניו־יאָרק די שטאַרקסטע וואונדערלאַכסטע בריקן,
און אונדז ביידע אויכעט — אירע פשוטסטע מענטשן.

אויך מיר ביידע זוכן עפּעס אין איר אוצר,
און געפינען אפשר אַ פאַרגרינטן גראָשן.
אונדז האָט נאָך איר רייכקייט נישט געפּרואווט צורייצן,
נאָר זי האָט אונדז ביידן באַלד שוין אויסגעלאָשן.

גרויסער עושר מיינער, פולע טאָשן סטראָפן,
ווי די פרישע ווייצלאָך, ערשט פון זאַנג צושאָטן,
איבערן ים פון פעלדער ביזטו אומגעלאָפן,
און נאָך דיר דער אווגוסט מיט זיין גרויסן שאָטן.

שמעקט פון דיר נאָך איצטער לעשנדיקער תמוז,
פון די פולע ליפּן — ווייַן געדיכטער, טיפער.
און די בלייכע ברעמען — שטיל־פאַרטראַכטע מאַמעס
וועגן ווייטע וועגן, גרויסע ימען, שיפן.

זיבן פריינט און — איינער איז נאָך פריינט געבליבן,
מיט אַ דריימאָל שווערן זינדיקן געוויסן
האָב איך איצט מיין ליבשאַפט דאָ אַרויפגעשריבן
זיבן קליינע פערזן, זיבן ריינע גריסן.

2

דיין ספרל ווערט געל,
דיין ספרל ווערט אלט.
דיין ספרל ווערט הייליק, חיים.
און דו אליין ליגסט ערגעץ אין דיין אויסבאהאלט,
און קיינער קומט דיר מער נישט זוכן, חיים.
אט, איך אליין, אזא מין נישט וגארנישט וואס איך בין
בין אויך דיין געסל מיטן טראם פארבייגעלאפן.
אבי איך קאן זיך איצט אויף מיינע זינד אן זין
מיט גרינגע און מיט שווערע ווערטער שטראפן
באטש טויזנטמאל א טאג
און רייס זיך, שלעפ זיך,
ווי א אינגל שלעפט א קאץ —
צו דיר —
איך האב אזויפיל נייס מיט דיר צו שמועסן
און פונם טויטן קינד אזויפיל גרוסן,
און פון די לעבעדיק צוויי אזויפיל חנען,
און ווידער נידערן מיין קאפ אונטער דיין האנט,
דו זאלסט מיך ווידער פאר דיין דיכטער קרוינען.
און אז איך גלייך מיין רוקן אויס פון אונטער דיין בליק,
וויל איך אינערגעץ שוין ניט גיין צוריק.
באלד וועט די קעכין פון האיאס מיט די שליאפענדיקע שיך
אונז ברענגען הארטע אייער צוויי
און פינעף ווייכע זעמעלאך פון קיך.
מיר עסן מיטאג,
צוויי ארימע אלטע ברידער,
און פארבענטשן מיט נייע לידער.
וואס זאגסטו צו איגנאטאוון?
דער מענטש האט זייער וואויל געוואלט
א פאלאץ אויפבויען פאר אונזערע בני שלעפער.
נאר ס'וואלגערט זיך זיין קינסטלעריש געלד
אין קעלער דא פונאונטן,
אונטער א דיקן שטויביקן שיכט.
כ'בין נעכטן אין יענער הייל מיט אים אראפגעגאנגען,
האט ער אנגעצונדן א שטיקל חלבן ליכט
און מיך אריינגעפירט אין סאמע ארמון פון די „שריפטן".

דער שוואַרצער שטויב האָט אפשר טויזנט ביטערע גיפטן
פון זיך אַרויסגעשאָסן
אין אונזערע נעזן און אויגן.
איגנאַטאָוו האָט זיך געבויגן,
איך האָב זיך געבויגן
און האָבן אַרויסגעצויגן אַן אַנטיקל שבאַנטיקן —
אַזויווי מען שלעפּט אַרויס אַ רייפן בוריק פון דער ערד.
אַזויווי מען שלעפּט אַרויס אַ רייפן בוריק פון דער ערד
וואָס מ׳האָט פאַרגעסן ווייט־אַ שטיק און אַסיען,
ווען די ערד האָט שוין איר טראַכט פאַרשלאָסן,
און די הימלען האָבן געגאָסן פוילונג, וויאַנען.
חיים טייערער, ווי מיר איז זיס זיך איצט דערפון דערמאָנען,
און דאָס רייסן זיך
אין שמאָלן טירל פון זיכרון,
וואו ס׳ליגן אונזערע קליינע פעקלאַך
ברוקלינדיקע יאָרן.
געדענקסט, די ברודיקע מפולתן,
די מולאַטעלאַך די קליינע,
די הייליקע פסולתן
פון גרויס־ניו־יאָרק,
וואו ס׳האָט דיין שיין־רחמנות
אונטערגעוואָרפן דיינע לידער־ווערטער
הערלאַכע מתנות.
זיי האָבן עס געפילט פון הינטער זייער רוקן,
זיך אומגעווענדט מיט אַזאַ דאַנקענדיקן קוקן,
אַנגעצויגענע אַקסל,
און פאַמעלאַכן גענומען שפּאַנען.
ווי וואויל איז מיר אַצינד זיך אָן דעם דערמאָנען,
עס ווידער זען, ווידער לעבן,
און צו דיר עס ווי אַ ליד,
ווי אַ מתנה איבערגעבן.

# צו איינעם...

וואס קאן מען דען וויסן פון דער וועלט?
אזויווי א בלינדן פארן האנט
האט מיך געפירט דיין בוך.
ס'איז אנרירן די נאקעטע ערד
מיטן הארטן זויל פון שוך.
און דאס בוך אליין איז בלאנדזשענדיק
און ווייסט נישט וואו־אויס, וואו־איין.
קערט אום זיך אהער און קומט צוריק
און בלייבט אויפן פאפירענעם שטיין.
די חכמה אויפן פאפירענעם בלאט
וועלקט גיכער ווי דאס גרין אויפן פעלד.
דער לייב און די לאם ווערן זאט
מיט אן ארים קרישל וועלט.
און דער נייער הונגער עפנט אויף אין לייב
און אין גייסט — א זיבן־מייליק מויל.
די יונגע זון, די גאלדענע טויב
פליט דורך איבערן הימל אין אייל.
און ס'פאלן די טעג ווי די בלעטער פון בוים
די הארביקע, פארביקע טעג.
די דערמאנונג פירט דורכן חלום אהיים
אויפן ליבן פארנאכטיקן וועג.
א קינדערשער טאל, כ'בין געקומען מיד
אפרוען לעבן דיין שוועל מיינע טריט.
האלב בלינד מיין אויג,
האלב קראנק מיין זין
און דער רויש פון דער וועלט ווי א פאדים דין
שפעטזומער בייטאג אין דער זילבערנער לופט,
א קלאנג אזא ווייטער רופט
און איך ווייס נישט וואוהין.
צו וועלדער ערגעץ, וואו אן עכא פון א זעג
זשומט א גאנצן טאג ווי א בין אויפן וועג;

צו פעלדער קאַרן, צו פעלדער ווייץ
שטייען הויך און געדיכט און הייס;
צי צום שמאַלן וואַסערל
אונטערן באַרג אַראָפּ.
ווי מיט קינדערשע הענט,
ווייכע לאַכיקע קלאַפּ
דורך די ציטריקע שטיינדלאך אין גילדערנעם זאַמד.
הער זיך איין צו די שורהלאך —
געגראַמט, ניט געגראַמט.
אַ פערז גייט אַוועק,
אַ פערז קומט צוגיין
און דאָס גאַנצע ליד
איז אַ קינד, קינד, קליין.
און זינגט זיך, און קלינגט זיך
און וויגט זיך איין
און גייט אַזוי דרימלענדיק,
אונטערן שאָטנדיקן דאַך פון פאַרנאַכט
אין דער נאַכט אַריין.

# דריימאַל האָסטו די וועלט . . .

דריימאָל האָסטו די וועלט שויז דורכגעשפּאַנט,
דורכגעשוואומען און דורכגעקראָכן.
און איך האַלט אַלץ נאָך אַז זיך ביי דער פאַלע פון מיין וואַנט,
און ביים גוטמאָרגן און גוטאָוונט פון מיין טויבן שכן.

ביזט שויז געווען אַדלער, וואָרים, קראַ,
און איך בין אַלץ נאָך גרויע שטוב־חיה פאַרבליבן.
ווי ס׳איז מיר אומעטיק מיין שמאָלער ישוב און מיין גרויע שעה,
האָב איך זיי קיינמאָל נאָך פון זיך נישט אָפּגעטריבן.

מיט וואָסער בייטש, זאָג מיר, פאַרטרייבט מען צייט ?
מיט וועלכן שטעקן קאָן מען בייזע טעג פאַריאָגן ?
כ׳גיי תמיד מיט מיין כאַפּטע דורכפאַלן ביים זייט,
און כ׳מוז נאָך הערן זייער מוסר־זאָגן.

דעם בין איך שולדיק פאַר אַן אויסגעלינקטן פּוס,
און דעם פאַר דריי באַנאַרישטע דיבורים.
און יענער מאָנט ביי מיר עפּעס אַ צוזאָג אויף אַ זכות
פאַר זיינע שווייגנדיקע גאָלדענע יסורים.

בין יעדן אַ בעל־חוב די האָר מיינע פון קאָפּ,
און כ׳צאָל מיט זיך, מיט מיינע טעג און יאָרן.
כ׳האַלט אַן זיך ביי מיין אַלטן ראָק און ביי זיין לעצטן קנאָפּ,
און נאָך מיין גלייכגעוויכט נישט אָנגעווארן.

און כ׳ווייס נישט צי ס׳איז דאָ אַזאַ מין שליאַך
וואָס ס׳איז כדאי געווען מיין פוס זאָל אים באַטרעטן.
מיר איז גענוג דער אָפּשיין פון אַ וויַיטן דאַך
ווען ס׳קניט די זון פאַרנאַכט ביים ברעג מאַנהעטן.

און ס׳אַרט מיך שטאַרק מיין שכנס טויב געהער
און אויך זיין עלטער־זיין נאָר — מילאַ, מילא.
ס׳איז עפּעס היימישס אויך פאַראַן אין סקריפּ פון טיר,
און אינם גרינעם קנייטש פון אַ צובויגענער כלי.

# דאָס ליד מיטן פּאַרנאַכט

און וואָס האָסטו געטאָן מיט דײַנע זיבן גראַשן?
איך האָב געקויפט אַ ברויטל און אַ ליכט.
און ווען דער טאָג האָט אין מײַן פענסטער זיך געלאָשן
מײַן לעצטע סעודה אָפּגעריכט.

מײַן לעצטער נאָענטער איז נעכטן מיר געשטאָרבן,
ווען קיינער שוין מײַן שוועל נישט איבערגיין.
כ׳געדענק זײַן קול, זײַן וואָרט, ווי קלאַנגען, פאַרבן
וואָס גייען אויף ווען ס׳נעמט דער טאָג פאַרגיין.

אײן וואָרט: ער איז געווען אַ מענטש אַ קראַנקער
און ווער איז דען צו־שטאַרק נאָר, ווי עס איז,
כ׳האַלט אַן זיך אינ׳ם טאָג ווי אינ׳ם סטעליע־באַלקן
און לאָז זיך נאָך נישט פאַלן פון די פיס.

נײַט ווײַל כ׳האָב ליב אַזוי דאָ אַלע שאַלעמויזן,
און כ׳קאָן זיך נישט אַרויסדרייען פון אַט־דעם רעש
וואָס טרײַבט פון הוילער שטוב אין הוילן דרויסן,
וואָס איז וויסטער — ווינקל אָדער גאַס?

דעם חשבון האָב איך רואיקלאָך שוין אונטערגעצויגן,
און נאָך אַ גול ווען שוין נישט מאַכן פול.
אַ בלאַט בלײַבט איבער ווינטערן אויף אַ צווייגל,
פאַרנאַכטליכט אויף אַ ליידיקער שטול.

אַ ווײַטער פרײַנט טוט אין אַ בריוו מיר שרײַבן,
און פרעגט מיך, ווי איך האָב נאָך הײַנט געקענט
אין אַזאַ וויסטן חורבן פרומע ליבשאַפט קלײַבן
מיט די צען זינגענדיקע פינגער פון די הענט.

איך שפּיל נאָך אַלץ דאָס ליד וואָס איך האָב אָנגעהויבן,
אַזוי דערשפּילן שוין צום ברעג פון מײַן פאַרנאַכט.
דער אומעט בעט בײַ ווענט און וועלט אַ צייכן גלויבן,
און ס׳ליד ברענט קראַנק און צאַנקט מיטן פאַרנאַכט.

# אַ ברעטל אויף אַ זיידנס קבר

דאָס פאָלק האָט אַ ליד און אַ ניגון
וואויל דעם אויער וואָס דערהערט אים באַד.
מיין זיידע איז געווען אַן אביון
זיבן טעג און אַ האלב אין וואָך.

אַ פאַרשלומפערטע לאנגע קאַפּאָטע
האָט געקערט פון גאַס דעם שטויב.
אין די אויגן פאַרגעבונג, חרטה,
אויף די ליפּן — ליד און לויב.

די פייגל פון הינטער די וועגן
האָבן געקאָנט זיין שאָטן גוט.
די שטיינער האָבן געוואוסט זיין חלום
ווען ער האָט קעניגלאַד אפּגערוט.

ער האָט נישט געקאָנט פאַרבלייבן
אַ מלמד אויפן ווייטן קאַנט,
כאָטש ס׳איז אים די שיינע געשיכטע
פון בעל־שם־טוב געווען וואויל באַקאַנט.

ווער ווייס? מסתם האָט ער געטראָגן
אַן אומהיימלאַכן סוד מיט זיך
הינטערן שטומען פּיין פון די אויגן
הינטערן דיקן שטריק אויפן דיך.

אַ דאַרער, הויט און ביינער,
און ווי הירשנהערנער די הענט,
ווען ער האָט זיך מיט זיי צוטענהט
און זיין פּנים האָט העליש געברענט —

איז ער אינגאנצן געוואָרן צוצונדן

אַזויוי דער זונענפאַרגאַנג,
און די ווערטער האָבן געפּלאַקערט
מיט מוסר און שרעק און געזאַנג.

ער האָט געהאַט גרויסע תּרעומות
און זיין וואָרט האָט געבלאַנקט — אַ שווערד,
אַנטקעגן מיינע פעטערס און מומעס
מיט די חשובע שייטלען און בערד.

אינמיטן דער טיי אויפן קידוש־טיש
האָט ער זיך געגעבן פון אָרט אַ הויב,
אַ כאַפּ פּונים ווינקל דעם שטעקן,
אַ קוק אין דער טונקעלער שויב.

מ׳האָט געוואוסט אַז ברוב הימים
וועט ער זיך ווידער ווייזן אויפן שוועל.
האָבן זיך די פעטערס און מומעס געהאַנדלט
מיט פיש און מיט ליכט און מיט מעל.

און אויפן בית עולם צו דער באָבען
געגאַנגען יעדן תשעה באב,
און געבראַכט זיבן קערבלאַך צדקה
אין די פאַרכטיקע טעג צום רב.

און דער זיידע איז שוין מער נישט געקומען,
און מ׳ווייסט נישט פון זיין געביין.
זאָלן זיין מיינע דאַזיגע שורות
אויף זיין פאַרוואָגלטן גרוב אַ שטיין.

און מיט מיר זאָל זיין טרויעריק מזל
שוין פאַרזיגלען דעם לעצטן טראָט.
ווייל איך בין זיין איינציקער יורש
אויפן קרייצוועג צווישן וועלט און גאָט.

און אַזויוי אַ צדקה־פּושקע
קלינגט דאָס ליד איצט אין מיין אויער־גלאָק

אין לויה־טריט אין אַ געסל,
הינטער שטיבער פאַרגייט דער טאָג.

שטומע פייגל שטייען אויף צווייגן,
און די בוימער — אַז אַ בלאַט אויף זיך.
יעדער בוים — אַן אַלטער בעטלער
מיט אַ דיקן שטריק אַרום דיך.

האָבן דאָ אַלע אָפּגעשטעלט זיך
פון וואָגל און וויסט פון דער ערד,
מיט אויסגעטריקנטע ביינער,
מיט גרויע פאַרלאָשענע בערד.

און איך בלייב צווישן זיי איינער
אין זייער שטומען שאָטן פאַרוועבט,
מיט מיין לאַנגן פאַרשלומפּערטן לעטניק
פון דער שטויביקער וועלט זיך דערשלעפּט.

# עדות

אין אַלע מײַנע לידער
פֿיר איך איבער זיך אַ משפּט.
פֿונוועלכן ברעג און עק
האָב איך שוין נישט געבראַכט קיין עדות?

די אָרימקייט פֿון מײַנע בײדע זײדעס,
דאָס לעצטע קראַנקע שטיבל פֿון אַלט־קאָרעץ,
די פֿינסטערע געשטאַלט פֿון טויטן שלאָס,
וואו ס׳בלאָנקעט דאָס געביין פֿון אַ משוגענעם פּריץ.

און די לעגענדעלאַך און מעשהלאַך
וואָס אונזערע געסלאַך האָבן אויסגעטראַכט
אין זייערע ווינקלען צווישן טאָג און נאַכט.

וועגן די פֿרומע אַלטינקע, די בעלי סוד
וואָס גיבן נישט קיין איבעריקן טראָט
אינערגעץ — די באַהעלפֿערלאַך פֿון גאָט
וואָס וואַרטן נאָר אויף נאָך אַ גאַנג און נאָך אַ גאַנג
אין די שליחותן צווישן מענטש און גאָט.

גאָט און מענטשן קריגן זיך.
גאָט און מענטשן האָבן טענות
איינע צו די אַנדערע.
מאַנען, בעטן, פֿאָדערן,
בעטלען, בייזערן זיך, שעלטן, בענטשן —

דאָס אייביקע וויכוח צווישן גאָט און מענטשן,
שוין באַלד, שוין נאָך צו אַ טאָלק צו קומען.

און זיי, די אַלטינקע, די בעלי סוד,
זיי מישן זיך אַרײַן אינמיטן,

לויפן, פליען,
פרעגן אַפּ אינמיטן.
און היטן ס׳ביסל חסד וואָס איז נאָך פאַראַנען.

זיי זיינען אויך מיר בייגעשטאַנען
אין מיין משפט וואָס איך פיר
אין מיינע פסוקים איבער זיך אַליין.

אפילו שטומע זאַכן,
אַ וואַנט, אַ שטיין,
אַ שאָטן הינטער אַ מידער טיר,
וואו ס׳שלאָפט אַ הונט אַ בלינדער.
אַ פענסטער אין אַ דאָרפיש הויז
וואו ס׳קוקן בענקענדיקע פאַרוואָרפענע קינדער
אויף וואונדער פון דער ווייט און גרויס
וואו ס׳לויפט די וועלט אַרום —

אַלע זיינען מיר געוואָרן עדות.
אַלע האָבן מיך פאַרענטפערט
אויף קלאָרע און נישט קלאָרע טעותן און זינד.

נאָר ס׳דאַכט זיך מיר נאָך אויס,
אַז איך בין אַלץ נאָך שולדיק.
פיר נאָך אַלץ דעם משפט איבער זיך
און זוך נאָך עדות.

לאָז נישט רוען מיינע ערלאַכע צוויי זיידעס
אין זייער שלום און פרידן.
שלעפּ נאָך פון די הינטערגעסלאַך
דאָס געביין פון שטילע פרומע אידן,
די בעלפערלאַך פון גאָט,
אפילו אינמיטן נאַכט.

זיי רייסן זיך אַרויס פון זייער שלאָף
פאַרלאָזן זייער האַרט געלעגער.
נעמען פון די גרויע ווענט אַראָפּ

זייערע הילצערנע לאַמטערנדלאַך
מיט די פאַררויכערטע פענסטער,
נעמען פון די ווינקל־טיר אַפּיר
זייערע שווערע אַלטע שטעקנס,
און שלעפן זיך מיט מיר
אין טיפן טיפן נאַכט־שניי
אונטער דער גרויסער שטערן־שטילקייט,
אונטער דער אייגנגעהויקערטקייט פון זייער סוד
און זייער עלטער.
גייען, גייען, גייען.

שטעלן זיך נאָר אָפּ אַ ווייל,
קערווען זיך אַראָפּ אין אַ זייט פון וועג,
פאַרנעמען זיך אונטער אַ באַרגיק דערפל
צו אַן איינגעבויגענער כאַטע,
קלאַפּן אין אין פענסטערל,
און וואַרטן.

אין אַ רגע קומט אַרויס פון טיר
אַ נידעריקער איד מיט אַ ברייטער פּלייצע
מיט אַ שווערן זאַק אויף זיך.
אַ מענטש אַזאַ, אַזאַ בעל עצה.
און — מיר גייען ווייטער
שפּאַנען ווייטער, ווייטער
צו דעם אָרט פון משפּט.

# אַ בלאַנדזשענדיקער קלאַנג

ס׳איז איצט נאָך גליִענדיק די אַנגסט,
דער ווייטיק רויט און וואונדיק־רויער.
און מאָרגן וועלן דאָ אומעטום
זיך וואלגערן הויפנס אַש און טרויער
ביי יעדער וויסט־פאַרלאָזענער טיר
און ביי די ווענט צובראָכנט און חרוב.
די שאַנד — אין יעדער פענסטער־לאָד,
דער בייזער חוזק דער מטורף.

נישט בייזער זיך, אַ וואָרט, אַ ליד,
דאָס בייזע ליגט דאָ אויך צוטראָטענע.
הער אין דער שטיל די לעצטע טריט
פון שפּעטן דור דער לעצטער שאָטן.
און איך, אָט ווי אַ אינגל, קליין,
זוך אויף די מיסטן און רואינען
פאַר מיין פאַרשולדיקט שוואַך געביין
נאָר אַ פאַרענטפערונג געפינען.

ניט פרעג מיך וואָס איך זע און קלער
אויף מאָרגן נאָכן חורבן קומען.
מיין טאַטע, אין זיין שווערער שעה
פלעגט שטום און איינזאַם אונטערברומען.
אַ קוק אויף דער און יענער וואַנט,
אַ קוק אין פענסטער אויפן דרויסן.
געוויס, געוויס האָט ער געהאַפט
די שעה פון וואונדער וועט זיך ווייזן.

מיר דאַכט אַז טיף געגלויבט האָט שוין
אין אונזער טרויריק הויז ניט קיינער.
נאָר ס׳האָט אַרומגעבלאַנדזשעט פרום
צעווישן אונדז אַ קלאַנג אַ שיינער,

וואס האט זיך אנגעשלאגן דין —
אַ זילבערפויגל צו די הימלען,
און האט גערוט אויפן פענסטער־זוים,
וואו די בייטאגן רוען, דרימלען.
און פרי פאַרנאַכט זיך אנגעטאָן
אַ גרויע שאַל און איז געגאנגען
צום מערב־ברעג און געקליבן דאָרט
ביים זונפאַרגאַנג די רויטע זאנגען.

⁂

בעטלער און בן־בעטלער תהילים׳ען לירע
אויפן בלינדן מזל פון דער וועלט.

דער מאַרק שטייט אפן אויף זיבעציק טירן
און בעטלט אויך אַ קופּערל געלט.

אַ קיינער קאן נישט פון דאָרט אנטלויפן,
דער מאַרגענדיקער דור לאָזט די פּאַלע נישט אַרויס.

ווי זאגט איר, רייזען, ווער וויל קויפן? קויפן?
ברויט פאַרן קינד און סם פאַר דער מויז.

יונגוואַרג טראָגט אַריבער די גוטע מידות
פון אַלטן ספר אין יונגן בוך.

און אין פּאַליש וואַלגערט זיך אַ בלעטל חסידות,
אַזוי ווי אַ לעדערל פון אַ צוריסענעם שוך.

# אַן אורח

אַ קאַץ איז אויך אַ גוטער אורח
וואָס נעכטיקט איבער ביי דיין טיר.
דאָס קליינוואַרג כאַפּט זיך אויף פרימאָרגן
באַגעגנט זיך אין פרייד מיט איר.

אַ גוטע שטילע שוועסטער־חיה,
האָט איר דיין היימווינקל פאַרשמעקט.
דאָס נייע פלויטל פונם גאָרטן,
דער ריח פון האָלץ פריש־אָנגעזעגט.

זי זיצט ביים שוועל. דאָס פריע זונליכט
דערוואָרימט איר. זי טשוכעט אויף
און קוקט ווי ס'דראַפּעט זיך דאָס זונליכט
פון פריזבע אויף די ווענט אַרויף.

פונוואַנען זי איז אָנגעקומען?
ווער ווייס? פונאַנעט צי פון ווייט.
אפשר אַ הונגער־הויז, אַ שרפה
דאָרטן ביים טייך, פוניענערזייט.

די קינדער שטעלן איר אַ גלאָז מילעך
און גייען פּאַמעלאַך אין ווינקל אָפּ.
אַן אומהיימלאַכע רו און אומעט
רוט אויף איר איינגעבויגטן קאָפּ.

די זייטן ציטערן אויף ביים שלינגען,
דרייט אויס דעם רוקן, קוקט געטריי.
מיט ווייכע דאַנקענדיקע אויגן
צום שטוב און צו די קינדער דריי.

באַלעקט זיך, ווישט זיך אָפּ די ליפּן,
און רוקט זיך צו צום זוניקן פלעק.
די קינדער לאַכן צו איר ליכטיק,
און גייען פריילאַך אין שול אַוועק.

# מנוחין

זיבן מאָל איז געל געפֿאַלן
אויף מיין וועלט דייז וועלק און טויט.
און דעם טרויערס שאַרפֿע שטראַלן, —
דערנער־שטראַלן — שוואַרץ און רויט.

זיבן מאָל האָסטו געהיילט מיך
מיט דיין הייליק וואָרט און שפּרוך,
און געטייטשט מיר און דערציילט מיר
חכמה פֿון דיין אַלטן בוך.

ס'איז די ענגשאַפֿט בישט געוואָרן
פֿרייער, גרעסער אויף אַ טראַט.
בישט דאָס צאַרן־אויג פֿון דאָרן
מילדער מיט אַ פֿונק גענאָר.

נעכטן נאָר, אַ שיין אַ גרינגער
האָט זיך אין דער וועלט געשפּילט —
רו אונטער מנוחינס פֿינגער
און דער טאָג האָט איינגעשטילט.

ס'לאָזט גרוי־גרוי דער מאַרק די לאָדן
פֿון די שטעלן פֿרום אַראָפּ.
וואָגנס פֿול מיט אויבסט געלאָדן
שטעלן אויפֿן וועג זיך אָפּ.

פֿייגל אויף די טעלעגראַפֿן
שווייגן איינגעפּוצט דעם קאָפּ.
שטילע וועלט — אַז אַלטער האָפֿן
רוט זיך אין זיין מידקייט אָפּ.

# אין שפּינוועבס

די קינדער לערנען, לערנען
דאָס בוך: די גרויסע וועלט.
אין בוך ווינקען טויזנט צייכנס
פאַרן סוד פון דער גרויסער וועלט.

דאָס בוך האָט ניינציק בלעטער
פאַר׳ן ערשטן לערניאָר.
נאָכדעם קומט אַ בוך אַן אַנדערס
מיט דרייצן בלעטלאַך מער.

און מיט זיבן מער סימנים,
סימבאָלן אויף צו פאַרשטיין
ווי אַזוי די פלאַנצן וואַקסן,
און דאָס זונגאָלד מאַכט זיי שיין.

ווי אַזוי די ווערים קריכן
ביינאַכט פון דער ערד אַרויס.
ווי אַזוי די שטערן וואַנדערן
אין דער נאַכט — וויסט איין, וויסט אויס.

די קינדער ווערן גרעסער,
פאַרשטייען זייער אַ סך.
נאָר פאַר מיר איז געבליבן אומקלאָר
די חכמה פון יענער שפּראַך.

איך כאַפּ זיך אַמאָל צו צום ביכל
און לערן אַ טאָג מיט אַ נאַכט,
נאָר אַז איך מאַך צו די טאָוולען
איז אַלצדינג אויסגעטראַכט.

און איך ווייס נישט פאַרוואָס די ווערים

קריכן בײנאַכט אַרױס.
און װאוהין די שטערן װאנדערן
אין דער װעלט — װײסט אײן, װײסט אױס.

חוץ עטלאכע לידער פּושקינס
קאַלצאַװס און אַ מעשה טאַלסטאָיס,
װאַגלען אום, װי די שטערן און װערים
אַלע זאַכן — װײסט אײן, װײסט אױס.

און די מאַפּע פון די לענדער —
אַ פּלאַנטער און אַ געשפּין
אײן שפּינװעב פּאַדים אין מזרח,
אַ צװײטער — צודרײט און אַן זין.

און איך — אַ פּליג אין מיטן
קאַן נישט פון דאָרט אַרױס
און דרײ זיך, װי די שטערן און װערים
אין דער װעלט — װײסט אײן, װײסט אױס.

# ש־ש־ש

אוי, פֿאַראַן אַזויפֿיל שווערע בייזע זאַכן
איינצוּשטילן.

ווען איך מיט מײַן קלײנעם עמער
גײן צום אוונט,
באַרג אַרונטער,
שעפּן קילן בלויען פֿרידן,
אַלע זאַכן איינצוּשטילן.

כ׳האָב זיך אויסגעלערנט
גרינג און שטיל צו טרעטן.
קוים־געהערטע טריט.
קוים־געהערט געמיט.

קינדער בעטן:
נעם אונז מיט.
נעם אונז מיט.

ש־ש־ש־ש. ש־ש.

ש־ל־אָ־אָ־פֿ־ט.

שווער צו גײן אינצווייען
צו דעם טײַכבּרעג פֿונעם אוונט.
כ׳מוז אַלײן גײן.

אַלטע בעטן:
נעם אונז מיט.
נעם אונז מיט.

ש־ש־ש־ש. ש־ש.

שווער צו גיין אינצווייען
צו דעם טייכבּרעג פונם אוונט.
כ׳מוז אַליין גיין.

ש־ש־ש. ש־ש.
ש־ש־ש. ש־ש.

אַלע קינדער שלאָפן.
אַלע אַלטע רוען.

שטיבלאַך.
אָראָפּגעלאָזטע דעכער.
בלינדע פענסטער.
טויבע טירן.

איך אַליין באַר.
אויפן שמאָלן שטעגל.

אין מיין האַנט
אַ קליינער בלויער עמער.

אוי, פאַראַן אַזויפיל בייזע שווערע שוואַכן
איינצושטילן.

ש־ש־ש.

# פון פריער ביז היינט

אַ האָבערדיק פעלד — האַלב אין חלום פון ווייט
קומט מיר אַנטקעגן שוין אין תמוזדיק רויט
אין מיין וואַכיק־ניו־יאָרקער גרויעז.
אויף די קילע פענסטער בליט בלויער אינדערפרי,
אין זיינע אויגן שפּראָצן פרישע לעבעדיקע טויען
ווי אויף גרינע בלעטער און גראָז.

אַ האָבערדיק פעלד אויפן שכנס גוט,
און אַ גרויסער שטיין ליגט ביים פּלויט.
דריי אינגלאַך אויפן זאַמדיקן זומערוועג
האָבן מיר דאָרטן זיך אָפּגערוט,
און דער הימל איבער אונז האָט געבלויט.

אויפן באַרג אַנטקעגן — אַ יונגער וואַלד
אין זיין ליכטיקער גרינקייט צושטראַלט.
דינע שטאַמען אין איידעלע בוימער־קעפּ,
טרעטן אַרויף ווי אויף גראַזיקע טרעפּ
מיט זייערע שלאַנקע מיידלשע פּיס.
און מיר אינגלאַך דריי
אויפן זומערוועג.
איך איינער מיטן חלום
פונם האָבערנעם פעלד,
פונם האָבערנער פעלד,
פונם בערגל מיט וואַלד
און קיין זאַך ווערט אין מיר נישט אַלט.
עס בליט אויף גרין,
און פאַרבליט אין גאָלד
און בליט ווידער אויף אין גרין.
די צוויי אַנדערע
זיינען שוין געוואָרן אַלט.

און איך מיט צוויי מיידעלאך מיינעביים האַנט,
זונטיק גאַנצפרי אין קוני־איילענדער זאַמד.
די יונג־זומערדיקע זון,
און דער פליגל פון ים.
איך ווייז מיינע קליינע:
דאָרט ווייט איבערן ים
ליגט אַ ברעג,
ליגט אַ וועג,
ליגט אַ וועלט,
ליגט מיין שטאַם
ביי אַ שטיין אויף אַ האָבערדיק פעלד.

און דאָרט זיינען מיר געגאַנגען
אינגלאַך דריי
אין חלום פון אַ גרויסער וועלט.
איבער אונז האָט דער הימל געבלויט און געשטראַלט
אַזוי ווי אַצינד — נאָר פון די אינגלאַך דריי
זיינען צוויי שוין געוואָרן אַלט
אַ חלום, אַ וועלט,
אַ הימל, אַ בלוי,
צוויי אינגלאַך זיינען געוואָרן טויט־אַלט.

און איך, און דער הימל
און דאָס האָבער־פעלד,
און דער ים, און די ווייט
און די גאַנצע וועלט,
זיינען געבליבן יונג אין דער וועלט.

# מיר...

דעם שיינעם מאַרגן די אַנטפּלעקונג
און מיר און דיר — די פּראָסטע וואָר.
אַ, זע די גאָלדענע געזאַלבטקייט
אויף זיינע זוניקע בלאָנדע האָר.

מיר בלאָנדזשענדיקע דורך וואָר און ספרים,
מיר שטאָלשמידער פון האַרבן דין.
מיר משפטן דער וועלט דער וואוילער,
מיר ווייזן איר דעם וועג וואוהין:

אַז דאָרטן שטייט אַ באַרג אַ הויכער,
און דאָרטן ליגט דעם צדיקס גוט.
דעם צדיקס גוט — אַז אַלטע כאַטע,
נאָר יעדער גראָז און שאָטן רוט.

דאָס דאַרף וואו ס׳טוט דער צדיק וואוינען
הייסט מיטן פּראָסטן נאָמען: אַמאָל.
נאָר וויניק האָבן דאָ די זכיה,
צו זען פונוויטנס כאָטש דעם טאָל.

צו זען די רו און קלאָרע שלוה
וואָס ליגט איבער אים אויסגעשפּרייט,
ווי דאָס געמיט פון אַ טאָג אַ מילדן
ווען זילבעריק בלייך די זון פאַרגייט.

# אַ ליד פֿאַר אַן אומעטיקער צייט

אין אונזערע לידער די הערלאַכע שורות
לייכטן ווי ליכט פֿון דער טונקל אַרויס.
זיי טראָגן אויף די ליפּן זייערע בשורות
פֿאַר אַלעמען גלייך, פֿאַר קליין און גרויס.

אַ וואָס פֿאַר אַ מענטש וויל ניט געלייטערט ווערן
און אָפּטאָן פֿון זיך די שווערקייט ווי זינד.
די פֿייגלאַכע ווערטער רינען אַראָפּ ווי טרערן
אַריבער די וואַרימע באַקן פֿון קינד.

פֿאַרמשפּט ניט נביא אונזער דור דעם מידן
אויף די וועגן פֿון שאָטן און וואָגל אויף דר׳ערד,
דורכן טומל פֿון טעג ווי אויף וויסטע יאַרידן
מיט בלינדע און פֿינסטערע עולן באַשווערט.

אין די הייליקע שטיבער האָט זיך שוין אויסגעלאָשן
דאָס לעצט ביסל ליכט פֿון דער הייליקייט.
און נישטאָ מער די האַנט מיטן ערלאַכן גראָשן
צו קויפֿן אַ נייעם, אַ ליכטיקן קנויט.

אַ באַבעלע איינע אין אַן אַמאָליקן געסל
האָט זיך נידריק געשאַרט פֿאַרביי פּלויט און וואַנט
אין אַ טונקעלער שאָל, — דער פֿאַרנאַכט האָט גערעגנט, —
און צוויי ווייסע ליכט אין איר דאַרער האַנט...

אַ קלומעקל ברויט האָט פֿון הינטער איר פֿאַלע
אַרויסגעשטעקט — אַ פֿאַרבאָרגן געשאַנק.
און געסלאַך אַזעלכע פֿאַרקרימטע און שמאָלע,
און אַן אומעט, ווי די וועלט וואָלט געוואָרן קראַנק.

אין פֿענסטער דאָרט קאַפּטשענען לאָמפּן געלע,

די דעכער אַריבער די פענסטער — אַלט, אַלט.
טויבע פינסטערניש הויערט אויף טירן און שוועלן
אפשר טויזנט יאר אַלט. טויזנט יאר אַלט.

אין שולשטיבל זיינען זיך אידן פאַרזעסן,
די אָרימסטע, שטילסטע פון גאר דער וועלט,
אַן אומעטיקע עדה, ניט־דערשלאָפן, ניט־דערעסן,
און דאס באַבעלע האָט זיך אַריינגעשטעלט.

קוכנס פאַרטריקנטע, שבת־שיריים.
דער עולם וואַשט זיך, זעצט זיך צום טיש.
אַן אַלט־אַלטער ניגון נעמט יונג זיך באַנייען,
און די דערפרייטע בויט קלאַפּט צו מיט די פיס.

הלוואי זאָלן מיר ווידער דערהערן די מעשות
וואס מ׳האָט זיי, ווער ווייס וויפיל מאָל שוין דערציילט
און דאס ליכט פונם בעש״ט זאָל זיך ווידער באַווייזן
אין אַ ניגון אַ נייעם וואס טרייסט און וואָס היילט.

# קאַלטער פֿאַרנאַכט

פֿון דעם טרויער אויף דער גרויסער וועלט
וואַקסן דערנער אין די לידער־סטראָפֿן.
אַז איך זע אַ געבויגן געצעלט
שטייט ביים ברעג פֿון דער גאַס פֿאַרשלאָפֿן,

ווערט מיר גוט און גרינג און וואויל
און מײַנע אַקסל נעמען זיך בויגן.
כ׳ברענג קיין וואָרט נישט אַרויס פֿון מײַן מויל
נאָר ס׳איז ליטער בענטשונג מײַן שווײַגן.

יעדער טאָג איז אַ טאָג ביים ברעג
יעדער שעה פֿאַלט אין זאַמד פֿאַנאַנדער.
כ׳האָב געהאַט אַזאַ קליין שטיקל וועג
אין מײַן קרומען פֿאַרלאָרענעם וואַנדער.

ס׳גילדט די לופֿט און די זון ווערט ווײַט
און די איינציקע שטיבער גרויען.
דעם פֿאַרנאַכטיקן הימלס זייד
נעמט אין ביטערן רויך פֿאַרטייען.

און די טונקעלע וואַלדיקע וואַנט
וואַקסט אַריין אין הימל אין שווערן.
ס׳פֿאַלט דער טאָג — אַז אַפֿהענטיקע האַנט.
קאַלט און קליין די צוויי ווײַטע שטערן.

# דורכזיכטיק דורך זיך

וואס וועט מיר בלייבן פון מיין מאגערן טאג ?
עס דארף מיר גארנישט בלייבן.
באשער מיר קלארע שטילקייט פון פארטאג
און פרישן טאגליכט אין די בלויע שויבן.
א יענע גאנצע שעה מיט זיך און מיט דער וועלט
און כ׳טו אליין זיך לייטערן און קלארן.
און אין מיין ווינקל אטעמען דער וועג, דאס פעלד
מיט שמעקנדיקע וואגנס ווייץ און קארן.
די שפעטע פייגל אויף דער קילער ערד,
די שאטנס ביי די ברעגן וואס מ׳הערט
זייער געוויש פון דרימל,
דעם חלום שפילן אין די הימלען.

און נישט באקלאגן זיך וואס כ׳בין געבליבן איינגעשלאסן
אין א שפארע וועלט — א, אומעטום איז וועלט.
אויף די אויגן פון מיין פענסטער טריפט די ראסע,
טריפט די גוטע פרישקייט פונעם פעלד.
און אויפן ביסן מארגן־ברויט מיין ברכה,
וואס אנגסטן האבן מיך נישט גאנץ צעבראכן.
און ס׳האט מיין ווינקל ווארים און געטריי
געהאלטן מיך אין ווינטערהיימלאכקייט, אין יונגן יוני,
אין אלע פארבן פון סעפטעמבער דימענטענער זון.
כ׳האב פון מיין גרעניץ־ברעג גאטס רייך באטראכט
וועג אראפ וואו ס׳פארט ארונטער דער פארנאכט. —

א זיסער אומעט האט מיך דורכגעציטערט
און כ׳האב זיך איינגעקארטשעט אין די אקסל,
ווי א פייגל אין זיין אויפגעפוכטן פליגל,
ווי איך וואלט דורכגעגאנגען דורך די קופערנע קוסטעס־ריטער
וואס האבן שוין פון זיך ארויסגעלאזט
די ערשטע דינע זילבערקעלט פון פראסט.

# אונזער פרידלאך אלט־לעבן

אונזערע אינגלאך טראגן האפנונגען,
אונזערע טעכטער — שיינקייטן,
און די זיידעלאך צושטערענען זיך און זילבערן
אונטער די אלטע נידעריקע דעכער.
אין א שאפקעלע אן ארימס ביי א פשוטן אידן,
שטייט באהאלטן א גינגאלדענער בעכער,
שמועסט מען אז ס'איז דעם בעל שם טובס בעכער.

שלום עליכם, מלאכי השלום,
פרידן אייך, מלאכים פון פרידן,
אונטער אונזערע נידעריקע דעכער
וואוינען מיר גאטס ארימע אידן.

אמאליקער דור האט זוכה געווען.
אפשר וועלן מיר נאך אויך עפעס דערווארטן.
ס'קלינגען ווייטע אנזאגן אמאל אהער
אין די בלויע טריט פון די פארנאכטן.
און אז די אנזאגן פארקלינגען אין די ווייטן,
און אלטע שאטנס נעמען זיך אויף דעכער שפרייטן.
פחדים־גרילן הויערן אויף די ווענט, —
הויקערן זיך איין אונזערע שטיבלאך דא
אויף די פארשטילטע ברעגן.
אפשר האבן מיר דעם זכות פארלארן?
אפשר איז אונז בלויז באשערט
די שיינקייט טראגן פרום־באהאלטן אין זיכרון,
ווי דער בעל שם טובס גינגאלדענעם בעכער
אינם שאפקעלע פון א פראסט־פשוטן אידן, —
א געבענטשטער זכר?

שלום עליכם, מלאכי השלום,
פרידן אייך, מלאכים פון פרידן.

אונטער אונזערע נידעריקע דעכער
וואוינען מיר גאַטס אָרימע אידן.

נו, פאַרריכט דערוויל די אַלטע הייזער,
כלות און חתנים וואַקסן אונטער.
איידער נאָך ס'וועט זיך דער גרויסער נס באַווייזן,
זינגט די פרייד אין אונזערע קליינע קינדער.
שפּילן זיך ביי אונזערע זאַמדיקע שוועלן,
פייגעלאך — ביי אונזערע עפּל־שטעלן.
שוועלבעלאך אונטער די שול־געזימסן,
האָבן מיר אַן אַנדער פרייד ערגעץ באַגעגנט ?
היימלאַכער ליבער אומעט ווען עס רעגנט
איין טאָג נאָכן אַנדערן כסדר.
שמאַלע איינגעלאך אין טונקעלע קאַפּאָטעס
שלעפּן זיך איבער דער נעץ אין חדר.
און ביזקל פרייטיק וואַקסן אויס די גרויסע בלאָטעס,
נאָר דער שבת קומט סיוווי ווי אַלעמאָל
ליכטיקן אין אונזער גרויען טאָל.

שלום עליכם, מלאכי השלום,
פרידן אייך, מלאָכים פון פרידן.
אונטער אונזערע נידעריקע דעכער
וואוינען מיר גאָטס אָרימע אידן.

# בלויער פענסטער

נישט באַצווינגען, כ'וויל דערבעטן
דאָס וואָרט פון ליבשאַפט און גענאָד.
אין שטילקייט, ווי אויף גראָז, זאָל טרעטן
זיין מילדער זינגענדיקער טראָט.

פון טונקלען זילבער איז מיין האַמער,
און איידל־גרינג קלינגט אַפּ זיין קלאַנג.
און ס'בלאַנקען אויף די יונגע גראַמען
און זיידן־דיין זייער געזאַנג.

אַ אומעט מייגער, גלייך אויס דעם רוקן,
און לאָז די משא וועלט אַראָפּ.
אַ מומע נויט, נישט מער זיך בוקן,
הויב פון הכנעה אויף דיין קאָפּ.

אַ גרינגע שעה פון העלן טראַכטן
איז פאַר מיין פענסטער געבליבן שטיין
דאָס בלינדע צווייפלענדיקע וואָרטן
ווערט דורכזיכטיק, קרישטאָלד־ריין;

אַ איסט־סייד גאַס מיט אָרימע קלייטן
און צייטונגס־אײַנגלאָד דאָ און דאָרט.
אַ אינגעלע פירט אַ בלינדן זיידן
מיט אַ ליכטיק־זילבערדיקער באָרד.

און קינדער אין אַ ראָד אַ גרויסן.
פאַרנאַכטיק־שטיל איז אויף דער וועלט.
אַזאַ מין לויטער בלוי איבערן דרויסן,
האָט פונם שיינעם טאָג זיך אָפּגעשטעלט.

# קאַלינעס בּרענען

וואָס בּרענגט דעם הערבּסט דער זומער?
אַ וואַלד מיט גאָלד און רויט,
און שטאָלץ־שטילע טייכן,
און שייערן פול מיט בּרויט.

די גרויסע רו פון פעלדער
נעמט גאָר די וויטן איין.
מיט אַ געל און רויטן גאַרטל
קומט דער הערבּסט אין דאָרף אַריין.

אַ געלן רויטן גאַרטל
שאַרשענע בּלעטער־שיך,
און אַן אַלטמאָדישע לירע
אַנגעבּונדן אויפן דיך.

עס הויבּן אַן זיך חתונהס
חתונהס, נעכט מיט טעג.
איין דאָרף גייט צו דעם צווייטן
אויף נאַכט און ווייַן אַוועק.

און בּרייטע פעלצן־פּאַלעס,
שטיוועלאַך פון ליאַקיר.
און קראַנצן קאַלינעס בּרענען
אויף פענסטער און אויף טיר.

דער בּלעכענער האָן פון קוזשניע
דרייט זיך אין פאַרנאַכטיקן ווינט.
און יומטובדיקע סודן זיך
הינטער'ן שייער די הינט.

און אין די טויבּנשלאַקן
די טויבּן וואַרקען וואויל:
אַ קוש מיך מיט די קושן
די ווייניקע פון דיין מויל.

# איינער . . .

מיין זיידע האָט געהאַט אַ געבויגן הויז,
מיט אַ דאַך ביז צו ד'רערד אַרונטער.
איז פון גאַנצן געזינד דאָרט געבליבן די מויז,
די מויז מיט די מייזעלאַך־קינדער.

נאָר מסתם איז די מויז שוין אויך אַוועק,
און אפשר געשטאָרבן, געשטאָרבן.
און אין האַלצקאַמער פוילן דאָרט אַלטע זעק,
אויפן בוידעם — אַן ערדערנער שאַרבן.

אויפן צופאַלענעם קוימען שטעלט זיך אַ קראַ
און קראַקעט אַריין אין זיין ברונים.
אַ אומעטיקער פויגל, דאָרט איז קיינער נישטאָ,
דער טויט האָט זיי מיט זיך פאַרנומען.

איינעם האָט ער געלייגט אין אוהל לעבן בוים,
און איינעםביים פלויט אין די גראָזן.
האָט אַלעמען געפירט ווי קינדער אַהיים,
און די טירן פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן.

נאָר איינער פון יענעם פאַרלאָשן געזינד
איז נאָך צו זיין רו נישט געקומען.
ער ציילט נאָך אין שלאָפלאָזע נעכט זיינע זינד
ווי אַ בלינדער זיינע טריט די קרומע.

די נעכט זיינען לאַנג און וויסט און גרויס
און ווילן קיין סוף נישט נעמען.
און ער — דער פרימאָרגן קריכט גרוי אַרויס,
לייגט שערבלאַך אויף זיינע ברעמען.

ער רייסט די שאַרבנס פון די אויגן אַראָפּ
און לויפט פון זיין בעט אַרונטער.
מיט אַ ווייסן טויטן און קאַלטן קאָפּ
קוקט אין פענסטער אַריין דער ווינטער.

# שבת־שווייגן

וואָס דרשנסטו, עניו
אויפן גאַסן־קאַסטן
פאַרן פאַררעגנטן המון ?

איך דרשן די צוואהס
פון הקדש־אַפּאַסטאָלן,
בעטלער ביי די ראָגן סלופּעס,
געלע אויסגעבייגערטע הענט־ידים —
די ליריקער פון די יאַרידן,
די דיכטער פון דעם גרעסטן רינשטאָק
וואו דאָס געוויסן מסחרט
מיטן לייב פון מענטשן
און מיטן ליכט פון גאָט.

איך דרשן באַרוויסקייט,
די לייוונטע גאַנדי מאַדע,
און דעם גאַנדי יומטוב —
שבת פאַרן אויסגעמוטשעטן,
פאַרשוועכטן און פאַרזינדיקטן,
פאַרקרימטן און פאַרשעמטן
וואָרט.

איך שפּאַן דיך אויס
פון דיינע וואָכעדיקע עולן, וואָרט.
איך פיר דיך מיט געמאָסטענע טריט
אין דער ריינער שבת־שטוב
אין אירע קאַמערן פון שטילקייט.
איך שטעל זיך אויף דער אָפענער שוועל אַוועק,
און רוף צו אַלע ברעגן גאַס און וועלט :
בענטשט דאָס שווייגן.

איך צינד אָן ריינע ליכט אויף דיינע טישן

די ווייסע טישן אָנגעטאָן אין לייוונט,
לכבוד יום ה׳שווייגן.

און איך —
די ליפּן מיינע ברעכן זיך אין בענקעניש
נאָך אַ ניגון.
כ׳דערמאָן זיך קלאַנגען בּראַצלאַוער,
קלאַנגען באַרדיטשעווער
און זאַגנדיקער נוסח פונם אַניפּאַליער,
נאָר די ליפּן מיינע עפענען זיך נישט,
די ברעמען מיינע הויבן זיך אַרויף
און פאַלן.

קיינער קומט צו מיר נישט.
מיינע טירן שווייגן.
בין נישט קיין עלנטער
בין אַליין אין מנוחה,
מיט זיך אַליין אין שלוה.
איטלאַכער אָדער אין מיין לייב
רוט אין פרידלאַכן דרימל.
איך קוק אויף מיינע הענט,
אויף זייער מידער בלייכקייט,
ווי פאַרן טויט אָוועקגעלייגט,
און ס׳פאַלט זיין געלזוכט
איבער מיינע דאַרע פינגער
און זיי גאַלדיקן.
אַזוי וועלן די הענט מיר זיין
ווען ס׳וועט דער טויט פון ווינקל צוגיין
אַ גרינגן בלאָז טאָן איבער זיי,
און אַלע מיינע פינגער
וועלן זיך פאַרלעשן.
רואיק.

איך וועל נישט מורא האָבן,

נאָר אין טונקלען ווינקל

פון מיין אָרים לייב
ברענט דאָס רויטע לעמפּל
פון מיין האַרץ.
ברענט און וויגט זיך.
ברענט און טוקט זיך.
נאָר אייז פּאַכע מיטן האַנט
און עס פאַרלעשט זיך.
רואיק.

איך וועל נישט מורא האָבן.

איך האָב שוין אויסגעראַמט
די ווינקלען פון מיין מידן טאָג.
אַלע מיינע נאָנטע האָבן מיך פאַרלאָזן
אַז אַ גוטנטאָג.
כ׳בין נישט ברוגז.

בין איך דען ברוגז
אויף די טעג וואָס פאַלן?
פאַלן. פאַלן.

געל און גאָלדיק,
ברוין און מעשיק,
רויט און וואונדיק,
פאַלן. פאַלן.

ביז צום שטילסטן אויפלייזן
מיין לייב, מיין לעבן.
מיין געביין — אין שאָטן.
וואָס פאַר־אַ תּרעומות
קאָן אַזאַ ווי איך דען האָבן?
צו וועמעס אַלטער קאַץ?
צו וועמעס בלינדער באָבען?

כ׳רוק זיך אריין אַמאָל אַזוי
אין טירל פון אַ חבר,

מיט פולן בויך מיט מוסר.
אַ בעל מוסרל מיט זילבערנע פּאות,
זילבערנע ווערטער;
זילבערנע קלוגע בליקן.
און איך זעץ זיך פאַר די חברה
פריידיקן ווי פאַר אַ שבט
שבט ווילדלינגען,
מיין שבט־מוסר:

הערט־זשע, הערט־זשע.
ערב שבת טרעט אַריין איצט
מיטן אוונט דורך די פענסטער
ערב שבת שווייגן.

אַלע ווערטער
אַראָפּגעפאַלן
פון די צווייגן.

אַלע ווינטן,
אַלע קלאַנגען־קלינגלען
פאַררוקן זיך אין די ווינקלען.

ש־ש־ש־אַ־ש־ב־ע־ס,
ש־ב־ת־שווייגן.

# דאָס וואָרט זינגט צו מיר

דאָס וואָרט קומט צוגייך און זאָגט צו מיר:
מיין פרומער גאָלדשמיד, מיין יואוועליר.
כ׳האָב ליב דיין קליינע אינגלשע האַנט,
דיין דינעם שאָטן אויף דער שטילער וואַנט.

און איך בין דיין שוואַלב און דיין זומערבין,
וועל אָנקלייבן גאָלד, וועל אָנקלייבן גרין,
און בלאַנקן קופּער, און קראַנקן געל.
און עס איבערלאָזן אינדערפרי אויף דיין שוועל.

אפילו פונם הימל קרישטאָל און בלוי,
פון אונטער דער נאַכטיקער ברעם דעם טוי,
פונם ברונימס טיף דעם געהיימען קוועל,
און עס איבערלאָזן אינדערפרי אויף דיין שוועל.

און וואָס דו וועסט מאַכן און טאָן דערפון?
איך פרעג נישט, אַזויווי מען פרעגט נישט דער זון,
צי זי מאַכט אַ גראָז, צי זי מאַכט אַ בלום,
צי זי באָדט זיך אין ווייסן ימיקן שוים.

נאָר איבער מיין לייב וועט דיינע האַנט
אַרומזינגען וואָרים, ווי רעגן אויף לאַנד.
און דאָס גראָז וועט אויפשטיין פון טויטן שלאָף,
און דער בוים וועט אָנטאָן זיין קרוין אויפן קאָפּ.

צווישן טויזנט מיילער איז איינס בלויז שיין,
צווישן טויזנט הערצער — איינס בלויז ריין,
און דו וועסט מיר שיקן מיט בענטשונג און וואויל
צו אַלע הערצער און צו איטלאַד מויל.

צווישן וויפיל לידער וואַקסט איינס אויס זיס?
דאָסדאָזיקע ליד מיינס? אַביסל געוויס.
שוין אַכצן יאָר אַז איך אַרבעט אויף דעם
מיט אַ רולאָזער האַנט און אַ שלאָפלאָזער ברעם.

# מיר

פון טרויער צו טרויער, — מיין ליבער,
ס׳איז גרינגער, מיר גייען אינאיינעם.
די גאסן פארפרעמדן, און די שטיבער
ניט־היימישע, אנדערע שכנים.

און אז עס קאן אונז נישט קיינער,
רופט מען אונז נישט צו קיין סעודה,
אפשר אן אייגענער — איינער,
פארגעסט אז מיר זיינען נאך דא.

אמאל אונז געווען נאך א קרוב,
און איז אונז דערווייטערט געווארן.
וואס ווערט אויף דער וועלט דען ניט חרוב,
פרעג דער קרא אויפן טרויעריקן דארן.

מיר זאלן אים גיין דערמאנען?
צו־וואס און — צו־וואס זיך דערקענען?
וועט מיינען מיר קומען וואס מאנען,
ווי גרוי און ווי ארים מיר זענען.

מען דארף נישט. מיר וועלן דאביידע
ווי ביז איצט אין עלנטקייט בלייבן.
און איינער צום אנדערן ריידן,
און איינער צום אנדערן שרייבן.

שרייבסטו א ליד מיר: געטרייער,
בארואיק זיך, נעם זיך באזינען.
ליכטיקע גראזגרינען נייע
וואקסן אין שטיין פון רואינען.

שרייב איך צוריק דיר: דייז משל

האַט מיך דערפרייט מיט זיין כישוף,
אַ פענסטער אַ לעצטס ווערט פאַרלאָשן
אין גאַס פון מיין אָרימען ישוב.

כליינע איצט גראָד דיינע לידער,
זע איך דיין רוקן געבויגן
איבערן בויגן מיט לידער,
מאַכן זיך צו דיינע אויגן.

כ׳שטעל לעבן דיר זיך אַנידער,
איבער דיין רו און דיין שווייגן.
קוקן מיך אָן דיינע לידער
מיט גוטע, מיט קינדערשע אויגן.

איך און דו, די נאַכט און די לידער,
אַזויווי אַ בוים מיט די צווייגן.
מיר זיינען די זיבן בעטלער־ברידער,
אייביק־פרעמד און אייביק אייגן.

# דורך זיינע אויגן

— וואו זאָל איך די הענט זיך וואַשן
פון דעם מאַרק און אומריינקייט, —
פון דעם שטויב פון טמא גאַסן
איז די פאַלדן פון מיין קלייד?

— איז די וואַסערן פון טרויער,
שאַרף און קאַלט און שניידט דאָס לייב.
איז די פייערן פון טרויער
טרייסל אָפּ פון מאַרק דעם שטויב.

רויִק און שאַנד האָט בלינד געענדערט
אויף מיין וואָרט און אויף מיין ברויט.
דאַרע בינטלאַך דערנער־לידער
אויף מיין קאָפּ — די קרוין פון טויט.

וועלט און ערד און אַלץ אַרום מיר —
שאָטן פון אַ גרויס געשטאַלט.
בין איך דען אַזאַ־מין פרומער?
ניין, נאָר אַלץ וואָס בייגט זיך אַלט

אונטער אויסגעפּרואוווטע ליידן
בעט מיין שטיל געבעט אויף זיך.
גאָלדן שווייגן, גאָלדן ריידן, —
בעטלער, בעטלערישע שיך.

פונם שטויב אונטער זיין טרעטן
גייט מיר אויף אַ ליכטיק ליד.
אַלע ערלאַכע פּאָעטן
גייען נאָך נאָך זיינע טריט.

זעען אַלץ דורך זיינע אויגן
איז דער גאַנט און איז דער ווייט.
הערן אייז זיך אין זיין שוויגן
ביז דער קלאָרסטער לויטערקייט.

# לשון עניים

אויף גאַר דעם שפּלסטן
שפּרייט גאָט אַמאָל זיין ברכה:
שטיי אויף, מיין גוטער זון,
פאַרלאָז דיין שפּלקייט,
כ׳וועל עפענען פאַר דיר
דעם וועג פון העלן מזל.

און ס׳הויבט דער ארימאן זיין פנים אויף,
און זעט פאַר זיך די רחבות פונם דרויסן,
דעם הויכן הימל,
דעם בלויען זומער.
עס זינגט דער טאָג זיין גאָלדענעם שיר השירים.

וואוהין?
באַוועגן זיך דעם אביונס ליפּן.
וואו זאָל איך שטעלן מיין ערשטן טראַט,
גאָט?

און ווי אַזוי וועלן מיר קלעקן יאָרן?
ווי אַזוי וועלן מיר סטאַיען כוחות?
אַז ס׳איז מיין קאָפּ שוין ווייס,
און קנאַכיקע צרות סטאַרטשען אַרויס
פון מיינע באַקנביינער,
פון מיינע ביטערע אויגן,
דאַרנס פינסטערע?

אַז דו הייסט מיך גיין,
מסתם וועסטו שוין זאָרגן
סיי פאַר היינט
און סיי פאַר מאָרגן,
און סיי די מידע פּלייצעס מיינע שטאַרקן.

צי וואָלט אפשר ניט בעסער געווען
דו זאָלסט מיך לאָזן אויפֿן אָרט,
און דאָס וואָס דו האָסט פֿאַר מיר אָנגעגרייט
איך ווייס דאָרטן — אַ לויז, אַ קרוין,
זאָל זיך עס ליגן דאָרט אויפֿן טיש
פֿוניענערזייט, אין שטיבל דאָרט
פֿון נאָכן טויט.

צו וואָס זאָל איך זיך לאָזן נע ונד
ווי אַ געל פֿאַרטריקנט בלאַט.

וואָלט איך געווען אַ פֿויגל
און דו קומסט פּלוצלונג אָן
און טוסט מיר טאָן אַן עפֿן אויף מיין שטייג:
גיי און פֿלי זיך דיר
צו די אַלדי פֿרייקייטן, —
פֿאַרשטיי איך אַזאַ זאַך.
דאָ אָבער, וואו אָט־דער גראָער דאַך,
דער שאָטנדיקער אַלטער באַלקן
זיינען איינגעוואקסן אין מיין געביין.
און די פֿיר האַרביקע ווענט,
ווי מיינע אייגענע פֿיס און הענט.
און די צוויי קורצזיכטיקע פֿענסטער —
מיינע אויגן אין דער וועלט.

איך זע דורך זיי די גאַנצע וועלט.

די קינדער פֿונם ענגן הויף
זיינען אַלע קינדער פֿון דער וועלט.

און דאָס געזעמל גרויסוואַרג —
אַלע מענטשן פֿון דער וועלט.

ווער דאַרף דעם בריה
מיטן ווילדן גרויסן פּלאַן
צו אויפֿבויען אַ הונדערט־שטאָקיקן בולוואַן —

## וואַס דאַרף איך עס ?

איך האָב זיך שוין סייווי פון לאַנג
מיין שפּילצייט אָפּגעשפּילט
און בין געוואָרן אַלט.

טאָ לאָז מיך זיין שוין אַלט, אַלט
אַ לאַנגע שטרעקע צייט.
לאָז מיך זיך זילבערן,
זיך זילבערן
אין ציטערדיקן
פינקלענדיקן צווייפל
אין מיין אייגענעם קיום,
און אין דיינעם אויך.

און לאָז מיך שרייבן איינמאָל אין אַן אינדערפרי
אַ שורה ליכטיקייט,
אַ שטראַל פון רואיקן פאַרשטאַנד
און קוקן רואיק אויף דער בלייכקייט פון מיין האַנט
און נישט באַדויערן
איר טרויעריקע דינקייט,
איר איינוועלקן און שטאַרבן
איבער די וואונדערליכע צייכנס
אויף מיין ירויעה פּראָסט פּאַפּיר.

# מײנע קנעכט

איך טראַכט נישט נאָר פֿון גרויסן טאָג
די קלײנע װילן אויך מײַן חסד.
כ'שענק דעם אַ װאָרט און דעם אַ בליק
און דעם אַ גוטמוטיקן שמײכל.

זײ דינען מיר שוין אַזוי לאַנג, לאַנג,
פֿון אײנדערפֿרי ביז שפּעט אין אָװנט.
זײ שפּרײטן װײס פֿאַר מיר דעם טיש,
די דרײ געטרײַע גרויע סעודהס.

זײ גרײטן אַז מײַן העמד בײַם בעט,
און פֿילן אַז מיט פֿרישן טאַביק
די פּאַפּיראָסן פֿאַרן טאָג —
אַװעקטרײבן מיטן רויך דעם לאַנגװײל.

און װאָו איך שיק זײ גײען זײ,
װי מיד זײ זאָלען זיך נישט בויגן.
זעקס אָרימע, געטרײַע קנעכט
מיט גרוי־הכנעהדיקע אויגן.

און אַז איך טראַכט פֿון גרויסן טאָג;
גרויס־שבת װאָס װעט אַרונטערקומען
װי פֿון אַ הויכן באַרג אַראָפּ
מיט מלכותדיקע טריט מיט גרינגע,

פֿאַררוקן זײ זיך שטיל און שטום
אין די פֿיר װינקעלאַך די גרויע,
און לאָזן מיר אין מײַן געדאַנק
פֿאַרדרימלען אין דעם װײטן חלום.

זײ רוען אָפּ אַ װײל די הענט,

און שטויבן־אָפּ זייערע קליידער,
און מורמלען עפּעס שטילערהייט —
אפשר אַ פּרומגעבעטן אויף מאָרגן

אויף נייע כוחות פֿאַר דער מי,
די לאַנגע נודנע שעהן שלעפּן,
די יאָרן דינסט, די יאָרן יאָג
דורך די קליין־שעהלאַך פֿון אַפּרו.

זיי כאַפּן אויף זיך פּרי־קאַיאַר
ווי נאָר דער ערשטער שטרייף פֿון מאָרגן
טוט בלוי אַ פֿלאַטער איבערן וואַנט
און טשוכעט אויף דעם ערשטן שאָטן.

און פֿאַרן בעט מיינעם שטייט קיל
די גלאָז מיט אינדערפֿריאיִק וואַסער,
און שטום, ביים טיר דער מאַנטיק וואַרט —
אַ דאַרער מידער קנעכט אַ בלאַסער.

# אַ ליד

אַ ליד דאַרף קומען, ווי אַליהו, שטילערהייט,
ווען שווערע לייד האָט דיך אַנידערגעשליידערט
און ביזט אויף אַלע פיר פאַרקראָכן אין דיין לעצטן חדר
מיטן דראַבנעם פענסטערל אין דער הויכער וואַנט,
אַ ווינקל וואו עס קאָרטשעט זיך די שאַנד
און קאָן צו זיך נישט קומען.
די שאָטנס וועבן שפּינוועבס,
דער דיל אונטערן לייב ווערט שטיין.
פוניענערזייט פאַרפרעמדט די גרויסע וועלט.
נאָר דו אַליין ביזט זיך ווי ווייטיק אייגן.
האָסט שוין פאַרזוכט פון אַלע מינים שווייגן
דעם קלוגן און דעם גאָלדענעם.
און איצט איז דאָס די פינסטערניש
וואָס בייגט דעם קאָפּ אַראָפּ צום תהום —
אַריינקוקן אַהין מיט בלינדע אויגן.

# דיין ברויט איז מיין ברויט

מיין ברויט איז דיין ברויט
מיין קלייד — דיין קלייד.
דיין נויט — מיין נויט
און מיין פרייד איז דיין פרייד.

מיט וואָס זאָל איך שטילן
דיין הונגעריק האַרץ?
כ׳וועל זינגען און שפּילן
מיין גאָלד אויף דיין שוואַרץ.

כ׳וועל אויפוועקן לידער
איז שווייגן ביי מיר.
וועסט קומען אַ מידער
צום שוועל פון מיין טיר.

איך טראָג אַרויס וואַסער,
באַגיס דיינע הענט.
די שכנים, די גאַסן,
די פענסטער, די ווענט —

פון אומעטום קוקן
דיר אויגן פון גנאָד
אויף דיין האַרביקן רוקן,
דיין שטויביקן הוט.

מיין אָרימע סעודה,
מיין זאַלץ און מיין ברויט.
מיינע שפּייזן די גוטע,
די שפּייזן פון נויט.

דיין ברכה וועט נידערן

ליכטיק און גרינג
אויף שכנים, אויף ברידער
בײַם טיש אין אַ רינג.

געקומען צו טונקען
אין זאַלץ דאָ מײַן ברויט,
און אויגן שטיל, פּינקלען,
די אויגן פֿון נויט.

די ערלאַכסטע אויגן,
דאָס ערלאַכסטע ליכט.
עס האָט זיי דײַן שווײַגן,
דײַן ליבשאַפֿט באַרירט.

און לויטערער ווערן
די פּנימער זיי.
אַזוי ווי די שטערן
אין נאַכט־בלויען שניי.

זיי טוען אַ פּינקל
און מאַכן זיך צו.
אין איטלאַך קליין ווינקל
רוט פֿרידן און רו.

# באַרג

די הענט מײַנע צװײ מידע פֿליגל
איבערן האַרץ פֿאַרבראָכן, גרײט.
פֿלי־אָן און נעם־מיך אויף דײַן פֿליגל,
און ברענג מיך אויפֿן באַרג פֿון טויט.

איך ליג. די זון אין קלאָרן שװײַגן
איבער מײַן שמאָלן קאַלטן גוף.
פֿון מײַנע צוגעמאַכטע אויגן
אַ לעצט און מילד געבעט גײט אויף:

דו װעסט שוין מערער נישט באַרירן
מיט װײטיק מײַן פֿאַרװעלקטן לײַב.
דו װעסט שוין מײַנע טריט ניט פֿירן
אין װיסטן װעג פֿון שטויב און לויב.

װעסט דאָ מיט מיר אין טויט פֿאַרבלײַבן
אַרומגענומענע פֿעסט און שטאַרק.
אונטער דער קאַלטער זון פֿונאַנדערטרײַבן
איבערן שטײנדיגן פֿון באַרג.

# תורה ביים שוסטערטישל

ביים פענסטער שטייען דער טאָג איז די זון
ווי בעטלער פריילאַכע און זינגען.
ביים קליינעם נידעריקן טישל זיצן
דער מייסטער מיט זיין לערנאינגל.

— אַנדזשעלאָ, דו זעסט דעם שוך?
אַ גאַנצע וואָך וועט ער מיר קלעקן.
איך אַרבעט אָפּ אויף אים אַ שעה און צוויי
און שטעל אים אויבן, אויף דער פּאָליצע אָנטקעגן.

און קוק אויף אים אַ שעה און צוויי
און נעם אים ווידער אין דער האַנט מלאכהן.
דער קלויסטער־האָר פאַרשטייט זיך אויף דער זאַך,
ס'איז נישט קיין פּראָסטער מאַנטיק־אָנדערוואַכן.

גרינג מוז זיין דער דראָבנער טריט,
און שטילקייט דאַרף פון אונטער די זוילן ווייען,
בשעת ער גייט פאַמעלאכן צו דעם אַלטאַר,
גאָטס האַרץ מיט זיסע ווייַנרויכן דערפרייען.

די אַפּאָסטאָלן קוקן פון די הויכע ווענט,
און די מלאכים אויף דער סטעליע אויף דער בלויער
שוועבן ראָזלאַך און די מיידלאַך הינטערן וואַנט
שפּילן מיטן אָרגל תהילים, גלויבן, טרויער.

און איך ביים טיר אין ווינקל אויפן וואַנט
מיט צוגעמאַכטע אויגן מורמל נאָך די קלאַנגען.
מיין תהילים איז אַזאַ פאַרבאָרגן וויס געבעט
וועגן מיין בחורל וואָס איז פון מיר אַוועקגעגאַנגען

אַהין וואו אַלע לעבעדיקע גייען אַוועק

און קערן זיך נישט אום צוריק צו אונזערע ברעגן.
נאָר אַז מען הערט זיך אײַן צום פרומען אָרגל־שפּיל,
דערזעט מען זיי ווי אויף אַ ווײַטן וועג — אַנטקעגן.

ס׳איז זומער און די לופטן שמעקן זיס
מיט פרישע ריחות און מיט קווייטן און מיט ווײַנען.
ווי דער דערלייזער שפּרייט זײַן חלום אויף דער וועלט
איבער אונז אַלעמען — עס זאָל דער טאָג אונז שײַנען.

און ס׳זאָל ניט שווער זײַן דאָ די משא אַנגסט
וואָס איטלאַכער מוז אויף זײַן רוקן טראָגן.
און שולדיק בלײַבט דאָס אייביק וואָס האָט דאָ צוגעזען
די בלינדע האַנט וואָס האָט אַן אַנדערן געשלאָגן.

ביים פענסטער שטייען דער טאָג און די זון
ווי בעטלער פריילאַכע און זינגען.
ביים קליינעם נידעריקן טישל זיצן
דער מײַסטער מיט זײַן לערנאינגל.

# ווייפיל איך ווייס . . .

ווייפיל איך ווייס איז גענוג,
וועמען איך קאָן, קאָן איך נאָנט.
דער טאָג מאַכט מיך נאַריש־קלוג,
גוט מאַכט מיך יעדער אָוונט.

געבענטשט זיי, שוועל פון מיין שטוב,
געבענטשט זיינען אַלע שוועלן.
כ'האָב עלטערע מענטשן ליב,
וואָס זיצן אין מאַרק אויף די שטעלן.

פאַרקויפן ברויט און טאָרט,
און לעקאַכלאַך פאַר די קינדער.
אַז אַלטינקער דרימלט אויפן באָרד,
זילבער און זונגאָלד און וואונדער.

זיידע, שטיי אויף, שטיי אויף,
אַ אינגעלע וויל עפּעס קויפן.
ביי טאָג און זון און שלאָף,
דאָס אינגעלע וועט ניט אַנטלויפן.

אויפן שטעל־דעכל זשומעט אַ פליג
איר מזמור־למיטוואָד ניגון,
און אונטערן באַנק ליגט אַ ציג,
פון די קאַריצער יידעלע ציגן.

# אינדערפריאיקע מיידלאך

מיין אינגל שטייט אויף פריער
מיינע מיידלאך שלאָפן שפּעט.
דורכן פענסטער און דורך דער טיר
רינט פרישע זון צום בעט.

עס וואַקסט די זון אויף די דילן
עס וואַקסט די זון אויף די ווענט
און נעמט זיך ליכטיק שפּילן
מיט די מיידלשע נאַקעטע הענט.

די שוואַרצע האָר צולאָזן
איבער די ווייסע קישן צושפּרייט. —
ווייכע, לאַנגע וואַסערגראָזן
אין פריען ווינט צעווייט.

די פריע שעה לויכטן שטילע,
די זון לויכט שטיל איבער זיי.
ביז דאָס גאָלדענע ליכט ווערט קילער
די פענסטער — הימל, בלוי.

די בעטן — אויפגעקניטע
די אויגן — אָפּן־קוים.
די סטעליע — ווייסע בליטן
פאַלן אַרונטער פון בוים.

פאַלן איבער די אויגן
און איבער די שיינע הענט.
און ס׳רוישן פריש די צווייגן
פון אַלע פיר ווייסע ווענט.

# אַ בּוריק

ווי לאַנג עס קלאַפּט אין טיר אַ ליד,
איז דאָ אויף עפּעס נאָך צו וואַרטן.

אַ יונג פירט זיינע פערד צום שמיד
און שטעלט זיך אָפּ דאָס פעלד באַטראַכטן.

קיין פייגל פליט נישט דורך דער הויך,
קיין שאָרך, קיין קול איבער די הימלען.

גרוי־ווייסע אינזלען וואָלקן־רויך
און שווימען האַלב אין וואַכן דרימל.

הער, יונג דו, וואָס ביזטו פאַרטראַכט
אינמיטן וועג דאָרט שטיין געבליבן ?
ווי ערד און הימל זיינען אויפגעמאַכט,
איז קלאָר אין הייליקן בוך פאַרשריבן.

ווי גאָט האָט אָפּגעפאַרבט אין בלוי
די הימלען און די ערד צואַקערט.
און האָט פאַרזעצט אין דאָרן שטרוי
די גריל, דעם גרילצנדיקן קנאַקער.

ער איז דער וואַכעדיקער פּאָעט,
ווען פונם הערבסט רינט אויס די ליריק,
און ס'ליגט די ערד אין טונקעלער שפּעט
און אין איר מויל — אַ טרוקענער בוריק,
פאַרגעסן פון דער יונגער שיינער האַנט
וואָס האָט פאַרטראַכטערהייט געקליבן
די בוריק־קעפּלאַך פונם זאַמד
און מיטן פינגער זיין נאָמען אין זאַמד געשריבן.

# וואַר אין יומטוב לאַנד

פונדאַנען גייט די וואָר נישט אָפּ,
און דער שבת קומט נישט אָן.
דער קלויסטער האָט אַ גרויען קאָפּ
דאָס פאַלקהויז — אַ גרויע פאָן.

דער קופּאָל איז אַמאָל געווען בלוי,
די פאָן — ווי זונפאַרגאַנג רויט.
צום קלויסטער קומט אַן אַלטע פרוי
און טונקעלער טרויער געקליידט.

זי צינדט די גלעזלאָד חלב אָן
און קניט פאַרן אַלטאַר.
דער פאַרוואונדיקטער נביא אויבנאָן
הענגט אויף זיין געטלאַכן גזר.

די פרוי אין טונקעלן טרויער־טראַכט
בייגט זיך אונטער זיין האַנט.
אונטערן הויכן געוועלב ווערט פרי־פאַרנאַכט,
שטילער אוונט אין גליל־לאַנד.

די פרוי אין טונקעלן נעמט אַראָפּ
דעם שוואַרצן מאַנטל פון זיך,
דעם שוואַרצן הויב פון איר גרויען קאָפּ
דאָס אייזערנע צלמל פון דיך.

שטייט אין גרויען ברודיקן אַרבעט־קלייד
מיט אַן עמער וואַסער און זייף,
וואַשט זי דעם דיל — די זון פאַרגייט
אין די פענסטער פון הייליקן הויף.

די פאַרבן שלאָגן אָפּ זייער ליכט

איבערן גאנצן קלויסטער אַרום.
און בלוטיק רויט איבער ז י י ן געזיכט
אויף די ליפּן אַ שמייכל קרומט.

און אויפֿן אָרגל — גרין אויף גאָלד
און שוועבנדיק ציטערדיק בלוי.
פֿאַרנאַכט. וואַגנס פֿאָרן אַראָפּ פֿון פֿעלד
קאָרן און ווייץ און היי.

שפּעטזומער־גרילן שפּילן שטיל
דאָס שטילסטע, שפּעטסטע ליד.
די פֿרוי אין טונקעלן איבערן דיל —
קלייבט די זאַנגען פֿון נאָכן שניט:

איר מעשׂר אויף דער גרויסער ערד
איר אָרים ברויט־געשאַנק.
און טונקעלער, טונקעלער אַלץ ווערט
דער רויטפֿלעק אויף דער לעצטער באַנק.

# צו . . .

די האַנט איז קליין. קאָן נישט דערגרייכן,
און ווי אַ ווינט פליט דער טאָג אַוועק.
דער ווינטער מאַכט שוין צו די טייכן
מיט זיין פאַרקאַוועטער אייזיקער דעק.

און זע, די פענסטערלאַד דאָ, שמאָלע,
די ווענט איין טונקל פון גראָער שפעט.
נאָר עס זעעז זיך נאָך ווייט די טאָלן
און דאָרט דער בלויער באַרג־סילועט.

פונ־יענערזייט דאָרט איז די וועלט די ברייטע,
וואָס פאָר אַ ווייטער וועג אַהין.
מיט אונז — דערמאָנונגען האַלב־פאַרשנייטע, —
שטעכיקע ביימלאַך אייביק־גרין.

וואָס איז די שפעטע שעה, די מידע ?
זי איז די שעה פון די פיר ווענט,
און זי דערמאָנט אונז שורות, לידער
דורך טעג און וועלט און ווייט דערנענט.

די לידער זיינען נישט אויפגעשריבן,
אויב יאָ, איז נאָר אַ סטראָף צי צוויי.
דאָס איבעריקע איז פאַרבליבן
אין ווייטן גאָלדענעם הימלבלוי.

און אינם בלוי פון דיינע אויגן,
און אין דעם ווייזן פון דיין דינער ליפּ,
און אויפן בוים מיט די גרינע צווייגן
און אויף אַלע זאַכן וואָס דו האָסט ליב.

# צו אַ נאָנטן

דו ביזט שוין ווי אַ מידער בוים
וואָס האָט אויף זיינע פּלייצעס דורכגעטראָגן
געוויטערן און מדבר־שטורעם.

איך קום צו דיר אַריין אַמאָל
פֿאַרהויקערט מיט די בלינדע משאָס דורכפאַלן אויף זיך,
און קוק ווי די גלייכסט אויס צוקרימטע אַלטע שיך.
אַזאַ מין וואַרים קלאַנג־געזאַנג קלינגט פון דיין העמערל
איבערן שלאַנקן מיידל־זויל,
און אַזאַ וואַרימער אָטעם ווייט
פון דיין ווייסן פּאַפּיראָס אין מויל.

ווינטן קלאָגן ערגעץ איבער גרויע ימען,
מאַסטן ווי די אַלטע בוימער־שטאַמען
ברעכן זיך און קרעכצן פינסטער.

אינערגעץ איז נישט רואיק
אינערגעץ איז נישט גוט,
מיין גוטער, רואיקער אַלטינקער,
חוץ דאָ אין דיין בייטאָגיקן שטיבל.

ווי מאַמעדיק עס זיצט די אַלטע ברוינע קאַץ
לעבן דיין נידעריק סאָפּקעלע. —
אַ היים געמאַכט זיך דאָ
ביים ברעג פון גאַס,
ביים ברעג פון שטאָט,
ביים ברעג פון דער וועלט.

# דער בלינדער טויט

וויסט נישט וואו דיין מזל בלאָנדזשעט
אין אַ הוילן רוים.
טויזנט דערפֿער האָט דאָס בלאָנדזשען
ביז צום טויט אַהיים.

— מיין קליינקייט, וועסטו מיך באַשיצן
פֿון גאַרן בייז איבער דער וועלט ?
די שלאַנג פֿון קנאה זאָל מיך נישט סמען,
און נישט די שנאהדיקע שווערד ?

— דיין קליינקייט וועט דיך נישט באַשיצן,
דאָס בייז קריכט אומעטום אַרום,
און גיפטיקט איטלאַד אַרט און ווינקל,
און לאָזט דאָרט וואונד און וויי און מום.

אויב ס'האָט דער האָן דאָ פֿונם הויפֿל
זיך נישט געראַטעוועט פֿון אַ קויל,
און איז געפֿאַלן ביי דעם פּלויטל
מיט אַ פֿאַרהאַקט, פֿאַרבלוטיקט מויל.

אויב ס'האָט די טויב פֿון די געזימסן
איר קליינעם שלאַק נאָך נישט פֿאַרלאָזט,
און ליגט פֿאַרנורעט ביי איר קליינוואַרג
און הערט די ווייטע הוילע שאָס.

ביים טיר פֿון שטאַל וואו קו און קעלבל
שטייען פֿאַרשטומט און אין זיך פֿאַרטראַכט,
בין איך געשטאַנען לאַנגע שעהן
ביז אין דער טיפֿער קאַלטער נאַכט.

די ראָסע האָט דאָס גראָז באַטואיקט,
די הימלען האָבן געגנעפּלט פֿייכט.
און ס'האָבן זיך אויסגעלאָשן שטערן

און שטערן האָבן זיך אויסגעבלייכט.

און איבער מיין שטיבל האָט דאָס מזל
זיין אַלטע האַנט אַראָפּגעלאָזט
מיטן ערשטן אָטעם קעלט און ווינטער,
מיט ערשטע הייסע קושן פראָסט.

איך בין אין טיר אַריינגעגאַנגען,
דעם אַלטן בליי־לאָמפּ אויפגעדרייט,
און ס'בלאָט פון טאָג צונומען ווידער
און זיך פאַרלייענט וועגן טויט

וואָס הויערט דאָ אין גאַנצן געגנט
און לויערט הינטער יעדער וואַנט.
ער איז אַ בלינדער און עס פירט אים
אַ באָרוויס אינגעלע ביים האַנט.

# שאָטן

האסט אויף מיין טונקלער שוועל
געלייגט דיין קרומע חתימה.
און — אין מיין ווינקל האָט געשאָטנט דער טויט.

אין צוויי דריי הערבסטיקע מעת לעת
בין איך געוואָרן אַן אַלטער מאַן.

די פייניקונג רעדט קלוגע קלאָרע רייד אַמאָל,
ברענגט משלים פון די ערלאָכע.

אין יעדן הייליקן בוך רוט זייער תפילה.
און זייער טראַכטן — אוונטליכט אין פעלד
אויף שמאָלע סטעשקעס שוויגן.

און איך — האָב נאָך געדאַרפט אַרויפגיין
מיט מיינע יונגע טעג דאָס הויכע ליכט דערקענען,

און אַט איז שוין מיין טאָג ביים זייט געבליבן.
דורך שמאָלע הינטערוועגן טוט אָפגיין מיין פּאַרשפּעקטיקט ליד.
וואוהין?

זיך דורכגיין דורך געשטאָרבענע ישובים?

לויטער הענגען איבער די אומעטיקע דערפער
די קלוג קוהלתדיקע הימלען.
די פליינען דרימלען אין מידער זון פון טאָג.
די חיהלאַך אונטערן דאַרנדיקן פעלדער גראָז
זשומען, זשומען אַ טרויעריקן מזמור
פון זייער געלן מעשענעם טויט.
און —

כ׳האָב דאָך ערשט געדאַרפט דאָ אויפגיין אין דער וועלט
אַנטקעגן אַלע זיבן אויפגעפּראַלטע וועגן.
און די האַנט פון מיין שמאָלער טיר האָט מיך צוריקגעכאַפּט,
און ס׳האָט דער שאָטן פון מיין וואַנט זיך איבער מיר אַראָפּגעלאָזט
ווי דער שטיינעריקער פליגל פון אַן אַלטן גאָט.

# אין אַזעלכע טעג

אין אַזעלכע טעג, אוי, ברידער, ברידער,
ווייס נישט קיינער וואָס צו טאָן און וואָס צו טראַכטן.
ס'כאַפּט אַריין זיך אַזאַ כריפּ אין אַלע לידער,
הערבסטיק זשאַווער אויף רויטבלוטיקע פֿאַרנאַכטן.

כאָטש דאָס וואָרט איז וואויל נאָך, גוט און נאָכגעגעבן,
לאָזט זיך בייגן, לאָזט זיך שמידן, לאָזט זיך קנעטן,
איז געפֿאַלן אַזאַ שווערער אַנגסט איבער זיין לעבן,
קוקט מיט אַזאַ חשד אויף אונז פּאָעטן.

ס'פֿלעגט אַמאָל אונז קומען שעמעוודיק אין וועג אַנטקעגן,
אויף די באַקן זיינע, אונטער די זיך־שעמענדיקע אויגן
איז אַזאַ רויטלאַד ליכט און ווייך געלעגן —
פֿרישער עפּעל־גאָלד אין בלעטערנעסט פֿון צווייגן.

דעמלט זיינען נאָך אין אונזער גאַס געשטאַנען סעדער,
און די ביי־לבנהס — נאָך געווען ווי גוטע שוועסטער;
ווייכע ערד־גוטסקייט אונטער די וואָגנרעדער;
יעדער טאָג — דער שענסטער, יעדער טאָג — דער גרעסטער.

היינט אַזעלכע בייזע היינט די טעג איז יאָגן, יאָגן,
כיטרע פֿוקסן זיינען זיי אויף די אַספֿאַלט־לאָנען,
ס'לויפֿט ניו־יאָרק דורך לאַנגע שלאַנגענדיקע מיילן
ווייסט שוין ניט אַליין וואוהין, פֿאַרוואָס, פֿונוואַנען.

# וואַרט

וואַרט, מיין פּראָסטער וואַרשטאַט,
וואַרט — מיין זעג און האַק.
וואַרט, מיין גוטע ליבשאַפט
און מיין בעטלער־זאַק.

מיט די אָרימע טייל איך
חברשאַפט און גליק.
קורץ איז אונזער וועג שוין —
נאָך אַן אַלטער בריק,

נאָך אַ טונקלער גרעניץ
און — מיר קומען באַלד
צו דעם לאַנד פון שטילקייט,
צו דעם שטילסטן לאַנד.

ציילט ניט שטום די מיילן,
נאָך אַ מייל צי צוויי.
און פונוויטנס שמייכלען
ביימלאַך — צווייט צי שניי?

# מיר ביידע

מיר האַלטן זיך ביידע דאָ אויף איז אַז אָרימער שותפות.
בשותפותדיק לייב און בשותפותדיק לייד.
און אַז אומרו און פּחד
פאַר עפּעס וואָס הויערט אַריבער אונז ביידן.
מיר וואַרטן אין אומגעדולד בלינד אויף אַ בשורה,
אַ גרוס פון אַ נאָענטן איינעם וואָס האָט זיך דערווייטערט.
מיר גלויבן באַהאַלטענערהייט אַז עס לייטערט
זיך ערגעץ פאַר אונזער פאַרטונקלטן מזל אַ זכות.
און אַמאָל, אַז מיר חלומט זיך שלעכטס,
זע איך דיך — זיך אַפּרייסן פון אונזער בונד
און אַוועקגיין דורך הינטערשטע טירן,
צו דערווייטערטע ברעגן.
טראָגסט אָפּ דיין לייב פון מיין לייב.
פאַרטאָג
וועקט מיך אויף דורכן פענסטער אַ וועריִמדיקער רעגן.
איך ליג מיטן פּנים צום טויטן באַלקן.
איך ווייס:
איך האָב דאָ נישט קיינעם.
אויב כ׳האָב ביז איצט זיך געראַטעוועט פון צאָרן און בייז
איז — אויף מיין אייגענעם אָרעם.
און אויב ס׳וואַרט אַ וואָרימער שאָטן פון טרייסט
פאַר מיין קאָפּ —
אַ קאַלטער סוף־זומער ביי־טאָג,
בלייבע שיטערע זון
גלעט די שטילקייט אויף קינדערשע קברים.
און איך ברענג דאָרט קיינמאָל קיין בליט ניט אַרויף
פון די קווייטן וואָס ווערן צובראָכן פון וועלקן.
כ׳ברענג מיין אייגענעם וועלק
אינם גאָלדענעם גאַל פון מיין אויג,
אינם ביטערן ליכט פון מיין ליד.

# בית אידיש

אין הויז פון אידיש שטייען שטענדערס
אויך איך האָב איינעם דאָרט.
איינער לערנט מיט זיבן תלמידים
און דערקלערט דעם וואונדער פון וואָרט.

און אַ צווייטער — דעם טרויער פון שיינקייט
וואָס פאַרגייט און קומט נישט צוריק.
און אַ דריטער — די פרייד פון בעטלער
אין אַ רעגנגנאַכט אונטערן בריק.

און איך ביי מיין שמאָלן שטענדער
וויג זיך שטיל און מיט זיך אַליין.
ווי אָרימע אורחים און בעטלער
קומען שורות און ווערטער צוגיין.

פרייד און ליב אייך, טייערע אורחים,
און צו אייער הלבשה מיין לויב.
צו די קנייטשן פון אייערע היטלען,
צו די רעק מיט די פאַלדן שטויב.

צו די גרויסע צופאַרענע שטיוואַלעס
דורך די בלאָטעס און דערפער אַרום.
איינעם האָבען די אויגן פאַרטונקלט,
און אַ צווייטער איז געוואָרן קרום.

און אַ דריטער — שטום, איינגעבויגן
שווייגט — נאָר די אויגן לויכטן קלאָר, —
דערציילן, היילן און פאַרגיבן
דעם צער און פיין פון אַ דור.

אַט די אַלע פאַרטרויטע מיינע —

ווייסע קעפּ, זילבערנע בערד.
וואָס זאָל איך אייך לאָזן צו הערן ?
אַז איר האָט שוין אַלץ געהערט.

וואָס קאָן איך אייך לאָזן צו וויסן ?
וואָס קאָן אייך דען געבן פאַרשטיין
אַ פאַרווינקלטער מענטש הינטער קאַרעץ
וואָס גייט תמיד אין שאָטן אַליין.

און האָט נאָר פון אייער מסיבה
אַמאָל, אַ פאַרנאַכט, פון אַ זייט,
זיך געבויגן אונטער אייער ניגון
איבער דער הייליקייט פון אָרימברויט.

און קאָן ביז היינט נישט פאַרגעסן
די שעה, ווען אויף אייך האָט געהעלט
דאָס ליכט פון גאָטס רו און געוויזן
אויך אים אַ קליין אָרט אויף דער וועלט.

# כ׳לאָז אײַך איבּער

כ׳לאָז אײַך איבּער, מײַנע לידער,
אי אויף גאָטס און װעלטס באַראָט.
ערגעץ האָב איך יונגע בּרידער,
ערגעץ אין אַ דאָרף, אַ שטאָט.
איר װעט זיך צו זײ דערפֿרעגן
בּײ דעם גרױען אָסיען־װעג,
בּײ דעם גרױען אָסיען־רעגן,
בּײ דעם גרײַעלע מיט דער זעג.
איך װעל רוען, איך װעל שלאָפֿן,
איך דאַרף אײבּיק־טיפֿע רו.
אײַערע הימלען בּלױען אָפֿן,
גײען — װער קאָן װיסן װאו ?
אײַערע סעדער פֿול מיט פּירות
פֿאַרן אַלטן, פֿאַרן קינד.
צװײַגן — גינגאָלדענע שורות,
װאַרפֿן זריעה פֿאַרן װינט.
אײַך װינט װעט זײ װײען, װײען,
װאו עס איז זײ נאָר באַשערט.
און אַ צװײַטער װעט זײ זײען
אין דער װאַרימער גוטער ערד.

# וואו לויפסטו, קליין ווייס ציגעלע?

די בענקשאַפט לויפט איבער וואַסערן,
די וואַסערן האָבן אַ ברעג.
ביים ווייטסטן ברעג וואַרטן שטיבער,
אַ מאַן מיט אַ האַק און אַ זעג.
אַ היים, פיר ווענט און אַן אַפדאַך
שיינט אַ פענסטער אין יעדער וואַנט.
און דורך יעדן פענסטער באַזונדער
שטרעקט די בענקשאַפט איר ווייסע האַנט.
דאָרטן לויפן די וועגן און פירן
און ברענגען צוריק אַהיים.
הונדערט וועלדער און ביימער איינזאַמע,
ביז וואַנען דו דערקענסט דיין בוים.
הונדערט גרויסע בריקן און בריקלאַך,
ביז וואַנען דו קומסט צו דיין בריק.
געווען דאָ אַ ווייס שיין ציגעלע,
געווען דאָ אַ קינדערשע וויג.
די וויג איז פאַרלאָרנגעגאַנגען.
און דאָס ציגעלע אַנטלאָפן באַלד.
זיך געלאָזט אויפן וועג נאָכן אינגעלע
דורך פעלד און וואַסער און וואַלד,
אין וואַלד איז אַ שטיבל געשטאַנען,
געשטאַנען ליידיק און פוסט.
ביים בריק געפרעגט ביי דעם היטער,
און דער היטער האָט אויך נישט געוואוסט.
די וועלט איז אַ גרויסע, אַ ווייטע,
און אויף טויזנטער וועגן צוקרייצט.
אַז עקשן אַ וואַלד שטייט אַנטקעגן,
אַ וואַסער — צורייצט און צופלייצט.
וואו לויפסטו, קליין ווייס ציגעלע?
זע, ס'איז שפּעט און די זון פאַרגייט,
און טרויעריקע גרעניצן לייגן זיך
אומעטום אויף דער עלנטער ווייט.

# מענטשן און שטיבער

ווער ס׳קלייבט זיך אויס אַ ווינקל,
און ווער — די ברייטע וועלט.
ווער ס׳בלייבט אויף אייביק אינגל
אין חלום פון דער וועלט.

אפילו די גרויסע ליידן
גיט ער אויך אַ ליכטיקן זין.
און פליט מיט זיי איבער די צייטן,
און מאַכט די צייטן פליען.

ער בלעטערט די געשיכטע
און מישט דאָרט אויף דאָס וואָרט,
וואָס טראָגט אום טרייסט און ליכטיקייט
פון ווייטסטן אָרט צו אָרט.

דערפאַר דורך צער, עינויים,
פאַרוואָרפן, שניי און קעלט,
האָבן נאָך אַלץ אַ קיום
קליין־דערפלאַך אויף דער וועלט.

אַזוי ווי ס׳בלייבן איבער שטיבער
נאָך די מענטשנס לעצטע טעג.
בלייבן מעשות און לידער איבער
נאָך זיי מיט אונז ביים ברעג.

און לידער בלייבן אויך איבער
וואָס זינגען פון דור צו דור
דעם חלום פון מענטשן און שטיבער
אויפן זעג צווישן חלום און וואָר.

# די לידער

אויף וועלכער ערד די לידער וואקסן?
אבי זיי וואקסן נאר אויף ערד.
מעגן זיי האבן שמאלע אקסלען,
מעגן זיי האבן פרומע בערד.
זייבען זיי גאטס און מענטשנס לידער.
ווי ווייט זיי זאלן נישט בלייבן שטיין,
וועלן זיי קומען ווי ברידער צו ברידער
און ווידער זיך פאנאנדערגיין.
ווי לאנג שוין וועבט מען גרויען לייוונט,
און זייד און פראסטלאכן געוואנט.
בעל שם טוב זינגט, א בעטלער דאוונט,
אויך די מאשין איז דעם מענטשנס האנט.
און מיך פארגאפן נישט קיין אנטיקן
וואס גרויס ניו־יארק האט ארויסגעשטעלט.
איך האב ליב היימישע הילצערנע בריקן
איבער א טייך צווישן וואלד און פעלד.
און ס'וואלט געווען אויך אן סכנה
ווען עמיצער פון אונז שטעלט זיך איין
פאר דער פארלאזענער לבנה
ביים טויער פון דער ליטעראטור נאך שטיין,
און די נעא־משכילים שטייען און היטן
און לאזן איר נאך נישט צוריק אריין.
די בלויע פייגל: פרילינג און זומער
שטייען אויך מיט איר און ווארטן ביז
א נייער רענעסאנס א פרומער
וועט שטארק זיך שטעלן אויף די פיס.

# אויף דער הייליקער וועלט

די שיינקייט בלאנדזשעט באַרג אויף, באַרג אַפּ,
די גוטסקייט גייט מיטן טאַליקן וועג.
די שיינקייט מיט דער בלעטערקרוין אויפן קאָפּ,
די גוטסקייט — אויף די לענדן אַ האַק און אַ זעג.

און איך גיי נאָך ביידע אין שטילקייט נאָך,
דער אָקטאָבער, דער האַר פון פייער און ווייַן,
שפּרייט בראַנדשענע שאָטנס אויפן ווייטן שליאַך
שפּרייט בענקונג און רו איבער דאָרן און שטיין.

מיט וואָרט צי אָן וואָרט — ס׳גליט דער כישוף פון ליד
אויף מויל און אויג און אין הייל פון געדאַנק.
אַ פויגל אַ שטומער פאַרשפּעטיקט פליט —
דעם זומערס לעצטער פאַרענדיקטער קלאַנג.

און ס׳הענגען די הימלען געלייטערט און ניי,
אַ ברייטער קופּאָל אויף דער הייליקער וועלט.
רוף די פרידלאַדקייט : גאָט, רוף די ליכטיקייט : פריי,
רוף די שיינקייט פון טאָג : די געבענטשקייט פון פעלד.

# גֶעבּעט

גיב מיר כח נאָכצוזינגען כאָטש
נאָר אַ טריט — זייער פּשוט לעבּן,
גיב מיר כח נאָכצומורמלען
כאָטש אַ קלאַנג פון זייער ניגון.

וואַרף אויף איבּער מיין נשמה
האַרבּ און שאַרף זייער ניסיון.
רייס אַראָפּ פון מיר די שמאַטעס
פון מיין איינגערעדטן יומטוב.

איך האָב אָנגעצונדן ווערטער
אפשר פון אַ טמא'ן פייער.
שיק דיין ווינט זיי אויסצולעשן,
לאָז מיך ווידער אינדערפינסטער.

אפשר וועל איך ריינער ווערן,
אָפּגעוואָרפן אין אַ ווינקל
אָן אַ ליכט און אָן אַ שטערן
אָן אַ טרייסט פון : מאָרגן־קומען.

וועל ווידער צו דיין פוס דעקריכן :
גאָט, דו ביזט אויף מיר ברוגז ?
ווענד נישט אָפּ פון מיר דיין פּנים,
שנייד נישט אָפּ פון מיר דיין סטעשקע.

זאָג מיר : איך האָב דיר פאַרגעבּן,
וועל איך ווידער פון דיר אָפּגיין,
שטילער נאָך ווי כ'בין געקומען,
אין מיין ווינקל, אינדערפינסטער.

און וועל וואַרטן, און וועל גלויבּן :

אין מיין שווערער וואַנט פון חושך,
ווע־סטו מיט אַ קליינעם האַמער
נעמען אויפהאַקן אַ פענסטערל.

דיק די שווערע וואַנט פון חושך.
און דו קלאַפּסט אין איר פאַמעלעך.
כ׳שטיי פונדערזייט, אינדערפינסטער,
כ׳זע ווי ס׳שפּרינגען אָפּ די פונקען.

היינט נאָך, מאָרגן, אפשר מאָרגן
ווע־סטו מיט דיין זיכערן האַמער
דורכהאַקן די וואנט, די פינסטער,
און דער אָפּשיין פון דיין וואונדער

וועט איבער מיין קאָפּ אַ פלייצטאָן,
וועל איך אויפן פנים פאַלן.
ווע־סט איבער מיר שטיין, מיך שטאַרקן
כ׳זאָל דעם נס אַריבערטראָגן.

# אַליין

מיטן ווייסן ציגעלע באַנאַנד
איז אויך אַוועק דאָס ליד.
דאָס וויגנ־ליד דאָס זילבערנע,
פּאַרווייעט אירע טריט.

דער פריער זומערווינט קומט אָן
און קלאַפּט אין פענסטער שטיל:
עס רוישן שוין די וואַסערן
אין טייך לעבן דער מיל.

עס רוישן שוין די וואַסערן,
נאָר שטום דאָס ראָד טוט שטיין.
עס שטייטביים ברעג פון טייך דער טאָג,
דער שיינער טאָג אַליין.

עס גייען איבערן הימלבלוי
צוויי זילבערנע וואלקן אום,
צוויי שיינער ברידער וואלקן גייען
אַליין אויף דער וועלט אַרום.

און לויטערער דער הימל ווערט
און טיפער נאָך זיין בלוי.
און אונטן, בוים און גראָז און וועג
ליכטיק און ריין און גיי.

נאָר דער וואָס וועט זיין גרויסע פרייד
צוזינגען העל און שיין,
וועט אומגיין איינזאם איבער דער וועלט,
איבער דער גרויסער וועלט אַליין.

# דוד בערגעלסאָנען געווידמעט

אזוי, אַ שטילער, שטילער וועל איך קומען
אין קליידקאַרעץ אויף אַ לאַנגן, לאַנגן אָפּרו.
ביי אַן אַלטן פּעטער אויפן גאַניק
לאַנגע שעהן טאָג און שווייגן, שווייגן.

פאַרן גאַניק שטייען נישט קיין שטיבער,
אַ פּאָר הויכע, דינע גרויע בוימער —
אַ געדעכעניש פון אַ שטיק אַלטן וואַלד דאָ, —
לאַנג און דאַר ווי בחורים־נזירים.

קיינער קומט צו מיר נישט דורך די וואָכן.
ווער זאָל קומען? קיינער קאָן מיך דאָ נישט.
די וואָס זיינען מיט מיר קינדווייז אומגעלאָפן
זיינען אויף די גרויסע וועג־און־וועלטן.

קיינער פון זיי אַלע האָט זיך מער נישט
אין אַזאַ מין מצב דאָ צוריקגעקערט זיך.
אַלע האַלטן אַן זיך אין דער וועלט דאָרט,
אויב ס׳איז עמיצער דאָ ווען צוגאַסט געקומען

איז ער זיך אַרומגעגאַנגען אַ פּאָר וואָכן
האָט געשמעקט, געזוכט מיט אַלע חושים
די העלע טריט פון זיינע יונגע יאָרן
און דערזען נאָך וואו ניט וואו אַ סימן.

איז אַרויפגעגאַנגען פרי אויפן בית עולם
דורכגעלייענט אַ פּאָר ברעטלאָך פון מצבות.
איינגעקוקט זיך אין די שווערע בוימער
און ביים צדיקס אוהל אויך געשטאַנען.

פייגעלאָך זיינען אַפּירגעפלויגן

פונם שוואַרצן דאכגעזימס אים גריסן,
באַבעלאַך מיט דאַרע קנאַכעדיקע הענטלאַך
אויסגעשטרעקט נאָך אַ נדבהלע זילבער.

און גאַנצפרי איז ער גלייך אַפּגעפאָרן,
האָט דאָס ליימיקע שטעגל זיך צעוויקלט.
ס'האָט דער ישוב מיטן שולכל, מיטן ברונעם
קוים געגומען זיך אַרויסרירן פון דרימל.

איך — בין דאָ אַהער געקומען בלייבן
אויפן דאָרן גאַניק פון מיין אַלטן פעטער,
שטיל־ווערן ווי ס'צוויט אויף אַפּריל־צווייגן
שווייגנדיק — ווי פאַלענדיקע בלעטער.

און ווען פייגל פליען אָפּ פונדאַנען
נאָכקוקן אַן בענקעניש פונווייטן,
כ'האָב נישט וועמען אויף דער וועלט אַ גרוס צו שיקן
אין דער מדבר פון די ימען און די ווייטן.

# דאָ

פּאַר מיינע זינד איז אַט־דער קרבן.
איך נעם צונויף פון אים דאָס אַש,
און גיי אַהיים — פאַררוקטער, ווייטער
און גרויער זעט מיר אויס מיין גאַס.

און ס׳נעמט מיר קלאָר און קלאָרער ווערן
די טונקלקייט פון אַט־דעם טאָל,
וואו דו האָסט מיך פאַרזעצט צו לעבן
ווער ווייס ווי לאַנג צוריק — אַמאָל.

דאָ ליגט די אַלטקייט אַ פאַרשעמטע
אויף יעדן קרומען דאַך פון הויז.
די בלייכע פּנימער פון קינדער
לעשן זיך אין די פענסטער אויס.

איך קלייב דאָ אויף קאַפּיטלאַך תהילים
פון יעדן בליק אין גאַס, אין גאַנג.
אַ שטילער שמייכל אין גוטמאַרגן,
און עפּעס איז אין שמייכל קראַנק.

ווי הינטער מיינע פאַרשטומטע טירן,
ליגט הינטער יעדער טיר אַ סוד,
און עסט די רואיקייט און שטילקייט
ווי בלוטיקער זשאַווער פרעסט אַ בלאַט.

ווי הינטער מיינע נאַכטיקע פענסטער
האַלט וואַך די שרעק און היט, און היט.
אַ לאַנגער שפּיז אויף אירע אַקסל
און ריטמיש קאַלט זיינען אירע טריט.

כ׳ליג אויף מיין שלאָפלאָזן געלעגער
און הער זיך איין: טיק־טאַק, טאַק־טיק.
דאָס גייט אַרום מיין אייגענער עלנט
פוניענערזייט פענסטער הין און צוריק.

# ווינטער

אַ קלאָרער שניי טוט וואָרים פאַלן
איבער די דאָרפשטיבער און שטאַלן,
ווייכער ווערט די וועלט און מילד,
פאַרוויגט, פאַרשטילט.
פאַרוויגט, פאַרשטילט.

און פול דאָס מאַנאַטאָנע שווייגן,
ווי גרינג־פאַרמאַכטע רואיקע אויגן.
אַ זיס געשמאַק אַנטשלאָפן־ווערן
פון אַלע הימלען, אַלע ערדן.

אפילו קראָען אין די נעסטן
פון גאָר דער גרויסער וועלט פאַרגעסן.
דער שניי ווי ווייסער שלאָף ווי גרינגער,
רוט אויף די דינע צווייגן־פינגער.

די טעלעגראַפסלופּעס אויף די וועגן
האָבן זיך אויפגעהערט באַוועגן,
און שטיין געבליבן גלייכע, הויכע
אין ווייסע ברייטע שנייעך־טייכן.

און ס׳קלויסטערל אין הויף אין ברייטן —
אַ בעטלערל אַ ווייס־פאַרשנייטער.
מיט אַ באַשליק אויף קאָפּ און אַקסל,
און צו דער ווייסקייט צוגעוואַקסן.

וועט שטעקן בלייבן דאָ אינמיטן
ביז עס וועט אָנקומען אַ שליטן,
אַרויפנעמען אויף זיך און היידאַ!
איבער די ווייסע זיידענע ווייטן.

## ליד

איך בין געוואקסן און געוואקסן
און בין קליין געווארן, גאט.
שלעפ זיך דאָ אום מיט דינע אַקסל
אין דער אומהיימלאכסטער שטאָט.

און מיט זייטיקע, אַרומיקע, די מענטשן —
נאר אין צופאל אויסגערעדט אַ וואָרט.
כ׳גאַר אַזוי צו ליבן, ליב־האָבן, בענטשן
איטלאַך פנים און איטלאַך אָרט.

און צוטיילן זיך, צוגעבן, געבן
וואָס איך האָב און האָב געהאַט:
שיינקייט וואָס פאַרפליט און טוט צושוועבן
ווי דאָס גאָלד פונם פאַרוועלקטן בלאַט.

און דערנאָך דאָ בעטן אַ נדבה
אַ לעצט־געבליבן ברויטל פונם מאַרק.
הערן אויף זיך חוזק־לויבן: נביא.
כיטרע שמייכלען: תושב פונם באַרג.

בייז רכילות וועגן נייע לוחות
וואָס „ער האָט אַהער אַראָפּגעבראַכט״.
כ׳האָב אַ שמייכל: קינדערשער צולהכעיס, —
קראַנקע זון ביי שוועלן פרי־פאַרנאַכט.

כ׳האָב אַ שווייגן: מיטן קאָפּ געבויגן,
ווי אַ שולדיקער אויף בייז און זינד. —
הענגט אַן איינציק בלעטל איבער צווייגן
רייסט און בייסט און קניפּעט אים דער ווינט.

און ער קאָן אים נישט אַרונטערפליקן,
ביז דער הוילער פוילער רעגן קומט,
און די נאַכט מיט הערבסטיקע מזיקים
שוועבקט דעם זומערס איבערבלייב און ברומט.

# כ׳קום אָן

נישטאָ דאָ מער דער מאַמעס הויז,
און דעם טאַטנס קבר פֿאַרלאָרן.
און איך אַליין, טאָג־איין, טאָג־אויס
קלייב נוצלאָזע וואָכן און יאָרן.

העכער די וואָלקנס וואַקסט ניו־יאָרק
וואַרפֿט צום הימל צושטערנטע פֿענסטער.
אויף דעמדאָזיקן הויכן פֿענסטער־באַרג
קריך איך דער סאַמע קלענסטער.

איך קריך, איך שלעפּ זיך נאָר אַזוי
נאָך אַלעמען, בלייב הינטער אַלע,
און וועל אין אַזאַ מין אומעטיק גיין
הינטער אַלעמען ווערן פֿאַרפֿאַלן.

צום סאַמע שפּיץ דערקריכן אַ סך
איך וויל נישט דערקריכן, דערגרייכן.
ווער שטייט עס דאָרט אויפֿן הויכן דאַך?
דער גאון פֿון די קומענדרויכן.

עס בויגן זיך אַלע קומענס איין
פֿאַר זיין כבוד און קניען, קניען.
איך וועל שוין ביי זיין גאָלדענער קרוינונג נישט זיין,
וועל דעם טאָג שוין אין גרוי־וועג דערציען.

און אפֿשר זיך אומקערן גאָר צוריק
און די עטלאַכע הויך־טרעפּ אַרונטער.
און גיין און גיין ביז צום קאַריצער בריק,
און דערזען — אין קאַרעץ איז ווינטער.

עס בליען די דעכער און בוימער אין שניי,
און דער טייך־דעק איז פֿול מיט שליטנס.
העי, קראָ, לויף און זאָג אָן די בשורה, די פֿרייד,
אַז עס קומט אָן אַן אַלטער מחותן.

# די שונאים

די שונאימס פינסטערע בילבולים
הינטער מיין טיר — ווי טריטע מייז.
נאָר כ׳צי פּאָר זיי די פאָן פון שלום,
מיין פאָן פון שלום: זייד און ווייס.

קומט נעמט וואָס ס׳גלוסט זיך אייך צו נעמען,
אויך מיך אַליין — פאָר אייער קנעכט.
פאַרקויפט מיך אויפן וועג צו ווּעמען.
איר טוט, מסתמא טוט איר רעכט.

ווי קייטן ווערן אויך אייגן ליידן
דורך ווייסטע טעג און בלינדע נעכט.
געבענטשט זאָל זיין אייער האַנט ביים שניידן
דאָס ברויט וואָס כ׳האָב פאַרטרויט מיין ערד.

# די קאַנסט

קאַנסט איבערפֿורמען אַלץ — אַ בוים, אַ פּנים,
און פֿונעם טיפֿן שווייגן — אַזאַ וואָונדערוואָרט, —
אַז עמער'ל אַ ליכטיקס פֿאַרן גאָלדענעם ברונים,
דערפֿרישונג און דערקוויקונג שעפּן דאָרט.

אַ מייסטער, כ'האָב געזען דעם שטיין דעם האַרטן
און דיין זיך־גראָבנדיקע טיפֿנדיקע האַנט.
און איטלאַד זעמדל אין זיין דורשטיק שמאַכטן,
און דיינע אויגן — אַנטרינקען דאָס מידע זאַמד.

און נאָכדעם דיך אַליין, אַ מייסטער שייַנער —
אַ שטראָם וואָס האָט זיך דורכגעריסן שטיינער,
און זיך געלייגט אין בלויער רו — אַ טייך.

דאָס וואַסער אָטעמט שטיל און מילד און ווייך.
און אַוונט נידערט מיט זיין גרינגן פֿרומען דרימל
פֿון אַלע וועגן ערד, פֿון אַלע ברעגן הימל.

# כ׳זע פונוויטנס . . .

כ׳האב אַהער אַראָפּגעבלאָנדזשעט
ניט אין צייט און אַז מיין ווילן.
אַלע גרויסע קוואַלן רוישן דאָ,
ניט מיין דורשט צו שטילן.

אַלע הויכע פאַנעס פּלאַטערן,
אפשר אויך פונמיינעטוועגן.
פרישע פרייד מיינע — אויף שויבן
טראָפּנס ראָסע נאָכן רעגן.

ביים ברעג טיש פונם בעל שם טוב
נאָר אַ ברעקל אויפגעקליבן.
און אַ וואָרט נאָך פון זיין תורה,
אפשר נאָך פאַרגרייזט — פאַרשריבן.

אָבער כ׳האָב געהערט פונוויטנס
ס׳האַרץ פון יענע דורות שלאָגן.
יונגע פרייד מיינע — אויף וועגן
זע איך פאָרט אַ פערד־און־וואָגן.

אונטער בוימער רויזן שאָטנס,
איינגעשטילטע בערג און טאָלן.
ווייטע קלאַנגען פון אַ ישוב,
ווייטע פעלדיקע ווידערקולן.

ער וועט צו דעם ישוב קומען,
ס׳וועט שוין אָנהויבן פאַרנאַכטן.
אַלע איינגעבויגענע שטיבלאָך
טוען אויף זיין קומען וואַרטן.

# אין גרעניץ

אין אונזער געגנט וואַקסן נישט קיין טרויבן,
קיין וויינפרוכט און קיין קווייטלצווייט.
אַ דור פון אַלטן דעמבנוואַלד אויף זיבן מיילן,
לאַנגע פעלדער שטעכיק דאַרנדראַט,
ווילדע בלימלאַך פון אונטער זאַלציקן זאַמד,
טייכלאַך זומפּיקן גרינשפּיניק, פאַרסמט.
און מיר — אַן אַרים וויסט געזינד,
קיין אייגעם זינט דעם דרייצנטן דור שוין ניט באַשערט
קיין הויכער וועג צו אַ דערהויבענער שטאַט אויף דער ערד.
איך, דער עקשנדיקסטער פון מיין שטאַם,
האַלט איבער מיין אייגן לייב און דם
אַ רוט פון וואַרענונג און מאַנונג:
אויב אונזערע עלטערפאַטערס
האָבן דאָ אַפּציגיינערט אינם אומעטיקן כוטאַר,
און אויפגעהאַלטן זיך אין בלודנעם גורל ווי די הינט,
מעג אונז אויך אַנשטיין אַט־די זינד.
דער אויסוועג קאָן נאָר זיין אַ מיאוסער און אין שאַנד.
די בייטש מוז איטלאַכער וואָס האָט אַ האַנט
פריי־האַלטן אין שוואונג דאָ איבער עמיצן,
אַז ניט — איז איבער זיך אַליין.
נו, קלייב איך אויס מיין אייגענעם גוף און זעל.
זאָלן וואַקסן עלנט־שוואַמען אויף מיין שוועל.
זאָל דער אַלטוואַלד מיר פאַרשטעלן וועג און שטעג
צום ברייטן פרייען טויער פון יונגע טעג.
כ׳וועל גיין אין שפּעטן פעלד אין גאַטס פאַרנאַבטיקן שאָטן,
שמעקן דעם אַלטן מאָד פון טויטע נויטן,
און טרויערן צו זיך אין באַרד.

# ברודערל

אַ קליין קליין ברודערל איז ביי אונז געשטאָרבן,
אַ שיינס און אַ שטילס אַזויווי אַ טויב.
וועט ער מער נישט קוקן מיט די בלויע אויגן
אויפן בלויען הימל דורכן פענסטער שויב.

וועט ער מער נישט לאַכן צום גאַנצן דרויסן,
אפילו צום אַלטינקן מיט דער ווייסער באָרד.
פאַר אַלע פאַרבייגייער אַ גאָלדענעם שמייכל
אַ גאָלדענעם שמייכל און אַ גאָלדן וואָרט.

די פייגעלאך פיקן שטרויעלאך קליינע
און האָבער־קערנער אויפן שליאַך דערביי.
פוניענערזייט פלויט וואַקסט אַ סאָד מיט בוימער,
גייען די בוימער אָנגעטאָן אין מאַי.

קליין געוועזן ברודערל און דין, אַזאַ דינער,
געמוזט נאָר ליגן אין בעט גאַנצע טעג.
ווען אַנדערע אינגעלאך, אויך קליינע און דינע,
זיינען שוין אומגעלאָפן אויפן ברייטן וועג.

„שפּעטער, שפּעטער וועט ער שטאַרקער ווערן",
האָט געשמייכלט דער דאָקטאָר דורך דיברילן וואויל.
און די גוטע מאַמע האָט אים נאָכגעשמייכלט
מיט טרויעריקע אויגן און אַן אומעטיק מויל.

אינגעלע איז געשטאַנען טעג ביים פענסטער
איין זומער איז געקומען און אַ צווייטער איז אַוועק.
און קאַלטע ווינטערס זיינען אויך געקומען
און ברודערל איז געשטאַנען אַזויווי ביים ברעג —

ביים ברעג פון אַ ים וואו שיפן קומען,

רוען זיך אפּ און זיי פאָרן צוריק,
און אויף אַלע שיפן טוט ווייען און פלאַטערן
די פאַרביקע פאָן פונם לאַנד פון גליק.

אַ זיידעלע האָבן מיר, פלעגט ער שבת קומען,
ברודערל האָט אים זייער האָלט געהאַט,
דעם זיידנס מעשות וועלן אויף אַזאַ דמיון,
דעם זיידנס מעשות מאַכן גוט און זאַט.

ווען נישט די מעשות און ווען נישט דאָס פענסטערל,
און ווען נישט דער טאָג וואָס ברענגט די וועלט,
און שטעלט זי אַוועק פאַרן ליכטיקן פענסטער,
וואָלט ברודערל גאָרנישט געהאַט אויף דער וועלט.

און ס'וואָלט אויף זיין דינעם קינדערשן פּנים
אַזאַ הערלאַכער שמייכל אויך נישט געווען.
אפילו דורך די בלייכע פאַרשלאָסענע ברעמען
האָט ער דורכגעלויכטן : ס'איז שיין, ס'איז שיין.

ווי ער וואָלט שוין געזען דורכן ליכטיקן פענסטער
די גאַנצע וועלט פון ברעג צו ברעג,
און זיינע פאַרבלייכטע קינדערשע יאָרן,
און די ציטערדיק־דינע פאַרפלויגענע טעג.

# צו פּ.

כ׳וואַרט יעדן טאָג אויף אַ גוטן בריוו,
און ס׳קומען טונקעלע, טונקעלע בשורות.
און ס׳איז מיר אַזוי שווער צו קוקן אין דער טיף
פון דיינע אומעטיקע שורות.

אַמאָל האָסטו געשריבן: כ׳האָב אַ ליכטיק קינד
מיט פרייליכע לאָקן און מיט בלויע אויגן.
און פון די ווערטער האָט געשמעקט מיט וואַרימען ווינט
מיט צוויט אויף יונגע צווייגן.

אַמאָל האָסטו געשריבן: מיין אינגל וואַקסט
און רעדט אַזעלכע לאַכנדיקע ווערטער.
און כ׳האָב געהערט דיין אייגן קול, דיין זיס געשמאַקס,
איז זון פון פענסטער — דיין געלעכטער.

דיין שטאָט איז וייט, איז וייט איבער אַ ים,
און מער ווי בריוו קאָן מען דורך אים ניט שיקן.
די בריוו, ווי טויבן, פליען איבערן פלאַם
פון אַלע ברענענדיקע בריקן.

פון אַלע בריקן בלייבט דער רעגנבויגן־בריק
דער רעגנבויגן־בריק נאָך טרערן, רעגן.
דאָס וואָס די אַנגסט צושטערט לעבט אויף צוריק
אין איינזאַמקייט אויף וועגן.

די גוטסקייט קוקט אַראָפּ פון הוילן פעלד,
פון אַלע בוימער שוין אַוועקגעפלויגן די בלעטער.
און פון דער גרויסקייט אויף דער אומענדלאַכער וועלט
און פון די האָפענונגען: שפּעטער.

שפּעטער, שפּעטער, אויב ס׳קומט נישט אָן די פרייד

קומט די רו, די רו איז אויך אַ שיינע,
און ס'שענסטע וויגליד וועט געבוירן דער טויט,
מען דאַרף דערפון ניט וויינען.

אודאי מיין איך טרייסט מיט איינלאַד וואָרט,
אוודאי וויל איך גרינג און ליב דיר מאַכן,
פאַר מיר אַליין ווערט אַלצדינג ריין און קלאָר
אַזוי צו רעדן פון די שטילע זאַכן.

און סטונקעלע געמיט פון דיינע בריוו
וועט העלערער און ליכטיקער און לויטער,
און דורכזיכטיק זינגט אויף פון זייער טיף
אַ גייער גרוס אַ ווייטער.

איך וועל דיר אָנזאָגן אַ בשורה: ס'האָט מיין קינד
דיין נאָמען אויסגערעדט, דיין גוטן נאָמען,
און ס'האָט פאַרשמעקט מיט פרייען יונגן ווינט,
מיט אַלטע זומערן וואָס וועלן נייע ווידערקומען.

# ביי אונז

ביי אונז אין שטאָט איז דאָ אַ גאַס,
אַן אַלטע־געבליבענע פון אַמאָל.
די גאַס איז אַלט דריי הונדערט יאָר,
און קיינער וואוינט שוין נישט אין איר.

ביי אונז אין גאַס איז דאָ אַ מענטש,
אַן אַלט־געבליבענער פון אַמאָל.
ער זיצט ביים פענסטער און קוקט אַרויס,
נאָר קיינער קומט שוין נישט צו אים.

ביי אונז אין הויף איז דאָ אַ בוים,
אַן אַלט־געבליבענער פון אַמאָל,
עס גרינט נאָך אויף אויף אים אַ צווייג,
נאָר קיינער פרייט זיך נישט מיט אים.

ביי אונז אין שראַנק איז דאָ אַ בוך
אַן אַלט־געבליבנס פון אַמאָל.
איך עפן אים און — אַ בלאַסער שיין
קוקט פון זיין בלינדן אויג אַרויס.

אַן אַלטע גאַס, אַן אַלטער מענטש
אַן אַלטער בוך, אַן אַלטער בוים.
נאָר עלטער פון אַלע איז דאָס באָבעלע
אין אונזער ווינקל, ווי גרויער ליים.

די קינדער טראָגן איר אַלצדינג צו:
אַביסל מילך, אַ ברעקל ברויט.
פון ברעקל עסט זי אויף אַ העלפט,
און גיט דאָס איבעריקע דעם טויט.

# שורות זייד

דערלייטערן זיך ביז דער ליבשאַפט צו יעדען מענטשן,
און ביזן גוטן שמייכל צו דעם בייז אויף זיך אַליין.
און אויסשלייפן דאָס אויג צו זען דאָס וואַכעדיקע גרויע
פון וואָרן טאָג — אין בלויליכט פון לעגענדע.

און פונם וואָרט אַליין זאָל טויען טרייסט און היילונג.
איך ווייס : צו דעם דערגרייכט מען דעמלט ערשט,
ווען מ׳הויבט זיך פינסטער־קראַנק אַרויס פון עלנט,
און ס׳ברענט דער דורשט אין דער נשמה : אַ טרונק וועלט.

ווען אַלץ איז שוין פאַרלאָשן, אַלץ אַוועקגעגאַנגען,
און מ׳איז אַרויסגעטריבן פון דער רו אויף אַזאַ ווילדער וויסט
וואו ביימלאַך דאָרנען פרעמד, פאַרשאָלטן, טרוקן,
אַן אויסגענאָגטע וואונד. גייט רוי די רויטע זון אַוועק.

און — כאַפּסט זיך אויף צוריק און ווילסט ערגעץ אַנטלויפן,
דערנער־פעלד אונטערן טראַט און בלייכער הימל־בלעך.
און ס׳ציט און צערט דאָס ווייטיקדיקע אינגלשע מיד האַרץ
און מאָלט זיך : שטיבעלאַך און מענטשעלאַך אין אַ דאָרף.

דאָס דאָרף איז ווייט, איז ווייט, אוי־ווײַ, ווי ווייט.
נאָר עס איז דאָ ערגעץ און אויך אַ גרויסער טייך
גייט דאָרט אַרום, — דער טייך מוז איצט שוין ווערן קאַלט
און דער פאַרנאַכט טוט וועבן איבער אים די בלייכע פאַרבן זייד.

אַ זיידן העמדל פאַר דער טרויעריקער לעצטער שעה,
אַ זיידענע שטילקייט אָטעמט אויף פון איטלאַך דינעם גראָז,
און אַ דין־דין האַלב־רינגל לבנה שיפט גרינג אַן
אַן עלנטס אין דער גרויסער הויכער וועלט,
און קיינער איז נישטאָ אין אים.

# קלינג אַן דיין גלאָז

ניט מיינע קרובים דאָ די גאָסטן,
נאָר אפשר איז שוין דאָ פֿאַראַן
אַ זכר היים פֿון יאָרן טאָפּטשען
אויף אָט־דעם גרויען הוילן שפּאַן.

און אויף דער וואַנט וואו די נאַאיווקייט
האָט פּרי׳ר מיט יאָרן נאָך פּאָרטרעט
איר שטיל און אינגליש ערלאָר ווייזן
אויף ערשטער ליבשאַפֿט אין איר נויט.

מיר זיינען אַלע קלוג, אַלוויסיק
און וואָס איז אונז שוין דאָ ניט קלאָר?
דיין קאָפּ איז יונג נאָר — מידע זקנים
צו דר׳ערד געבויגן — דיינע יאָר.

פֿונדעסטוועגן, ניט שעם זיך, סיגאַל,
ווען ס׳כאַפּט דיך ווער דאָ אין אַ זינד —
אַראָפּבויגן דעם ווייסן פֿליגל
צו ווייס־איך־וואָס און וויסטן ווינט.

ווי ווייס, ווי ווייט קאָן מען דערטראָגן
דעם חלום אויפֿן הויכן וועג.
אויב ד׳האָסט אַ קרעטשמע אָנגעטראָפֿן
שוין שפּעט פֿאַרנאַכט אינמיטן וועג, —

אין קרעטשמע זיינען זיך פֿאַרזעסן
מעפּיסטאָ׳ס חברה — יונג און יונג!
קוהלת אין די שאַרפֿע אויגען
און שיר־השירים אויפֿן צונג.

קלינג אָן דיין גלאָז אין זייערע גלעזער

און נאָכאַמאָל, אַזוי, ביז טוב.
זיי וועלן צו דיין וואָרט זיך בייגן
ווי אונטער רעגן־שפּריי דער שטויב.

און איין קאַפּיטל נאָכן צווייטן
דיין ווידוי און דיין תהילים־ליד,
פון שטאָלצע בוימער אין אָקטאָבער,
פון פעלדער מידע נאָכן שניט.

און פונם וואָגלער אין דער שיכרות
פון דעם סוף־זומערס האַרבן רויט,
דאָס טרויערבלוט וואָס זיסט מיט שיינקייט
די זאַלציקייט און שוויים פון ברויט.

ווי גרויס דיין וואונדערליך געדענקען,
דיין ניט פאַרגעסן אַזוי לאַנג,
אַזאַ מין דראָבנער זריעה־קערן
און אַזאַ שלאַנקער ליכטיקער זאַנג.

# ברעג אָקטאָבער

וואָרף דיין גאָלד, דיין בראָנז און פייער
אין די דאַרע הענט פון טויט,
שפּין פון הערבסט מיט דימענט־אויגן,
דורך די דורכזיכטיקע טעג.

ניט איין עפּל אויף די צווייגן,
בוימער, דאַרע גביאים, גרויען.
טראָגן ס׳וואונדערלאַכע שווייגן
פון די קלאָרע הימלבלויען.

פול דאָס געמיט מיט גוטן אומעט.
אַלע פעלדער, אַלע וועגן.
אוועקנטן מיט רויטע גאָרטלען
און מיט גינגאָלדענע ברעגן.

כ׳וועל ביים ברעג פונם אָקטאָבער
לעצטע לידערקלאַנגען קלייבן.
פרום וועט זיי מיין אויג פאַרנעמען,
פרום וועט זיי מיין האַנט פאַרשרייבן.

וואָס די אַלטע פרומע דיכטער
און די יונגע — האָבן געלאָזן —
לעצטע טרויער אויף די שטאַמען,
לעצטע טויען אויף די גראָזן.

לעצטע שטילקייטן וואָס הענגען
פון די אַלטע שטיבער־דעכער,
וועלן טריפן ריינע גוטסקייט
אין מיין בלויען נאַכטיקן בעכער.

# אוקראַיינער אוזאַר

1.

הערבסט אויף מיין אוקריינער פעלד.
דער האַרבער האָניק־זיס פון בוריקעס,
און דער אומעט מיט צושטרעקטע ווינטיקע הענט
כאַפּט מיך אַרום מיט פרייד:
מיין ברודער,
וואו האָסטו גערודערט דיין וואַגלשיף?
ביי וועלכע ברעגן וועלט זיך אָפּגעשטעלט,
געלאָזט אַ צייכן־פלאַקן פון אַ ניט־דערביטער היימוואַנט?
קום, יעקב, קום אַריין אין מיין כאַטע־שטוב.
נאָך דאָ אונטערן אויוון אַן אַלט פאָר שטיוול,
אַן איסגעקראָכענער קאַצנפּעלץ.
ווינטן און יאַרידן האָבן געטשופעט זיין וואָל,
און ס׳ליגן נאָך אין זיינע פאַלדן אויסבאַהאַלטן
אַלע ווינטערדיקע וואַרימקייטן,
קרעטשמע־זכרונות,
בעל־שם־טוב מעשות,
און אַלטע אָפּגעריסענע ניגונים
וואָס זוכן אַ תיקון ביי די נייע בעטלער.
די אַלטע בעטלער־ליריקער זיינען געשטאָרבן,
די נייע לאָזן זיך נאָך אַלץ נישט אייפן וועלט־וועג.
עס ווייזט זיך נישט אין זייערע בלאָנדע בערד
קיין הייליק זילבערל,
וואָס טוט באַפעלן, לאמור:
יאַקוב, נעם דיין שטעקן אין דער האַנט,
און לאָז זיך שוין אַרויס איבער די שליאַכן
דורכצופירן דיינע גרויסע שליחות׳ן.
דאָס פאָלק טוט אויף דיר וואַרטן.
דאָס פאָלק ליידט האַרטע שווערע נויט,
און דער הונגער עסט אויף זיינע מאָגערע זאַנגען ברויט.

יאַקוב, גיי אַרויס אויף דיינע שליחות׳ן.

.2

וואו ציען זיי, די רוקנס מיט די טאַרבעס?

נישט אויסלייזן קיין סדום׳ס,
און נישט חרוב מאַכן.

זיי ווילן נאָר מיט זיך דערמאָנען
די וואונדערלאַכע אַרכיטעקטור
פון היימיש־נידעריקע כאַטעס
אין קרייז פון רואיק־הויכע בוימער־זקנים,
די חכמים פון שטומער עלטער.

ווער זיינען זיי, די רוקנס מיט די טאַרבעס?

זיי זיינען אַן איבערבלייב
פון דער עפּאָכע פון די שופטים,
וואָס האָבן פאַרן פאָלקס ריין אויג
די וואָגשאָל פון גערעכט געהויבן.

דאָס פאָלק —
די אויסגעפּרואוווטע האַנט,
די אויסגעהאַרעוועטע,
די אויסגעמייסטערטע,
די אויסגעשמידטע שטאַרקע האַנט.
אין אירע אָדערן רינט דאָס ערלאַכסטע בלוט, —

דאָס בלוט וואָס איז פאַרשטאַנד
און ליכט, און ליבשאַפט און געוויסן,
דאָס בלוט וואָס איז זון און לאַנד,
פּראָסטקייט, אייביקייט און נס פון אַלע ניסים.

# דאָרן־ליכט

אַ, איך בין אויך אַמאָל אַרויסגעגאַנגען זוכן וואונדער,
אַ שלאַנקער אינגל — יונגער חלום און פאַרנאַכט.
און האָב די וועלט געטראָפן בלוטנדיק אין וואונדן,
און האָב איר אַנגסט מיט זיך אהיימגעבראַכט.

וואָס איז די וועלט ? זי איז אַ קינד אַן אָרימס
מיט שמאַטעס אויפ׳ן דאַרן קערפּער, ריס אויף ריס.
נאָר אין די אויגן — אַנזאָגן אויף שטורעמס
און בלוט סימנים אויף די הענט און פיס.

נאָר איך האָב אויך ליב שטילע גוטע אויגן
וואָס היילן און וואָס וויגן איין באַרוט.
און דער באַ׳צער׳טער קאָפּ נעמט נאָכגיביק זיך בויגן
צום טויט אַפילו — ס׳ווערט דאָס שטאַרבן גוט.

ס׳איז גוט, ווייל אַלע גוטע טוען רואיק שטאַרבן
פאַרוואונדיקט און פאַרוואונדערט פון דער וועלט.
און איטלאַכן פון זיי פלאַמט אויף אַ הערבסט מיט פאַרבן
צוצונדן איבער וואַלד און דאָרף און פעלד.

נאָר די וואָס ברענען אויס, ווי ליכט, אין לידער, —
דאָרנס אין דער וויסט מיט גאָט באַנאַנד.
זיי זאָגן פאַר דער וועלט דער גאַנצער ווידוי,
און פאַלן אויפן פנים אינם בלינדען זאַמד.

# בלעטער גאָלד

דעם בעטלער גיב אַ נייע טאָרבע,
דעם קעניג — אַן אַ קריג אַ זיג.
מייַן בעטלער־וועלט איז מלכות־פאַרבן
ווען דער אָקטאָבער קומט צוריק.

אַ בעטלער ווערט שוין נישט אויס בעטלער
ווען ער טוט פון זיך די טאָרבע אויס.
ווען פונעם בוים צופאַלן די בלעטער
בלייבט ער נאָד אין זיין גרויקייט גרויס.

אויף נעסטן רוט אַ פרום שטיל שווייגן,
ווען אַלע פייגלען פליען אַוועק.
אין דינעם רער פון די הוילע צווייגן
רינט זיס דאָס בלוט פון די זומערטעג.

אַ בעטלער מיט די אַלטמאָדישע לירעס
פון וואָרט, וואָס וואָלגערט זיך אין מאַרק
און אין צעוואָרפענער עשירות
פון דעם אָקטאָבערס טאָל און באַרג —

זיי האָבן ליב זייער מערכה,
און זייער שווערן טרויער אויך.
ווייל אַלץ וואָס גאָט האָט אין זיי צובראָכן
ווערט ער נאָד מאַכן גאַנץ און גלייך.

# יונג־אַלט

מיר וועלן ביידע נאָך זיך איבערלאָזן
צוויי שמאָלע קברים׳לאַך,
און מיינע אַ פּאָר גרויע ספרים׳לאַך
מיט פרומע שטימונגען, מיט שפּעטע טריט,
איבער די שטעגלאַך
פון ליד — צו ליד.

אויך איצט שוין זיינען מיר אַזעלכע אוונטיקע
און דאָ, איבער דער יונגער וועלט,
גייען אַרויס די שטאַרקע זומערטעג
מיט נייעם צוויט, מיט ווינטיק בלויען זייד.
מיר הערן צו דאָס לעבעדיקע רוישן פונדערווייט,
ווי פון אַ ברעג מיט פעלדער־זאַנגען ,
פונוואַנען מיר זיינען אָפּגעגאַנגען.

ווי בלייך די שעה׳ן טאָג זאָלן נישט זיין,
איז אונז גענוג די רו אין מידן שיין
פון רויטלאַכן פאַרנאַכט ביי אונזער וואַנט.
אַט פאַלט דאָס גאָלדרויט
אויף דיין אַקסל, אויף דיין האַנט,
אויף דיין געזיכט, —
אַ פלעמל טרויעריק ליכט.

כ׳האָב נעכטן פון־אַ־זייט זיך צוגעקוקט
ווי דיינע אויגן האָבן זיך געטוקט
אין מיינע בלעטלאַך, ווי אין אַ צוואה־שריפט.
אַ גאַנצן טאָג נאָכדעם
איז דיין קול געווען פאַרטיפט
און עפּעס אומקלאַר־ווייט דיין גאַנץ געשטאַלט:
יונג און אַלט,
יונג־אַלט.

# די זינדיקע

די זינדיקע ווי מצורעים —
האָסט זיך נישט אָפּגעקערט פון זיי.
עס עפענען זיך די זינד, ווי וואונדען
און בלוטיקן, און טוען וויי.

די ביזט געקומען מיט זיסע זאַלבן,
מיט גוטע איילן אַלערליי.
און מיט דיין גרינגער האַנט געגאָסן
אויף זיי דיין היילנדיקן טוי.

דער אַנריר נאָר פון דיינע פינגער,
דער שטילער מורמל פון דיין ליפּ —
און גרינגער ווערט זיי די געמיטער,
און עפענען זיך און האָבן ליב.

זיי האָבן פינסטער דורכגעטראָגן
אויף זייער לייב די זינד, דעם פּיין
און קומען אָן ווי ווייטע אורחים
פון וואָגל און וועלט אויס, וועלט איין.

און בלייבן שוין אונטערן שאָטן
פון דיינע טונקעלע פיר ווענט.
וואו האָט אַ מענטש זיך דען צו ווענדן,
אַז ער האָט שוין דיין שוועל דערקענט.

# אַ וואָרט פון ליבשאַפט

וועסט ווידער מייסטערן מיין וואָר
און מיינע דראַבנע מעשים.
וועסט געבען מיינע טעג אַן אָרט
און מיינע טריט אַ זיכערקייט.
און איך וועל קאָנען זיך אַליין פאַרטרויען:
ביי אַט־דער וואַנט וועט שאָטענען מיין רו;
אין די פיר איילן ליגט מיין בענטשונג
פאַרן מאַלצייט ביי אַן אָרימען טיש,
וואו איך בין נישט פאַרשעמט געוואָרן.

פאַרנאַכט די שוועל פאַרלאָזט:
אַ גוטנטאָג אייך, נאָנטע.
דאָס וואָרט פון דאַנק איז שטילן בליק פון אויג
און נישט דעם קאָפּ געבויגן.

האָסט אַלע שטיבער אויף דער וועלט
פאַר מיר צושטעלט —
אַכסניות —
קליבן שעהן רו אין ווינקלען,
און פרעמדקייטן פאַרברידערן,
און היילן זיך פון בויטגעפאַלנקייט,
דערשראָקנקייט און מורא.

און כ׳העך נאָך דאָ און דאָרט
אַ וואָרט פון ליבשאַפט:
זאָל דיין וועג זיין ליכטיק.

זאָלסט אָפּנאָגלען דיין טראָט פון וואָגל,
און זאָלן דיר אַהיימפירן
די גאָלדענע קאָרנפעלדער.

# דורכפירן

און דו, מיין קליינוואַרט,
מיין היטער און מיין וועכטער,
איין שליחות האָסטו נאָר —
מיך דורכפירן איבערן רויען טאָג
ווי דורך אַ דאָרף פון בייז־פאַרדעכטיקטע.

טויזנט צונגען האָט דער מאַרק
אין זיין גלאַקן־קופאָל,
און פילדערט, ברומט און רימט
זיין זיידענס און זיין דימענט.

דער פריסטער און דער ריטער,
קליינבירגער און אַריסטאָקראַט,
סאָלדאַט און פריצטע —
אַלע קויפן ביי אים איין עסטעטיק און געווירצן,
געקאַרבטע שיך,
געפאַרבטע שירצן.

נישט אונזער לוסט,
נישט אונזער גוסט.

מיר גייען דאָ נאָר דורך
געוואָר־ווערן דעם בעטלער
מיט דער שיווער באָרד.

אויפכאַפּן אַ טאָן
פון זיין ווייסן פישיקן צאָן
איבערן אָדער פון זיין אַלטער לירע.

אַט דער מאָדנער טראַגיקער
מיטן גרויסן אַפּאָסטאָלישן ליסע־קאָפּ.

דער מאַרק איז אַלט
און ער — נאָך עלטער.

עלטער פון זייביידן
איז די גרויע לירע.
אפשר ירושה פון די ערשטע ליריקער,
וואָס האָבן נישט געקאָנט דאָס בוך,
אַט דעם לעדערנעם שוך
פאַרן ווייסן באַרוויסן פוס פון וואָרט.

זיי האָבן אויסנווייניק געשפּילט
די למנצח׳ן פון שיינקייט,
ווי ס׳שפּילט דער בוים זיין צוויט,
מייסטערט זיינע פּרוכטן,
און גיט זיי אָפּ
די ווינטערדיקע טיפע קעלערן.

אַ וואונדערלאכער פּראָסטער הייליגער באַרוף,
אָן שפּעקולאַציע אויף איבערמאַרגן,
אויף מייליקע נחלות אייביקייטן,
וואו דער שוואַרצער אומעט וואַקסט
צווישן מצבות און בערגלאַך,
און פויגלען היפּן אויף שווינדזיכטיקע פּיס
איבער די דאַרנדיקע גראָזן.

אַט דאָס דערמאָן איך דיר,
מיין קליין וואויל וואָרט,
ווי מען דערמאָנט אַ זון
די פרומקייט פון די אבות.

# ליבהאָבן

אַרומגענומען די קליינע איבערלעבונגען,
ליבהאָבן זייערע לייבאונלעבנס,
ווי די דינע סאַמעטענע קינדער־גופן,
די חנ׳עוודיקע קעפּ און זיסע מיילער.
און די וואָס האָבן זיך געלאָזט אין ווייטענישן
אויף אַוואַנטיורן, טריאומפן, אופטואונגען
מיט שווערד און שטעקן, אויפגעבלאָזענע מאַרשן, —
וואָס זיי זאָלן נישט דערגרייכן דאָרט,
קיין שוכבענדל פונם ניצחון, קיין מינדסטל פונם זיג
זאָל פאַלן רויטבלוטיק אויף אונזער ריין געוויסן.
מיר האָבן נישט געוואָלט
קיין גאָלד,
און נישט באַגערט
קיין שווערד
וואָס זאָל אונז ברענגען גרויסגעשאַנקען
מיט ריטערלאַכן לויב־און־לידער.
איר געדענקט, ברידער,
ווען איר זענט אַרויסגעגאַנגען פונם דאָרף
זענען געשטאַנען רעגנטעג איבער די פעלדער,
די שאָף געהילט אין שווערן פעלץ פון וואָל,
אין סאָד זיינען די אַלטע ביימער
קראַנק געווען און זיך געבעטן אָפּשערן די טרוקענע צווייגן.
און איר האָט אונזער קליינע היים פאַרשעמט.
אייך האָט געלאָקט די אומרו פון דער פרעמד.
קיינזאַך האָט אייך נישט געקאָנט צוריקרופן,
אַפילו נישט דעם זיידנס מוסר פונם געלבלאַכן ירושה־בוך
וועגן דעם צוריקקומען פון אונזער פעטער דאַן קיכאָט,
וואָס האָט זיך לעבן שטאַלוואַנט צוגעבויט אַ חדרל —
פּאַר אַפּרו און מנוחהשאַפט מיט גאָט.

# דאָס וואַסערל

מאַכסט ליכטיקער, גרינגער מיין מענהן,
מאַכטס שטילער מיינע אויגן,
מאַכסט ריינער מיין וואָרט
און דו לייטערסט מיין שווייגן.
און מיין פשוטקייט מאַכסטו ערלאַכער.

און איך בין דאָס דער אויף דערדאַזיקער וועלט
וואָס האָט מיט זיין קליינער נשמה
געשטעלט זיך אין בלוי־ליכט פון פריען פאַרטאָג
צו היטן דאָס ריינע געצעלט
וואו דיינע ערלאַכע האָבן געטראָטן,
און כ׳בין נישט קיין שאָטן אפילו
פון זייער שאָטן.

אַז איך שאַר זיך נאָר דורך די פאַרנאַכטן
צו זייערע נידריקע געסלאַך,
אַז איך הער אין דער טונקעלער שטומקייט זיך וויגן
אַ זכר אַ בלייכן פון זייער דערהויבענעם ניגון, —
ער רופט מיך דער ניגון,
און כ׳לאָז זיך אים נאָכגיין,
ביז וואַנען די שטיבער פון ישוב פאַרגייען.

און מיר בלייבן אין פעלד־וועלט אינצווייען.

איך פרעג אים אין אומעט:

דורך וועלכע שטעגעלאַך
איז ר׳ נחמן צום וואַלד־וועג געגאַנגען?

ער ענטפערט אין אומעט:

די שטעגן און וועגן
וואו ער איז געגאנגען,
זיינען מיט אים פון דער וועלט
שוין אויף אייביק פאַרגאַנגען.

און וואו, טו איך נאָכאַמאָל פרעגן
איז דאָס וואָרט פון זיין תפילה,
ווען ער איז, אַ קינד נאָך, אַ אינגל,
אין איינזאַמע פעלדער אַנטרונען?

ער האָט עס אַליין אין די שפּעטערע יאָרן
געזוכט אין די פעלדער
און קיינמאָל שוין מער נישט געפונען.

אַזויווי אַ שאָף ווערט דעם פּאַסטוך פאַרלאָרן,
טיף און הויך שטייען כוואַליעס מיט גאָלדענעם קאָרן,
און די זון איז אַ הייסע,
און דער דאָרשט איז אַ בייזער.
און דאָס וואַסערל האָט זיך באַהאַלטן
דאָרט הינטער בערגיקע שפּאַלטן.

דאָס ליכטיקע ציידענע וואַסערל
האָט זיך דאָרט קינדעריש באַהאַלטן.

# מיר

מיר, וואס מיר האבן נישט מער ווי דאס ווארט
אין דער וועלט פון די גרויסע קבצנים,
מיר זוכן אין ליד נאָר אַן איינציקע טרייסט,
מיר ווילן די טרייסט נאָר געפינען.

אין מאַרק פון דער וועלט וואַרט גלייכגילט אויף אונז,
און דאָרט וואו עס קלינגען די טאַסטן,
איז אונזער אַ בחור — אַ בעטלער פון וועג,
מיט אַ בעטלערשער טאָרבע אַ פּראָסטער.

ניט שעמט זיך ביים שוועל פון אַ פרעמדער שטוב
ביי פרעמדע טישן און סעודהס —
אַ ברידער הויבט אויף אונזער טרויער אין פרייד,
אַפּאָסטאָלן פון וועלט־גרויסער חסידות.

וואס האבן מיר שוין נישט פון אומעט געמאַכט
מיטן גאָלדשטאָל און זילבער פון ווערטער.
און מיר גרייטן צו אויך דעם משפּט פון רעכט,
כאָטש מיר ווייסן: גאָט בלייבט דער גערעכטער.

און איוב פון נעכטן און איוב פון היינט,
בלייבן שטיל פאַר זיין ענטפער פון אויבן.
פאַר וועמען וואַרט אַלץ נאָך דאס שולכל עק־גאס?
פאַר די שטאַרקע וואס קאָנען נאָך גלויבן.

נאָך גאָרן פאַרפייניקטן חורבן און שרעק
איז נאָך ווער פון זיי איבערגעבליבן?
אַלץ וואס ס'האָט דער חורבן צושטערט און פאַרשוועכט
וועט הייליק־ציי איבערגעשריבן.

# ווי מען ווערט אַ בעטלער

די משא פון שרעק פאַר שונאים,
די מורא פאַרן טאָג אָן ברויט.
ווי קליין עס שרומפּט דיין פּנים,
און לעשט זיך אונטער דער הויט.

די גאַס האָט היימלאַכע שטיבער
ביז אַראָפּ צום טייך־און בריק.
אַ פרעמדער ברודער, ליבער,
מיין אינגעלע איז הונגעריק.

אונטערן בריק, ווען עס גייט אַ רעגן,
באַהאַלטן זיך בעטלער אויס.
וויפיל מאָל ד׳האָסט געוואָלט זיי פרעגן:
פונוואַנען? פונוואָס פאַר אַן אָרט?

און ווי אַזוי ווערט מען אַ בעטלער
און מען לאָזט זיך אין וועג אַריין?
— מ׳היט, ווען די שעה ווערט שפּעט,
ווען אין גאַסן גייט אויס די שיין.

די אַקסל פאַרשמעלט, פאַרצויגן,
געבויגן, אַזויווי פאַרפרעמדט,
און מען הויבט נישט אויף די אויגן,
געבויגן, אַזויווי פאַרפרעמדט.

און מען לאָזט די לעצטע שטיבער,
און מען גייט, מען גייט, מ׳גייט,
ביז מען גייט די בריק אַריבער,
און דעם לאַנגן בית־עולם פלויט.

און ווען די וועגן נעמען טונקלען,
בלייבט מען שטיין אַליין אויפן פעלד,
און מען באַטראַכט די פיר ווייטע ווינקלען
פון דער גרויסער פרעמדער וועלט.

# קריסטוס:

כאטש אויף איין טאג־און־נאכט ארונטערגיין אין נידעריקן גליל,
זיך אנשעפן מיט שטילער רו צעווישן נאענטע,
ווי וואונדערלאך מיר וואלט געווען אין זייער פראסטער פרייד
וואס רייסט זיך נישט צו גרויסער מעשים, הויכע רייד,
עסט זיין ארימברויט אין שאטנדיקער פרידלאכקייט.

עסט זיין ארימברויט אין שאטנדיקער פרידלאכקייט.

פיר מיך פארן האנט, מיין האר,
איך וועל נאר דורכגיין דא עטלאכע קארגע טריט
און זען דאס פראסטע הויז פון ארימאן אין דער פארנאכטיקער
גאס;
דאס גרויע ווייב מיט די שמאלע עמער גיין פון קוואל;

דעם אלטן מאן אין אפרו אויף דער נידעריקער שוועל, —

כ׳האב ליב די אוונטיקע שעה פון שלום איבער זיי.

א פראסט גענאד און פראסטער זכות פון איטלאד לעבן דא.

צום מענטשן קומט גאטס לויטער ליכט אראפ אין שפלן טאל,
אין קליינעם אלטן הויז ביים גרויען זאמדיקן ברעג.

איך האב נישט גערן די התבודדות אויף בערג.
אין מיין גרויס איינזאמקייט, ווען איך גיי אפ א רגע פונם פאלק,
קומט מיר דאס גראז אנטקעגן — ס׳פאלק פון שטומען פעלד
און הערט מיין בעטן, ווי די שווייגנדיקע מחנות אויפן גאס.
נאר איצטער איז מיר שווער, כ׳בין ווי ארויפגעיאגט
אויף א וויסטער בארג־הויך, ווייט, — איבערן פאלק.

ווי קאן דען אמת זיין די נארישע פארריסנקייט
איבער די פשוטע און תמימותדיקע טשערעדעס נויט.

זיי רעדן חוצפהדיק די חברהלייט, וואָס רופן אין שטאָלצער פרייד:
קומט נאָך נאָך אונז — אַרויף צום הויכן באַרג פון ליכט.

גאָט קומט אַראָפּ אין טאָל צום נידעריקן שוועל פון איטלאַך
אָרעם הויז.

קלענער פונם שטויב איבערן וועג איז דער
וואָס האָט געבויט זיין הויז אויפן שפיצבאַרג
צו קליין־קוקן איבערן טאָל צו זיינע טריט.
נאָר דער וואָס איז צום העכסטן ריינסטן קרבן גרייט,
שיידט זיך אָפּ ווי אברהם האָט זיך אָפּגעשיידט
אַרויפגיין צו דעם „באַרג פון גאָטספאַרכטיקייט״.

איך,

קליין, פאַרלאָזט,
איבערגעענטפערט צום ווינט,

פאָטער מיינער, שטרעק אויס דיין האַנט, דיין גענאָד
פיר מיך פון מיין וויסטער הויך אַראָפּ.

ברענג מיך צו דער שטוב וואו כהאָב צום ערשטן מאָל
דערזען דיך אין פאַרנאַכטיק ליכט ביים ברעג פון שויב.

און ס׳שוויגן פון דער גאַנצער וועלט האָט דיך געזונגען לויב.

# מנורה - ליכט

## פאַרנאַכטיקע שליחות

איך בין געקומען צו אייך, אייך בענטשן
אייער עלטקייט און יומטוב, און ליכט.
מײַנע אָרימע פאַרנאַכטיקע מענטשן,
כּזע אייך שווייגנדיק גרוי אַרום זיך.

כּוויל אייערע געמיטער דערהויבן
פון שפלות און וואַכעדיקער נויט.
און ווידער דערזען אייך אין גלויבן
ווי הונגעריקע אַרום טיש פון ברויט.

כ׳וויל וואַרימען אייערע אויגן,
כ׳וויל לויטערן אייערע רייד,
אַזויווי פרי־זומערדיקע צווייגן
אין ווײַדענער בליאונג פאַרשנייט.

באַשערט מיר איז שפּעטקייט צו קומען,
מײַן בעלפערשע שליחות צו טון:
דעם נידעריקן טויער צונומען
פאַר מײַן גילדענער הערבסטיקער זון.

דער טאָג, שוין אַ קורצער, אַ קלענער,
טרויעריק גאָלד אויף זײַן ברעם.
נאָר ער איז אַזאַ שטילער און שיינער,
ווי דער לעצטער פאַרנאַכט פון בעל שם.

## אויך ישו...

—וואָס פאַר אַ שעה איז איצט,  
מיין פאָטער, אויף דער ערד?  
—די שעה פון מיטנאַכט.  
די שטערן שטייען הויך.

אַזויווי אַ בעטלער שטעלט אַוועק זיין שטעקן  
אין ווינקל פון קאַמער ביים שוועל,  
אַזוי וועט ער אַוועקשטעלן דעם שווערן צלם  
פון זיין וואַגל אויף דער גרויס פון דער ערד.

און אין אונזער גאַטהויז וועט זיין אָרים און היימיש,  
און פשוט ווי תמיד און פּראָסט.  
אַזוי ווי בעל שם טוב פלעגט אונז לערנען און זאָגן:  
אין גאָטקייט מיט גאָט איז מען תמיד און שטענדיק,  
אַפילו ווען מען קומט זיך דערוואָרימען פון פּראָסט  
אין גאָטס ווינקל, אָט, פשוט און פּראָסט.

אויך ער וועט זיך אָנטאָן אין אונזער הלבשה,  
און לעבן מיט אונזער פאַרהאָרוועטן גראָשן.  
און טראָגן מיט זיך, אַן אַ סוד, זיין טייל גלות  
אין די קאָרבן פון פּנים, אין שטויב פון די פאַלעס.  
אויך אויף אים אַלע צייכנס פון אַלע פּאָגראָמען,  
סימנים פון אונזער פאַרשוועכטן נאָמען,  
אין אים גאָר די מידקייט פון אַלע וואַגלער,  
אויגן — פאַרטריקנטע פינסטערע לאַגלען.

און ער וועט צו־זיך־קומען אין אונזער ווינקל,  
און בחורים וועלן פאַרנאַכט זיך דערציילן  
פון עפּעס אַ בחור אַ יונגן, אַ אינגל,  
וואָס האָט אונזער ישוב פאַרלאָזט נאָך מיט יאָרן  
און איז איצט געקומען אויף אַ פורל צופאָרן,  
אַ שווייגער, אַ שטומער, אַ מידער,  
אויסרוען זיך צווישן אָרימע אידן,  
בלייבן צווישן אָרימע ברידער.

## דערגרייכט

ביז הינטערן דארף ארויסגעגאנגען
וואו הערבסט צעווייט זיין גאלדענעם מיסט.
געהערט: דו זאמלסט איין דיין זומער
אין דיינע שייערן און פארשליסט.

געהערט: דו טרעטסט איבער די צווייגן,
און שפרייטסט דיין רו איבערן בוים.
ביים ראנד פון לאן א ווייסער נעפל,
גייט איבער ווי א זילבערנער שוים.

דער אראמאט פון פרוכט און ברויטן,
געשמאקע רו פון רייף און זעט.
א בענטשנדיקער העלער פרידן
אויף דערפער און אויף קליינע שטעט.

בטראג פולע אויגן ליכט און גוטסקייט
און אינם גאנג פון מיינע טריט
די זינגענדיקע לעצט־אקארדן
פון דיין שפעט־זומערדיקן ליד.

און אויך אריבער מיר דער דרימל
ווי איבער דיינע פעלדער בלייכט.
נאך אומזוכן דיין הייל פון אוצרות,
דיין היילנדיקע רו דערגרייכט.

## פונדערווייט . . .

כפארנעם דא אזא זייטיק ארים ארט —
אזוי טו איך צו זיך דא תמיד זאגן.
באהאלט זיך אפט אין די פיר איילן פון א טונקל ווארט
ווי אין א וואלדשטיבל — דארט נעכטיקן און טאגן.

דורך א שמאל פענסטערל, א פינטל גרויס,

קוק איך אַרויס און זע די וועלט די גרויסע:
אַט שטייט דאָרטן מיין זיידנס אַלטגעבויגן הויז,
מיין באָבע אויפן שוועל — אַ ליכטיקע, אַ ווייסע.

ס'איז ערב־שבת איצט דאָרטן געווים,
צו ליכטבענטשן פאַראַנען נאָך אַ לאַנגע ווײַלע.
אַ וויפיל יאָרן שוין אין דעם, ווי ווייט דאָס איז
אַוועקגעשפּרונגען, אַוועקגעקלונגען דורך די יאָרן־מײַלן.

און איך בין מיר אַוועקגעקראָכן אויף אַ פרעמד שטיק וועלט,
גרוי־גרויסע שטעט און אומהיימלאַכע היימען.
עפּעס איז פון מיר אַנטלאָפן אין דער וועלט,
און איך בין מיך געוואָרן נאָכיאָגן און לויפן.

האָב איך זיך מיטן רוקן אומגעקערט
צו אַלע הויכע שטעט און קאַלטע שטיינער־שטיבער.
בזע הויכע בוימער אויף דער גרויסער גרויסער ערד,
אַ שמאָלער בריק לויפט איבער אַ טייך אַריבער.

דאָס איז דאָס שיינע וועלטלאַנד: היים.
בונוויים געזען אין לויטער־קלאָרן טראַכטן.
אַוועקגעגנבעט זיך פון גאָר דער וואָר געהיים
ווי הינטערן רוקן פון אַ בוים־שטאַם, שוין פאַרנאַכט־צו.

איך וואַרט: אַ וואָגן דאַרף דאָ דורכפאָרן דעם וועג,
כוועל אַ געשריי־טאָן: העי, ר' בינוש־שלמה.
ער וועט זיך אומקוקן מיט שרעק פון ברעג צו ברעג
און זען גאָר שאָטנס, אומעטיקע בוימער.

## אויף דער אַלטהיימישער וועלט

ווי קילער וואַלדשאָטן אין זומער
נאָך ברענענדיקער זון אין וועג,
איז גוט דער אָפּדאָך פון אַ דאָרפשטוב,
ווי דער אָטעם פון אַ טייכיקן ברעג.

אַנטקעגן דער אָפּענער טיר דער הימל,
אין גאַר זיין לויטערקייט און שיין.
און בערג אַזעלכע הויכע, גרויסע,
קוקן קינדעריש אין הימל אַריין.

די גוטמוטיקע שעה נאָכמיטאָג,
און יונג איז שוין דער זומער נ י ט —
די איינוואוינער פון שטוב שוין אויך ניט.
אַ שטיל שפּעט־זומערדיק געמיט.

מרעדט פון פּראָסט־געוויינלאָכע זאַכן,
אַלט, שוין פון סוביעצקיס צייט.
און אויף דער וואַנט אַ ראָם אַ גאָלדענער
און אינם ראָם אַ רייטער רייט.

דאָס פערד, דעם הויכן קאָפּ פאַריסן,
די אומרו פון זיין גבורה שפּאַרט.
אין רויטן זעלנער־טראַכט — דער ריטער
און דער געביטער — באָנאַפּאַרט.

דער הויכער באַרגוועג צו ניצחון,
די אויגן — אין דער וועלט פאַראויס.
דעם ערשטן אוונט וועט ער זיך שטעלן
און נעכטיקן אין אַ דאָרפיש הויז.

הינטער די וועגן — זיינע העלדן
אין לאַגער אויפן שפּעטן פעלד.
(דער זומער, אויף זיין פערד זיין ברוינעם,
האָט אויך זיך ערשט דאָ אָפּגעשטעלט).

מען טראָגט אַרויס פון הויז אַ שיסל
די קאַלטע וואַסער שטראָמט פון קראַן.
די יונגסטע טאָכטער שטייט און שמייכלט
מיטן ווייסן האַנטוך אויף דער האַנט.

די ברייטע מאַמע שטייט ביים אויוון,

מ׳הערט: די העלצלאַך קנאַקן הויך,
און פונם קוימען גאָלדיק־זילבעריק
ציט גרין און דין דער זיידענער רויך.

ביים טיש, מרעדט פון פשוטע זאַכן,
די אוונט־גוטסקייט רואיקט, גלעט,
די טאַכטער שפּרייט אַ ווייסן ליילעך
איבער׳ן זאַק מיט שטרוי אין בעט.

## ווידויים

מיין ווינציק ביסל גוטע טעג אַפילו
האָב איך דאָ אויך מסתמא ניט פאַרדינט,
פאַראַנען אַרימערע נאָך ווי איך און רעדן שטילער
אין זייער בלודנעם עלנט אויפן ווינט.

איך האָב געוואוסט די זינד פון זיך באַשיצן
און מיטן מינדסטן אוצר פון אַ ברעקל ברויט,
אין לעצטער איינזאַמקייט מיט זיך פאַרשלאָסן זיצן
און ברעקלען תהילים־ווערטער און געבעט צום טויט.

דער טויט זאָל קומען ווי אַ גוטער פאַטער, —
און — דאָרטן, דאָרטן אויף דער ערלאַכער גאַס,
די נויט האָט אויפגעריסן ווי אַ בלינדער בלאַטער
און פיבערט ווייטיק, גיפטיקייט און האַס.

דער טויט איז נישט קיין גוטער פרומער פאַטער,
ער טראָגט אַ האַק אונטער דער פּאָלע פון זיין ראָק,
און קריכט ווי אַ שפּיאָן אין הינטערגאַס פון כוטאָר
אין בלאָסן נאָסן רעגנגרוי פונם פאַרטאָג.

## דאָס לאַנד פון בערגלאַך

טוסט ווייען קאַלטן טויט
אויף מיינע מידע ברעמען.

כהאָב מיטן גוטן ווילן
וויל דיר אָפּגעגעבן.

מיט מילדע אויגן זע איך
פונדערווייט — דאָס לאַנד פון קברים.

אַ רואיק ליכט ליגט ריין
אויף די פאַרנאַכטיקע בערגלאַר.

די קלאָרסטע שעה קומט אָן.

מיין שטיבל און מיין קליינער בוים ביים שוועל.
מיין שכן מיט דער פרעמדער שפּראַך.
איך בייג זיך פאַר אייך אַלע אין מיין לעצטער קליין.
איך לאָז אייך נאָך אינאיינעם דאָ.
פאַראיאָרן איז אַ יונגערער פון מיר אַוועק.
מיר האָבן אויף זיין אָרון טרויעריק גראָז געלייגט,
געערדט ווי ברידער וועגן זיין יונגען טויט.
אַ ברידער מיינע וואָס איך האָב געלעבט צווישן אייך,
ווי פון אַ גרויער הינטערגאַס האָב איך זיך דורכגעשאַרט
אין שאָטן פון די שטיבער אייערע אינדערפרי, פאַרנאַכט.
איר האָט מיך אַמאָל יאָ און אַמאָל נישט געזען.
איר האָט מיך יאָ! און נישט געזען.

# אידיש

מאַמע אידיש, האָסט נאָך ברייטע גרינע פעלדער
איבער ליטע, פוילן און גרויס־וואָלין.
פליט אַרום מיין ליד דאָרט איבער זייער זומער,
קלייבט דאָרט גאָלד און האָניק ווי אַ בין.

הויך און רייך און יונג איז דאָרט דער זומער
ברייט זיין פרייד אַריבער באַרג און טאָל.
און דערפאַר האָסטו נאָך, ליבע מאַמע אידיש
אַזאַ ליכטיק, אַזאַ לויטער קול.

ס'קלינגען אין אים אָפענע טיפע בלויע הימלען
מיט דער לויטערקייט פון גאָר דער וועלט.
ס'פינקלען אין אים געלע, ווייסע און רויטע בלימלאַך
און פאַרגעס־מיך־נישטס אַ טויזנט מייליק פעלד.

כ'רייס אַ גרויסן הויפן אָן פון זיי און וואַרף זיי,
און צובלאָז זיי אויפן פליגל פונם ווינט.
ס'וועט דער ליבער גוטער ווינט זיי טראָגן
איבער גאָרער וועלט, צו איטלאָך אידיש קינד.

פאַרגעסמירנישטס — פאַרגעסט מיך נישט, פאַרגעסט ניט
קינדער.
און — די אידישע קינדער שמייכלען שיין און וואויל.
איז איטלאָך אידיש וואָרט אַ בלויאיק קינדערש בלימל
זינגט איטלאָך אידיש קינד דאָס שיר השירים ליד צו אידיש,
ווערטער — גאָלדענע זיסע קושן אויף זיין מויל.

# צווייטער טייל

# געחלומט

כ׳האָב געחלומט אַ חלום: אַ ווייסער טאָג,
אַ קליינע שטאָט איז שניי איין קלאַרן.
איך בין אַהער פון דער גרויסער וועלט
אַ ווייסער אַלטינקער אַריינגעפאָרן.

וואָס ס׳איז געבליבן הינטער מיר?
די גאַרע וועלט, אַ ווייטע, ווייטע.
צו־שפּעט באַפרייט זיך פון איר גרויס?
איך האָב זיך נישט פון איר באַפרייט נאָך.

דער ווינטער האָט מיך ליכטיק, שיין
אין ישוב דאָ אַריינגעלאָזן.
אַ ווינט אַ היימלאכער האָט גרינג
די פּאָלעס פון מיין קלייד צובלאָזן.

ס׳איז פרי געווען, נאָך זייער פרי,
פאַרמאַכטע לאָדן, פאַרמאַכטע טירן;
איך האָב געלאָזט זיך וועג־אַראָפּ,
די גאַס וואָס טוט אין שולכל פירן.

האָב אויפגעעפנט די קליינע טיר,
אַנטקעגן, פון דער טיפער טונקל,
האָט געצאַנקט אַ ליכט, האָט געשאָטנט אַ מענטש,
האָט זיך געוויגט אַ ניגון אין שמאָלן ווינקל.

כ׳בין ביי דער טיר געבליבן שטיין
און ניט קיין ווייטערן טראָט געגעבן.
כ׳בין מיד געווען צוריק צו גיין,
צו לעבן ערלאַכער מיט מיין לעבן.

# אַ פּשוט וואָרט

גאַטס כהן איז אַן אַלטער מאַן,
זיין באָרד איז ברייט און זילבערווייס.
קלאָרע רו רוט אין זיין אויג
און קלוגע מילדקייט אויף זיין ליפּ.

ער שטרעקט דיר אויס זיין גוטע האַנט,
און פירט דיך איבער איבערן שוועל.
ווי הייליק ס׳איז, ווען איין מענטש זאָגט
צום צווייטן: גאָט פאַרגיט דיין זינד.

און ווי אין אַ ניי און יומטובדיק קלייד
בלייבט שטיין ביים פענסטער די גרויסע וועלט.
ווי נאָך־אַ־רעגן־געוואַשענער זאַמד —
די העלע אויפגעוויקלטע ערד.

אַלץ וואָס ד׳האָסט ביז־איצט נישט דערזען
ליגט אָפן פאַר דיין ריינעם בליק.
וואָס דו האָסט ביז־איצט נישט דערקענט,
שטייט ווייס־צושפּרייט פאַר דיר די הענט.

אַ ווער קאָן ציילן וויפיל מאָל
אַ מענטש קאָן ווערן צוריק אַ קינד,
און פאַלן לויפנדיק אין וועג
פאַרפלאָנטערט אין געוועב פון ווינט.

און אויפהויבן זיך גיך און גרינג
און ווידער לויפן צו דער זון.
די זון איז הויך, די זון איז ווייט,
נאָר די פרייד האָט פליגל — בלוי און זייד.

# קניענדיק

ביזט דורכגעפֿאָרן אונזער טאָל.
אַלע זיינען מיר צו דיר אַרויסגעלאָפֿן.
קינדערישע, אויסגעשטרעקטע הענט,
ווי אַנגעפֿלויגענע פֿייגל
אין אַ ווינטיקן ווינטער טאָג.

ווייז אונז דיין גענאָד.

קינדער, קינדערש זיינען מיר
קאָנען זיך נישט בויען קיין באַשיצונג.

ווייז אונז דיין גענאָד.

שטיפֿברידער זיינען מיר
צו די וואָס זיינען שטאַרק און שלעכט.

ווייז אונז דיין גענאָד.

מיר טראָגן זיך פֿון הפקר צו וויסט
און קאָנען זיך נישט בויען קיין באַשיצונג.

אָ, ווייז אונז דיין גענאָד.

# אַ אינגעלע פון גאַס

ווי לאַנג עס לויפט נאָך דאָ אַרום
אַ אינגעלע ביי אונז אין גאַס,
דאַרף מען נישט פאַרטרויערן, פאָטער,
דאַרף מען נאָך נישט זיין אויף גאָט אין כעס.

אויף יעדן דאַך, ביי יעדער טיר
סימנים פון אבלות און פון טויט.
זע, דאָס אינגעלע פון אונזער גאַס
האַלט אין האַנט אַ שטיקעל ליכטיק ברויט.

זע, דער בוים דאָ פאַרן הויף —
איין צווייג פאַרדאַרט, אַ צווייטע — צוויט.
און דאָס אינגעלע פון אונזער גאַס
פאַרדרייסט דעם קאָפּ אַרויף —
אַ פייגעלע פליט.

אַ הינטעלע אַ קליינס רוקט זיך אַרויס
פון אונטערן איינגעפאַלענעם באַלקן פון אַ הויז,
און קריכט מיט הונגעריקע דאַרע טריט
צום אינגעלע וואָס האָט שוין גאַרנישט ניט
פון ליכטיקן שטיקל ברויט אין האַנט.
לייגט דאָס הינטעלע אַוועק זיך לעבן וואַנט.
די זון ליגט אויך אַ בלייכע לעבן וואַנט.

אַ וועמעס, וועמעס איז דאָס אינגעלע,
דאָס אינגעלע אין אונזער גאַס?
דאָס אינגעלע איז אונזער גאַס׳.
אַן איינציקס און אַ טייערס אין דער גאַס.
ערגעץ איז זיין מאַמע לאַנג אַוועק —
און זיין טאַטע אויך — פון אונזער גאַס,
און געלאָזט אים מיט אַ ליכטיק שטיקל ברויט אין האַנט,
אַן איינציקן אין אונזער טרויעריקער גאַס.

# אַ נ ע ס ט

דיין ליד וועט דאָ בלייבן
אַ ליד פון אַ בעטלער.
עס וועלן זיך בייטן די צייטן,
און דיין טאָן פון הכנעה
וועט טונקעלער, טונקעלער פאַרטויבן,
און בטל וועט ווערן דיין חלום.
און אַלע שפּיל־כלים דיינע:
דאָס איידעלע מעש
און דאָס ציטריקע זילבער —
איך אומנוץ, אין שפּינגעוועב־ווינקלען.
דער הונגעריקער שטויב וועט זיי עסן,
און דער ביטערער רויטלאַכער סם פונם זשאַווער
מיט טויזנטער שפּיציקע צינגלאַך,
וועט גריזשען זייער שטומקייט.

איך זאָג עס דיר,
נישט דיך צו ווייטאָן.
איך זאָג עס דיר איצט,
אין דער שעה פון אַ גרינגן אינדערפרי
צווישן דיר און דער וועלט.
דיין אויג איז שטיל, טרויריק,
און ס'בייגט זיך דיין קאָפּ
מיטן אמת פון לעבן.

און די שעה איז איצט ליכטיק,
און גרויס, און אַן מורא.
אַלע פאַרגענגלאַכע שפּילן,
די שיינקייט, די הערלאַכקייטן
וויגסן קלוג זייער גורל, —
די אינטימקייט פון שטאַרבן.
נאָר, וויפיל עס קאָן נאָר דיין אומרואיקער פינגער

באַרירן אַ טאָג פון אַ סטרונע,
וועט דאָס גרויסלעבן זינגען
מיט אייביקן אמת.
און וועסט שמידן דאָס ליד פון אַ דור
הינטערוועגנס צו שטאַרבן.

וואָס דו האָסט געבראַכט מיט זיך
אויף דײַנע ליכטיקע אַקסל,
קאָנען די צייכנס פון גאָס און סימנים פון שריפט
נישט ענדערן גאַרנישט. —

אַזוי איז דאָס אויג דײַנס געשליפן,
און אַזוי איז דײַן האַנט.
און דו זעסט — ווי דו זעסט.
און דאָס וואָרט אויפן קלונג פון דײַן צונג
ציטערט דורך, ווי דער ווינט אין דער נאַכט
איבערן דאַך פון אַ נעסט.
ערשטער אָנזאָג פון קעלט
ערשטער אָטעם פון פראָסט.

# מיין שבט

מיך האט מיין קליינער שבט אויסגעקליבן
פאר זיין צויבערער:
אויפקלייבן די קלאנגען פון זיין מויל,
די פינקלען פון זיין אויג
און זיינע קלוגע האנט־רמזים.
כ׳מיש טאג און נאכט זיינע אלטע פארמעטן
צו טייטשן היינט מיט נעכטן, דא מיט דארט.
און מיינע פארגייער, די סופרים, אנפרעגן
אויף אלע ניסים־רעטענישן וואס באגעגענען מיך תמיד
אין מיינע פשוטע מיטוואך־טעג.

אויף מיינע פאפירוסן האב איך אויפגעצייכנט
הארץ אויף שווארץ די וועלט־געשעענישן פון מיין גאס,
מיט אלע לידער פון די זומערדיקע פענסטער.

די גרויסע ליבע זינגט איר שיינקייט
דורכן קיל פון רייפן גוף, ווי דורך א פידל.
זי שטרעקט זיך ווייס און פריש מיט שלאנקע הענט
און דער פארנאכט־בלוי כאפט ארום דאס זיסע פנים פונם דארף
און קושט: עס אין די באקן, אין די אויגן.
כ׳בין אויך פארפלאנטערט אין די אונטער־ביימער פונם גארטן
כאטש איך בין דער זעער פון מיין שבט
און זיין ווידוי־שרייבער.

כ׳בין יונג נאך,
און טראג שלאנקע קליידער.
קערווע מיין געמיט
צום טאג מיט דער זומערקרוין,
ווען נייע אויפגעוואקסענע טעכטער טרעטן
אין זייער זילבעריקע לבנה־אליי,
און קלייבן ברייטע טונקעלע בלעטער
פאר זייערע נאכטיקע נעסטן.

# בעלי תשובה

איבערן הויכן רויטן שטענדער
קלאַפּט דער זילבערנער מוסר־האָמער:
הער און האָרך, דור פאַרזינדיקטער!

און ווי אַז אויסגעשמידטער לייב פון קופּער,
שטייט שאַרף דער קלאָרער משל פון עולם,
און ער ברומט.

און ס׳פאָלק קערט ווידער אום זיך פרום און קינדערש
מיטן פּנים צו גאָט.
טיילט אָפּ דאָס קופּערמינץ —
צדקה פאַר די גאָס־אביונים
וואָס האָבן זיך שטאַרק געמערט
איבער די אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע
וועגן פון דער ערד.

שפּלער ווערט דער זיכערער אין די ווענט פון געהאַקטן שטיין
און אין די האַרטע הענט פון גראָבן דין
וואָס שטעלט זיך שטייף ביים זייט
פון די בכבודיקע אין רעשיקן זייד.

און אויף יעדער ענגער טיר,
און אויף איטלאַד פאַלשער וואָג
הענגט אַ בלוי קליין צדקה־קעסטעלע:
פאַר אַ ליכט אין הקדש,
פאַר קידוש־ווייך אין הויז פון גאָט,
וואו די אַנגעלאָפענע אָרימעלייט
זאָגן תהילים־לידיק איידעלער פון זייד.

# די איינגעהויקערטע חרטה

דא פלעגן אומגייך פון שטוב צו שטוב
דינע ספרימלאך מיט שווארצע טאוולען.
צונויפגעקליבענע קאפיטלאך לויב
פאר יעדער שעה פון אפרו
נאך שווערן אנגסט.
נאכן געיאגטן פחד פון שונאים
איבער אן אומהיימלאכן וויסטן וועג.
וידויים פארן טריבונאל פונם געוויסן
אויף אומשולדיקע זינד,
אויף שולדיק ביין.

די רשעות פון א מענטשן צו א מענטשן
איז ווילד, בלוטיק און הייס.
און די חרטה קומט נאך דער נקמה,
און פירט אין אלטן בית־דין שטיבל אראפ.
דארט זיצט אן אומעטיקער רב,
אדער א פארווינקלטער דיין,
און מעסט מיטן געדאנק דעם דין און משפט.

די חרטה קומט.
קנייטש נאכגיביק איר זאטן פנים.
דערציילט איר איבערגעטריבענער הנאה
איבערן איינגעדריקטן האלז פון שוואכן שונא.
שוין די דריטע נאכט, טוט זי זיך באקלאגן, די חרטה,
אז זי שלאפט ניט רואיק.
דער פערטער טאג, שאקלט זי באטרויערט דעם קאפ,
אז אירע סעודות ווערן זויער:
איך האב אינמיטן נאכט דאס בעט געלאזט,
געלאזט זיך לויפן, צוריקכאפן,
אפבינדן, אפשלייפן דעם שטריק.
צו שפעט געווען שוין, געאכפערטער בשיא.

איך וויל אויף זיך אַ נדר נעמען,
כ׳וויל איבערבעטן גאָט,
געאַכפּערטער נשיא.

דער דיין האָט געמישט דאָס ווייסע בוך פון רחמים,
געוויגט דעם קאָפּ איבער די שטילע פּאַטערלאַכע רייד
פון תנא הילל און פונם תנא ר׳ עקיבא.
פאַרבויגן אויף אַ העלפט דאָס בלאַט
און לאַנג, לאַנג נאָכגעדמיונט.

און נאָכדעם האָט ער ציטערדיק אין האַנט גענומען
דאָס דאַרע שוואַרצע ספר פון דין,
אים אויפגעעפנט ווי מיט מורא,
און מיט אַן איינגעבויגענעם נאַקן, אַנגעשטרענקטן בליק
האָט ער געלאָזט זיך גיין איבער זיין שמאָלער־שמאָלער בריק.
די פינגער פון די הענט זיינע האָבן זיך געשפּיזט
גריז און שאַרף האָבן זיך די נעגל געשפּיצט,
ווי זילבערן דראָט די האָר פון זיין שמאָלער באָרד.
און — ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט.
געשפּאַנט מיט שפּענערדיקע, שווערדיקע שפּאַן
אַהין און אַהער, אַהין און אַהער:
אוי, אוי שמאי, שמאי ברודער,
שמאי ברודער ביזט גערעכט,
גערעכט, גערעכט, גערעכט.
דו האָסט געזען די שטריק,
דו האָסט געזען דעם האַלז.
דו האָסט געזען די טויטע ברעם
איבערן צוגעמאכטן ליכט פון אויג.
שמאי, שמאי ברודער, ביזט גערעכט.

גערעכט, גערעכט, גערעכט.
אָבער נאָר אַ ווײַלע, שמאי,
לאָמיר נאָכאַמאָל אַריינגיין דאָ צו הילל׳ן,
לאָמיר ביידע צו אים אַריינגיין,
אפשר וועלן מיר איינדרייען
זיך צונויפריידן, צונויפדרייען

אַ נדר פֿאַר דער בת חרטה.
שמאַי, ברודער.

און — ווידער זיך גענומען צו דעם ווייסן רחמים־בוך,
איינגעהילט זיך, ווי אין אַ ווייסן טוך,
אָוועקגעלאָזט זיך, ווי אויף אַ ווייסן וועג.
און ווי אַ באָבעלע, אַן איינגעקאָרטשעטע,
איז די חרטה נאָכגעגאַנגען,
נאָכגעשלעפּט זיך:

אַ נדרל וויל איך געבן, נשיא.
וועל איך קאָנען שלאָפֿן רואיק.
וועל איך פּראַווען אַן אָרים־סעודה.
אַ נדרל, געאַכפּערטער נשיא.

# אין שפּעטן ליכט

איך בין דאָ אַ שפּעטער
אויפֿן טרויער־וועג.
ווינט און גאָלדענע בלעטער,
און געשענקטע טעג.

איך צושענק זיי אויכעט
מיט אַ שמייכל: נאַ׳ט.
וואַלד ברענט ברוין און רויכיקט
וועגן — נע ונד.

וואו די וועגן פֿירן
ווייטער ווערט מיין גאַנג.
דערפֿער, היימען, טירן —
אַ געבענטששטער קלאַנג.

שלאַנקע איינזאַמע ביימער
דאָ און דאָרט צושטעלט.
איטלאַכער אַ שומר
אויף זיין עיגול וועלט.

# מיין וועלט־דאָרף

פֿאַראַן אַ ברייטער טאָל אין אונזער לאַנד,
רופֿט מען אים: דער טאָל פֿון זיבן דערפֿער.
יעדער דאָרף האָט זיך זיין נחלה פֿעלד,
זיין חלק וואַלד, זיין שטיקל טייך,
ווי אַלע דערפֿער אויף דער וועלט
אינדערווייט און אינדערהייך.

און יעדער דאָרף האָט זיך זיין יחוס־קלויסטערל
זיין אַלט בית עולמל,
ווי אַלע דערפֿער אויף דער ערד.

שומרים־הינט ביים שוועל,
ברידערלאַכע ערלאַכע פֿערד,
פֿרומע וואָכנטעג,
יומטובימלאַך פֿריהערבסט, שפּעט־יאָר.
נר־תמיד יאָרציטן
נאָך אַ פֿאַרצייטיקן דור.

און יעדער דור האָט אויך
זיין אַלטן יחוס־כתב:

פֿון ד ע ם קומען אַרויס
די פֿעטסטע שאָף און קי.

אין יענעם ווערן רייף
די גאָלד־עפּל פּאַרפּרי.

ווייבער גרויס און רונד,
פֿאַרשמעקן גאָר די וועלט
פֿאַר ווייטע מיילן וועג,
פֿאַר ברייטע טאָלן פֿעלד.

און פונם פערטן דאָרף
קומען אַרויס די גאָלדענע פיש.

און פונם פינפטן דאָרף —
די כּלות מיט די שלאַנקסטע פיס.

און אינם זעקסטן
וואַקסט דער הויכסטער סאָסנע־וואַלד.
און אַלט זיינען, די בוימער, אַלט,
ווער ווייס זיי דען, ווי אַלט?

די קלויסטער־באַלקנס
איבער אַלע געגנטן אַרום
זיינען געמאַכט פון זיין געלויבטע געהילץ.

די טעלעגראַפסלופּעס איבער בערג און טאָלן אויך.
נישטאָ נאָך אין דער וועלט פון אַזאַ גרויס און הויך.
נישטאָ נאָך אויף דער וועלט פון אַזאַ שלאַנק און שטאָלץ
מיילן ציט ער זיך נאָך הינטערן דאָרף, דער וואַלד.

זעקס דערפלאַך
איטלאַכער מיט זיין זכות.

נאָר אונזער דאָרף
דאָס דאָרף דאָס זיבעטע,
דאָס זיבעטע דאָרף.

האָט ווייניק שטיבלאַך
די שטיבלאַך זיינען אַלט.

די דעכלאַך וועלקן
ווי די ווילדשוואָמען אין קאַלטן וואַלד.

דאָס טייכל שמאָל און קליין,
און גייט נישט ווייט אַוועק. —

אַ גרויער, אומעטיק

זיך גלאַנצנדיקער פּלעק,

אפילו ווען די וואַרימע זון
גייט ביי זיין ברעג אַרום.

און אויף אונזער גלח
רעדט מען שלעכטס אין געגנט —
אַז ער איז נישט פרום,
און טראגט אַ גאַטקאַזע קמיע
הינטער זיין כאַלאַט.
און ס׳שמעקט פון אים
מיט סוד,
מיט חשד,
מיט שמד.

און קיינער ווייסט גאַר ניט
פונוואַנעט ער קומט אַרויס
יעדן איינעם איז ער
אין די אויגן בייז,
אין די אויגן גרויס.

דאָס האָט מען אים געזען
הינטערן דאָרף איבערן וועג
אַ שטומען אומגיין
אין די רעגנדיקע טעג.

אַ פור איז דורכגעפאָרן,
איר געבעטן אַרויפצוגיין,
האָט ער געדאַנקט,
און איז געבליבן אויפן פעלד
אַליין.

דאָ האָט מען אים געטראָפן
לעבן שענקל אויפן באַנק
מיטן הויקער־בעטלערל
וואָס קריכט אום שלינג און שלאַנג
פון קלויסטערל אין שענק

און בלייבט נישט אויף אַ צייט.

דער גלח סודעט פון זיך כישוף פונדערווייט.

נאָר פון דער בימה קלינגט זיין הערלאָך קול
ווי פייגלקלאַנג פאַרפרי איבערן טאָל.

די תהילים ווערטער שוועבן איבער אַלעמענס קעפּ,
און ווי מי צוגעמאַכטע אויגן
און מיט הערצער אָפענע און פרום,
גייען זיי אים נאָך, נאָך איטלאָך וואָרט
און נאָך דער ליכטיקייט פון זיין שטים.

ער גייט פאַרויס,
און זיי נאָך אים,
זיי גייען אויף, אַרויף
אויף זילבערנע און אויף גינגאָלדענע טרעפּ.

זיי גייען הויך,
זיי גייען ווייט
און ער — פאַרויס.

זיי גייען שטיל,
זיי גייען קליין,
און ער איז אויך נישט גרויס.

— וואו גייען מיר?

— מיר גייען אין גאָטס וועג.

— וואָס זינגען מיר?

— מיר זינגען גאָטס געזאַנג.

און פון תהילים־פּסוקים
שפּילן פידלען אין דער לופט.

אין תהילים זאָגט זיך:
איר זענט מיינע שאָף,
און איך בין אייער פּאַסטוך
אויף דער ערד.

און ווען עס קומט אַ שטראָף,
און ווען ברומט אַ שווערד
גיי איך פאָרויס פון אייך,
און איר — נאָך מיר,
און ברענג אייך שטיל און פרידלאָך
יעדן צו זיין טיר.

און איר טוט בלייבן ווי איר זענט
פּראָסט־פּראָסט ביי זיך:
אָן יחוס אויפן פּליך,
אָן שליחות אין די שיך.

די חכמה פון גאָטס ברויט
מיטן זאַלץ פון אַלע טעג.

אָן אויסלייזער — דער וואָלקן
אויף זיין זומער־וועג.

אַ זאָגט מיר, זאָגט,
ווען פאַררייסט, פאַררייסט
אַ שטילע שאָף דעם קאָפּ?

ווען ס׳לאָזט דער דורשט זיך
אויף איר צונג אַראָפּ.

אַ טרונק, אַ וואַסערל
און זי גייט הכנעהדיק אָפּ.

אַ בענטש אונז, בענטש אונז, בענטש אונז
אָז פון אונזער דאָרף,
זאָל נישט אַרויסקומען קיין קעניג
מיט קיין שווערד און האַרף.

און צווישן די מצבה־ברעטלאך
אויפן הייליקן אָרט,
זאָל ניט קיין מירמלשטיין פֿאַרבלאָנדזשען
מיט קיין גלאַנציק וואָרט.

און אונזער גלחל זאָל לעבן
לאַנגע שטילע טעג,
און גייז זיך וואו און ווען ער וויל —
אין רעגן איינאַליין אין וועג.

און שמועסן מיטן הויקער בעטלערל
אויפן באַנק לעבן שענק.

אונז איז נישט קליין די קליינקייט,
און די אָרימקייט נישט ענג.

# איבערן ווינטערדיקן ליכט־וועג

טראָג דעם פאַלק דיין ליבשאַפט
ווי אַ הויפן האָלץ פון וואַלד
אין אַ וואַרים שטיבל.

זיי דער לעגענדארער זקן
מיט צוויי שווערע גרויסע שטיוול,
מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן.

ליכטיקע בוימער שיינען ווייט און הויך
ווייסער שניי אויף פעלד און טייך.
בלויע גרויסע הימלען און — די זון.
איינמאָל שוין געזען מיט קלאָרע אויגן
דעם יונגען וואונדער פון דער גרויסער וועלט.
און איצט איז גוט אַזוי־אַ גיין
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן.
טראָגן שטיקלאך הילץ
און ברעקלאך טרייסט
צו די פאַרוואָרפענע כוטאָרן.
די שיינקייט פון דער וועלט בלייבט שטיין
אויף אירע קרישטאָלענע זיילן.
נאָר ווינט פון צפונדיקן פאַרנאַכט
האָט רויטע שלאַנגישע צינגלאך
פאַר דאָרע אָרימע אינגלאך,
דאַרף מען ברענגען העלצלאַך וואַרימקייט
און צווייגלאך פרייליאַכפייער.
און אַוועקטרייבן די הונגעריקע הינט
וואָס וואַרטן אָפּ די לבנה מיט איר שטערנגעזינד
ביים דאָרפישן טויער.

# דאָס ספּרל

די נויט האָט אַ קליין ספּרל אַ דינס
אין שוואַרץ געבונדן.

איך בין לעבן איר לאַנגן טיש געזעסן
קינדווייז נאָד
און איך אים געלערנט.

דאָס זיינען אירע אייגענע מזמורים,
אירע שורות תהילים,
און אירע גוטע מעשות.

אַ מזמור שיר צו ר׳ נחמן בּראַצלאַווער
ווען ער איז קראַנק געווען פון שווערן טרויער,
און זיך געלייטערט אינם ליכט פון די ניגונים
וואָס די נעכט אַן שלאָף האָבן אים געבראַכט צוזונגען,
זיינע שמאַכטונגען צו גאָט צו שטילן.

אַ מזמור צו דעם הייליקן בעל שם טוב
בשעת ער איז פון קיטעוו אַוועקגעגאַנגען
און געגאַנגען איבער אָפּגעבליטע בערג און פעלדער,
און פון איטלאַד געלן בוים און ברוינעם צווייג
האָט גאָט צו אים גערעדט:
די וועלט איז הייליק,
איטלאַד אָרט און יעדער טראָט
וואו ס׳וואַקסט אַ בוים,
וואו ס׳שפּיצט אַ גראָז,
אפילו וואו אַ דאָרן שטעכט,
וואו אַ שפּין באַהאַלט זיך
אונטער אַ פיען,
אומעטום וואו ס׳שטייט אַ הויז,
וואו ס׳ליגט אַ שטיין,

וואו אַ בית עולם רוט.
געבענטשט איז איטלאַד אָרט און גוט.

יעדער טראָפּן רעגן,
יעדער שעה פון טאָג
און איטלאַד וואַסערל
ביים זייט פון די ברייטע וועגן —
אַלץ האָט אַ שליחות.

ווער האָט דאָס וואָרט,
ווער ווייסט דען ווי אַזוי,
וואוהין
און צוליב וואָס
זיך וועגן דעם דערפרעגן.

אַלע טראָגן בשורות,
היילונגען.
מעשות פון אַמאָל און היינט.
מורמל־רעטעניש וועגן נעכטן.

די נויט האָט אַ קליין ספרל אַ דינס
אין שוואַרץ געבונדן.

קאַפּיטלאַך תהילים,
קאַפּיטלאַך לידער
נישט פאַר קעניגן
נאָר פאַר די בעטלער־לייט:
פאַרן בעל שם טוב,
פאַרן בראַצלאַווער
פאַרן חוזה פון לובלין
און פאַר ר׳ זישע אַניפּאָליער

וואָס האָט ליב געהאַט צו וואַכן לאַנגע שווערע נעכט
איבער קראַנקע קינדער,
און ביי די בעטן פון די ציידעלאַך
וואָס האָבן אָפּגעזאָגט שוין זייער ווידוי,
און אונטערן צוקאָפּנס צוגעגרייט
דאָס ווייסע לאַנגע ליכטיקע קלייד.

# דאָס גרילכעל

אַלע שלאָפֿן.

נאָר אַ גריל אין וואַנט
וויגט מיט איר דאַרער האַנט
דאָס וויגל פֿון איר קינד.

וויגט. וויגט.
וויגט. וויגט.
שלאָף, שלאָף,
מיין קליין גרילעכל,
שלאָף.

דאָס גרילכעל וואַרפֿט זיך
דאָר און דין,
אַהער און אַהין
אין איר וויגעלע.

שטעקט אַרויס אַ שטרוי־דין פֿליגעלע,
אַ געל־גרין פֿליגעלע.

גרילעכל איז קראַנק.

וואָס איז דעם גרילעכל ?

גרילעכל איז קראַנק.

אפשר אַ פּיסל פֿאַרשטאָכן ?
אפשר אַ הענטל צובראָכן ?

שלאָף, שלאָף,
מיין קראַנק גרילעכל,
שלאָף.

# אונזער אַלעמענס יחוס

יחוס: גאון, שוסטער, שמש
און בעל־שם־טובדיקע פרייד.
און דער מאַמעס דלד אמות
קיד און זיידן שבת־קלייד.

רוט און קנוט און בייטש און טרויער,
און די תחינה אַלט און געל.
שטיינבעריקער צפתער טויער,
פּאַדקאַווע ביים קלייטל־שוועל.

טונקל־ליכטיקע מזלות,
אַלט־דוים, ניי־ניו־יאָרק — אַ שיף
פירט פ ו ן גלות און א י ן גלות
מיט אַ יחוס־בעטלער בריוו.

אַכצן גוייאישע חתימות
אויפן חומשדיקן זכות.
גאָרקי, יעזוס, חכמה, תמימות,
און די שיין־אידיליע: רות.

אַ. זשאַרגאָן איבער זשאַרגאָנען,
נס פון ניסים אויף דער ערד.
ווינט און פלאַקערדיקע פאָנען,
הינט און אויסגעפליקטע בערד.

נו, פּאָעט, צינד־אָן די ווערטער
מיט דיין צאָרן, מיט דיין גנאָד.
קעניג פון די שטילסטע ערטער
אין דער שרייענדיקסטער שטאָט.

# אַ שיף

אַן אַלטע שיף שטייט ביי דעם האַפן
און גייט איַנערגעץ נישט אַוועק.
פאַרנאַכט־צו קומען צו איר בעטלער
דאָרט איבערשלאָפן אויפן דעק.

די זומערטעג ביי ניו־יאָרקער ברעגנען,
די נעכט פאַרלעשן נישט די היץ.
און אויפן רויכיק־כמורנעם הימל
טוט נאָר אַ זיפץ אַ שוואַכער בליץ.

אַ דונערל ווערט פאַרשטיקט, דערוואָרגן,
און ס'טוט קיין טראָפּן נישט קיין טריף.
און עטלאַכע ניו־יאָרקער וואַגלער
קומען דאָ נעכטיקן אויפן שיף.

אַמאָל ברענגט איינער מיט אַ פלעשל,
און איינער אַ גיטאַר אין האַנט.
און ס'הערט די נאַכט אַ סערענאַדע
צום היימבערג פון אַ ווייטן לאַנד.

די ברודנע כוואַליעס אונטן טומלען
און ריישן ווי מיט בענקשאַפט אויף.
און ווילן פונם ברעג אַ ריר־טאָן
די אַלטע, צוגעאַנקערטע שיף.

אַ מעווע דאַכט זיך טוט אַ פלאַטער
פונאויבן אויפן שפּיץ פון מאַסט.
און כאָטש ס'איז שפּעטע נאַכט, באַווייזט זיך
אויפן דעק פון שיף אַ נייער גאַסט.

אַן אַלטינקער, אַ זילבערווייסער,

שפּילט אויף אַ פידעלע אַ דינס.
ער שפּילט. אין ווייט פאַרגרויטן הימל
קריכט קרום אַ ווערימל אַ גרינס.

דאָס איז דער אָנהויב פונם חודש,
אַ צייכן אין דער רויכיקער נאַכט.
דער אַלטינקער פאַרציט זיין פידל
און הויבט אָן פידלען דיך, פאַרטראַכט.

פאַרמאַכט דאָס מויל האָט די גיטאַרע
און אין דער פינסטער זיך פאַרשטעקט.
די חברה פון ניו־יאָרקער וואָגל
האָט זיך צוליגט איבערן דעק,

די פויסטן אונטער די קעפּ פאַררוקטע,
די מידע אויגן צוגעמאַכט.
און ס'האָט די שיף זיך גענומען וויגן
איבער דער רואיקייט פון דער נאַכט.

# תחינה

האַר, צינד־אָן אַ נייע ליבשאַפט
איך אונזער עדה אויף דער ערד.
קליינ אַפּ אַ הויז אין אונזער נידערגאַס,
און פיר פונסניי אַהין אַריין דיין שבתדיקן טאָג
און רוף דאָס הויז: דאָס הויז פון רו.
פון אונזערע קעלער־קלייטן ציען מיר זיך אַלע צו דיין שוועל.
אין דיינע ווענט צועפענט מיר די טאָוולען ווידער
וואו די ווידוי פון יעדער שעה האָט אונזער לייב געלייטערט,
און אונזער אומעטיקע זעל געהעלט,
און אונזער בלאַנדזשענדיק פאַרשטאַנד
אויסגעשטרעקט אַ ריינע האַנט —
פון אייך טאָג אינם אַנדערן אַריבערגיין.

אונזערע חושים: שפּיל אונטערן פאַרפירערישן וואָרט
פון דער שיינער שלאַנג פון גאווה.
זי בייט אירע קאָלירן אין אונזער אויג,
און וויקלט זיך אויף שטאַם און צווייג
איבערן בוים פון וויסטן וויסן.
אירע עפּל זיינען חנעוודיק און רויט
און טראָגן אין די ווייסע קעמערלאַך
די שוואַרצע קערלאַך־קערנדלאַך פון טויט.
זי רופט איר בוים: דער בוים פון לעבן,
אַמאָל: דעם בוים פון חסד.
אַמאָל: דעם בוים פון חסד, דער בוים פון גאָט.

זי וויקלט זיך, אַ בונטער פלאַם, אַרום זיין שטאַם,
זיי שטאַרק, ווען דו גייסט דורך, און מורמל ניט צו זיך:
ווי שיין ער איז דער בוים, דערדאַזיקער בוים.

אַ שטיקל גאָרטן־ערד ביי אַ נידעריק הויז,
אַ סוכה פאַר אַ הונט, אַ שטיבעלע פאַר אַ הון מיט אַ האָן,
אַ הילצערנער עמער אויף אַ ברונעמשטאַנג —
גאָטס גאָלדענע צייכנס אויף אונזער שטילן גאַנג.

# אַלט־זומער

אײנזאַמקײט, ניט זײַ ברוגז
וואָס איך טרײַב דיך הײַנט פון מײַן שוועל.
ס׳איז נאָר אַ בײזע שלעכטע רגע,
וואַרפט זי איר משוגעת אויף מיר.

איך רוף דיך באַלד צוריק, מײַן שוועסטער,
זיץ מיט מיר בײַם טיש,
זאָג מיר פּאָר דײַנע קלײנע שורות,
ווײַן און האָניק, סם און זיס.

געדענקסט, דערמאָנסט אַזויפיל שײנע
שטיקער נעכטן — ליכט און ליד.
און דײַן אָטעם ווײַט־אַפּ מדבר
פון פאַרשאָטענע יונגע טריט.

צווײגלאַד זומער אונטער שנײ־זאַמד.
הימל האָט אַ שפּיל־געטאָן,
און אויף אונזער נאַד־קילן הויפל
גײט אַרויס אַ ווײַסער האָן.

אויסגעוואַקסן ציכטיק, ליכטיק
דורך די ווינטער־טעג אין שטאָל,
און געפּיקט בײַם שפּאַלט פון טירל
ס׳קאַלטע שטיקל גאָלד פון שטראַל.

כ׳צײכן עס אַצינד אין ווערטער,
און די ווערטער לײכטן מיר
ווי די ערשטע טריט פרי־זומער
בײַ די פענסטער און בײַם טיר.

שוין אַז אַלטער זומער,

נאָר ער האַלט זיך ניי און יונג.
אַט־אַ טוט ער איצטער אויף דער שורה
ווי איבער אַ צווייג אַ שפּרונג.

נו ? צוריקגעקומען, ברודער,
מיט אַ גאָלדן ליד אין מויל,
נאָר אַ גרוס פון שייַנעם נעכטן,
אַלץ איז דאָרטן גוט און וואויל.

טאַטע מאַמע שלאָפן רואיק,
איבער זייער קאָפּ דער בוים.
גרינג איז ערשטן צווייט די צווייגן,
ווי דער דאַך פון אונזער היים.

אין דעם זיידנס אוהל בייגט זיך
ביז צום גראָז שוין, אַלט און שוואַך.
נאָר עס קומען אַלץ נאָך פייגל
בויען נעסטן אויף זיין דאַך.

# פשוט

ניט לויב דעם בוים פאַר זיין צובליטער קרוין,
דער בוים ווייסט פון קיין גאווה ניט.
ער שפּרייט זיין שאָטן איבערן מידנס קאָפּ,
און איז אַזאַ שליח אויפן וועג פון דער וועלט,
ווי דער קלאָרער קוואַל ערגעץ הינטער אַ באַרג פאַרשטעלט,
לאָזט הערן פון דער ווייט זיין חבריש קול
אַרונטער צו דער איינזאַמקייט אין טאָל.

און לויב נישט הויך דאָס ערלאַך פשוטע ליד,
דאָס ערלאַכע ליד ווייסט פון קיין גאווה ניט.
ס׳איז נאָר אַ בריק איבערן אַפּגרונט פון דער נאַכט —
פאַרוויסט און שלאָפלאָז־טרויקן און פאַרדאַרט,
און ס׳שטעקן פון איר זאַמדיקער ערד אַרויס
די טויטע גאַסן מיט די שטיבער קליין און גרויס.
און דער וואָס גייט אויף איר אַריבער איז אַליין
אונטערן טאָגהימל פאַרזען און ווייט און קליין.
און מיטן ליד ביים האַנט, ווי מיט אַ לעצטן פריינט,
גייט ער אַריין געבויגן אינם נייעם מאָרגן־היינט.
און אַז ער גייט אַריבער שוין די שוועל פון לעצטן טאָג,
בלייבט אין דער וועלט זיין ליד — אַן עכאָ פון אַ גלאָק,
וואָס האָט גערופן צו געבעט און שטילקייט אין דער וועלט,
ווי דער ווייטער קוואַל הינטער אַ באַרג פאַרשטעלט.

און לויב נישט אויך דעם נביא פונם ירדן טייך
וואָס האָט איבער די שטאָטגאַסן די הענט צושטרעקט:
„געבענטשטע ברידער מיינע, פרידלאַכקייט און רו צו אייך".
ער איז געקומען מיט זיין בשורה ווי דער זומער קומט צוגיין,
און ווי דער לעבעדיקער רעגן איבער בוים און שטיין.
ס׳איז נס און פשוטקייט ווי צווייגן וואָס ווערן גרין, ווי פייגל פליען,
אַזוי איז ער געקומען מיט זיין אמתדיק און הערלאַך וואָרט,
און צווישן אונז געפונען אויף אַ קורצער שעה זיין אָרט.

# באַדגאַס

צווישן טויזנט אָרימע נשמות
וואָרט איך אונזערע דאָ אויף אַ תיקון.
אויב עמיצן פון אונז איז עפּעס מער באַוויליקט,
איז ער מער געקריוודעט,
ווי לידער־פרייד ביי די מלאכה־טישן,
מינדסטער, מינדסטער פון די טויזנט,
ביזט מיין אויסדערוויילטער חבר.

זאָג מיר, וועלכע שוועלן האָבן דיך פאַרטריבן?
ווי דער מינדסטער פון די טויזנט.
וואָסער טיר דיך נאָכגעוואָרפן בושה?
כ׳וועל אַהינגיין אויפמאָנען דיין כבוד,
וועל מיט אַלעמען דיך איבערבעטן,
כ׳האָב פאַר אַלע שטילע ווערטער ליבשאַפט.

זאָג מיר וואו דיין היימשטאָט חרובט.
עמיצער מוז נאָך געדענקען קלאָר
דיין שיין־אינגלשאַפט, דיין שלאַנקע יוגנט.
כ׳וועל צונויפנעמען די פרישע בלעטלאַד פון דיין גוטן נאָמען,
זיי אָפּגעבן דעם אויפריכטיקן פאָלק פון גאַס
די טרויער־פרייד פון דיינע וואָגלענישן

איך וועל אַוועקגיין האַנט אין האַנט מיט דיר
פון אַט־דעם אויפגעשוואָלענעם גרויס־ניו־יאָרק
צו אונזער קאַריצער באַדגאַס;
הערן חכמה פונם הויקער מיט׳ן בעזים,
וואָס שפּיגלט זיך אין אויסגעקערטן הויפל,
ווי אין אַן אויסגעקלאַרטן אָפּענעם זומערהימל.
שטייט מיט ביידע פיס איבער דער נחלה וואו דאָס באַד־הויז
טשאַדעט
פופציק יאָר און מערער, —
אַז עדות אונזער 90־יאָריקער קוימענקערער.

# לעבן שאָטן

הײמלאַכע טונקלע פּיר ווינקלען,
און גרויסשטאָט, און גרויס־גאַס בלײַבט פרעמד
פאַראַנען דאָ דאָרפּישע אײַנגלאַך
וואָס שטאַרבן דאָ דאָרפּיש און פרעמד.

גוט וואָס איך קאָן זיך נאָך האַלטן,
אַזוי ווי איך האַלט זיך און לעב
איז געפלעכט פון מאַסיווע מעטאַלן —
אַ פליג אין אַ שפּינעד־געוועב.

און גוט, וואָס דורך דינע שפּאַרעס
פון מויער און בריק און וואַנט,
שפּאַרט דורך זיך אַ שטיק באַגינען
מיט אַ בלוי שטיקל הימל אין האַנט.

דערמאָנונגען קומען ווי בעטלער,
און שטעלן זיך אויס אין אַ ריי.
די טראָגט אַ פּאָר צווייגן מיט רויטצוויט,
און די — הויכע שטיוול אין שניי.

און די — איז מײַן מאַמע, אַ שטילע,
אַ פרומע — געשטעלט זיך ביים טיר.
איך האָב אַזאַ סך צו דערציילן
פאַר איר נאָר — ווי קאָן איך פאַר איר?

ניט פאַר א י ר. און די לידער, די לידער
פליען אַז ווי די פייגל פון וועג.
זיי וואַרף איך אויך איינציקע קערנער,
הויבן אויף זיך און פליען אַוועק.

און איך, מיט אַ טאָרבע אַ פולער,
זיץ הינטער מײַן אייגענער וואַנט,
און קוק אויף מײַן אייגענעם שאָטן,
און קוק אויף מײַן אייגענער האַנט

# מ י י נ ס

שרייב די שורות טאָגבוך
אין די שטילסטע שעהן־
ביי דעם ברעג פון שווייגן.

איטלאָך ערלאַכע שורה
טראָגט איר שווערע שיינקייט
מיד און איינגעבויגן.

יעדער בעסערער שכן
רואיקט איין זיין קריוודע,
טרייסט און מילדע אויגן.

גוטע, דופטיקע גערטנער
זייגען די לידער־ספרים
פאַר די מידע שעהן.

צווישן די ווייסטע זקנים
לאָז מיך זיין דער אַלטסטער
און דער איינגעשטילטסטער.

אַז אַ חלק מאָרגן,
נאָר אַ חרוב שטיבל
אינם לאַנד פון נעכטן.

נאָענט צו די שוועלן,
נאָענט צו די קברים
פון מיינע אָרימע אבות.

# מיין ברודער

מיינע ברידערס קליינע סעודות
מיט די קינדער אַרום זיך.
פרייד פון קינדערישע נייע העמדער,
קינדערשע פאַרדיכטע שיך.

מיינע הענט ווען איך העלפן,
זאָגט מיין ברודער צו זיין געזינד.
און די הענט זיינע זיינען שוין מידע,
אויסגעהאָרעוועט, אויסגעדינט.

פיר פאַרעלטערטע קרומע בעטן,
זיבן בענקלאַך אַרום טיש.
שיין איז מיין עלטערן ברודערס וואוינונג,
כאָטש ער מיינט אַז עס איז מיאוס.

זעכציק יאָר — דאָס אייגענע מזל,
וואו האָט ער דאָס נישט געדרייט?
איצט איז ער אַ דאַרער מאַן אַ גראָער
אין אַ וואָכעדיק ציכטיק קלייד.

ווער טרעט דען זיין שוועל אַריבער?
איך אפילו זעלטן שוין.
קיינער קאָן אַזוי ניט שטיל זיין,
און נישט זיין אַזוי אַליין.

איך יאָג זיך אַרום נאָך וואונדער,
ווי נאָך אַן אוצר אין דער נאַכט,
און קיין פונק נאָך פון דער גוטער בשורה
צו מיין שוועל נאָך נישט געבראַכט.

# אַ שטימונג אין אַ זילבערנעם פרי־זומער טאָג

האָב דאָ שוין מער קיין זאַך נישט אויפצומאַנען
האָב זיך געריייניקט פון שנאה, כעס,
די בוימער בליען אויף, די דעכער פוילן, וויאַנען,
און גרויער, עלטער ווערט מיין אַלטע גאַס.

עס קוקן מיר נאָך פון אומעטום מיד־מידע אויגן,
און אַקסלען קרימען, בייגן זיך אויס.
ווי שמייכלען, וואַרפן זייער ווייסן צווייט די צווייגן
איבערן געלן שימל פון מיין שינדל־דאַך.

זיי מאַכן חוזק אפשר? דער גוטער יאָר ווייסט,
וואָס איז דאָ צו לאַכן פון אַלטע לייט?
פון איינגעפאַלענע דעכער? פון שטיבער־חורבהס?
פון גרינעם מאָך? פון טויטן זייד?

אַ לידל זינגט וואו אין אַ פענסטער: בארעלאָך רייסן,
אַ העל קינדערש קול און אַ ליכטיקער קלאַנג.
און אין דער לופטן ציטערט אַזאַ זילבער אַ ווייסער
דער זונענשטראַל אין פענסטער — אַ גלעזערנע זאַנג.

סאַראַ דורכזיכטיקער טרויער און — גראָד אַצינדער,
ווען נייער זומער קומט אין מיין אַלטער גאַס.
אין אַ פענסטער אַנטקעגן קוקן בלייכע קינדער
און די בלויקייט פון הימל איז אויך גרוליך־בלאַס.

# אייגנס

וואַלין, מיין שיינע מאַמע,
ליטע — מיין אָרימע מומע.
אין קאַרעץ האָב איך ביידע באַגעגנט —
טביהו און פּישקע דעם קרומען.

זיי זיינען מיר ביידע געפעלן
מיט זייער פּראָסטן הולד.
שיין ביזטו, ערלאַכער טרויער,
ווען דער חלום פאַרשיכורט דיך פרייליאַד.

ווער ס'וויל פאָרן אויף ימען,
איבער די וועלטן און לענדער.
דער וואָגל פון פּראָסטע אביונים —
מיין הערלאַכע כישוף־לעגענדע.

גאָט ווייס צי איך וועל דערוויזן
דערלייטערן זיך און דערגרייכן
צו דער געבויגנסטער אָרימקייט
און צו איר שטילקייט דערבלייבן.

אויסרייסן פון מיינע לידער
דעם לעצטן זיידענעם פּאַדים.
ווייל זייד איז פאַרשוועכט געוואָרן
איז גאווה, אין בייז, אין שאַדן.

זאָלן זיך שעמען די חברה
מיט די צוגלאַנצטע צילינדער.
פּישקע, מיין קרומער ברודער,
מלכה, מיין שוועסטער מיין בלינדע.

# מיט זיך

וואָס האָב איך ביי זיך נאָך אויפגעהיט
עס זאָל מיך אין עלנטקייט היטן?
פון קאַריצער סעדער דעם ווייסן צוויט,
נאַכט און וואַלד און אַן איינציקער שליטן.

די דערמאָנונג שטרעקט אירע אָרעמס אויס:
נאָך פיינלאַכער, טיפער דערמאָנען,
אַז גאָר די קליינקייט אין איר הערלאַכער גרויס
זאָל קאָנען אַ תיקון מאָנען.

ניט לאָז מיך, ניט לאָז מיך פאַרלאָרנגיין,
ס׳וועט מיך קיינער נישט קאָנען געפינען.
אפילו אַ צובראָכענער חורבן־שטיין
וויל פאַרבלייבן מיט זיינע רואינען —

צונויפגעפאַלן — אַ וואַנט אויף אַ וואַנט,
אַקסל אויף אַקסל, ווי ברידער.
מיר וועלן זיך שטאַרקן אַזוי באַנאַנד,
און ליכטיק נאָך אויפקומען ווידער.

הויך־הויך האָט דעם חורבנס פאַן געברענט,
טשאַטעס פונקען ווי בראַנדיקע בינען.
כ׳האָב דעם טרויער געראַטעוועט אויף מיינע הענט —
אַ קינד צווישן חורבות געפונען.

איך האָב עס צו זיך אין שטוב געבראַכט,
דערוואָרימט און — האָט איינגעדרימלט.
כ׳בין ביים פענסטער געשטאַנען אויף מידער וואַך
און מיין שטערן געקילט אין הימל.

# ערלאַד־אַרים

פון אונזער הויזגעזינד זיינען די ברידער
צעוואָרפן איבער זיבן ימען.
אַמאָל, ווען איך רוף זיי — אין מיינע לידער —
טרעפט, אַז זיי קומען זיך צוזאַמען

פון מזרח, מערב, פון צפון, דרום,
פון ווייטסטע שטעט און ווילדע פרעמדן.
און אַלע זיינען זיי שטיל און אָרים
און אומעטיקע און ווי פאַרשעמטע.

אַ בעטלער־כאַפטע אין קאַפּאָטעס
פאַרגעלט, צוריסן און אָפּגעקראַכן.
פון אונטערן שטויב פון זייערע שמאַטעס
ווינקט גוטער היימישער אַנדערוואַכן,

ווי אַ שטיק פּיסטנער ברויט אַ זיסער
אין האַנט פון אַ הונגעריק שיין אינגל
אינמיטן גאַס וואו באָרוויסע פּיסלאַך
פון שפּרינגענדיקע קינדער זינגען.

איין ברודער וואונדערט זיך אויפן צווייטן:
ווי בלייבט מען אַזוי הויל און אָרים
אין אַזאַ גרויסער וועלט אַ ברייטער
אין מזרח, מערב, צפון, דרום?

און פרייליך ווערט פון די תירוצים
וואָס מיר פאַרענטפערן זיך כסדר.
כ׳וואָלט זיי געקאָנט פאַר מעשות נוצן,
ווען כ׳זאָל נאָך גיין אַצינד אין חדר.

מעשות פון זיבן אָרימע ברידער
וואָס זיינען געבליבן וואויל און אָרים
און אויסגעוועז די וועלט די גאַנצע
פון מזרח, מערב, צפון, דרום.

# אומקער

ניט אין ווייטע לענדער
וואקסט דאס בלויע גליק.
וואגלסט אפ די וועלט־גרייס
און קומסט מיד צוריק.

אלט אויף דיר דיין בגד
גרויע קאפ און בארד.
אין דעם תהום פון שווייגן
קוים א פונק — א ווארט.

ווייסן דען ניט אלע ?
זעען זיי דען ניט,
אז דיין האנט איז ליידיק
און דיין אויג איז מיד ?

אז ד'האסט אומגעקערט זיך
פון דיין ווייטן חצג,
ווי א שיף׳ פארבלאנדזשעט,
קומט צום אלטן ברעג.

קיינער איז אין איר שוין
מער נישטא אצינד.
אפגעבראכט אהיים איר
האט א בלינדער ווינט.

# אַ דאַנק דיר, לייד

אַ דאַנק דיר לייד, וואָס האָסט מיין ברודער
געראַטעוועט פֿון מיאוסער זעט.
פֿון פֿעטן שלאָף, פֿון קרוכלען גלייכגילט
איז ווייכן וואַרימען פּוך פֿון בעט.

און איידער ס׳איז זיין האַנט געוואָרן
אַ שטאָלד־קאַלטע שווערע האַק
איבערן נאַקן פֿון דעם ערלאַכן,
האָסטו אים ווידער דעם וויסטן זאַק

אַרויפֿגעלייגט אויף זיינע פּלייצעס
און אים אַרויסגעשיקט אין נויט,
צו טרינקען שאַנד פֿון גיפֿטיקע אויגן
און צוזאַלצן מיט סם זיין ברויט.

אַזוי געפּרואווט האָסטו אונז אַלע
וואָס זיינען כּלומרשט פֿרום און גוט
אונטער דיין פּחד און דיין וואָרנונג,
אונטער דיין שווינגענדיקער רוט.

מיר, ניִשט־געוואָרענע רשעים,
ווי נאָר עס טוט אונז בלויז אַ שיין
די גוטע בשורה אין די פֿענסטער
מיט איר גינגאָלדענעם בעכער ווייִן,

פֿאַרלויפֿט שוין אונזער אויג מיט שיכּרות
און ס׳שוימט דאָס מויל מיט איבערזויף.
און טויזנט טרעפֿלאַך קריכט דער אביון
צום גראַשן פֿון אונזער האַנט אַרויף.

# אין דער תהילים־אַליי

אין אומעטיקייט לעב איך אויס מיין טאָג אַליין מיט זיך,
אין שווייגעז — נאָר אין דעם שטילן קעניג־בעטלער בוד
קוק איך אַמאָל אַריין — איך האָב דאָרטן דערזען אַזאַ ווי איך
גייט צווישן די אַלייען־שורות אום און זוכט.
איך הער אים מורמלען, פּליסטערן, ווי איך געבעט.
צי קאָן זיך דען דערפון באַפרייען דער וואָס האָט
דערזען דעם מידן תהילים־קעניג אומגיין שפּעט
איבער דער שלאָפנדיקער ירושלים דער שטאָט.
וואָס האָט דער צירונג־מאַרק ? זיין גאָלד, קרישטאָל ?
איז טויב און בלינד אַליין שוין צו זיין פאַרב און חן.
דעם קעניגס ווייבער ? אַן אויסגעצירטער צירק אין זייד און וואָל,
שלעפעריקע מלכות אויף די טראָנבעטלאַד פון עלפאַנטביין.
בשמים לעשן זיך, געווירצן רייצן מער שוין ניט,
ער הערט דאָס ווייבסגעלעכטער רופן דורך די ווייסע ווענט.
די כיטרע קעץ. ניט מיט קיין שורה פון זיין אומעטיק ליד
האָט ער זיך וועז עס איז צו זיי דערנענט.
קיין איינע קוקט נישט נאָך זיין שלאָפלאָז אויג
און זיינע וואַגלענדיקע טריט איבער דער נאַכטיקער שפּעט.
די קליינע סאָוועס. יעדע אויף איר דרימל־צווייג.
געטאָקטע פיסלאַך און געלאָקטע קעפּ.
אַ גאָסנהיטער האָט אים איינמאָל אָפּגעשטעלט
אינמיטן נאַכט : וואוהין ? ער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט,
נאָר גוטמוטיק געשמייכלט אין דער נאַכטיקער וועלט,
גוטברודעריש דעם אַלטן שומר אויפן אַקסל געגלעט.
צי האָט ער אים דערקענט ? מסתמא ניט,
נאָר וואויל איז אים געווען אין יענער שפּעטער שעה
צו הערן אין דער טיפער נאַכט־רו זיינע טריט,
און זען זיך ווייט און איינזאַם אויף די וועלטן דאָ.

# פשוט וואָרט

פשוט וואָרט, קומסט טרינקען
צו מיין שטילן קוואַל.
כ׳גלעט די ווייכע וועלן
פון דיין וואָרימער וואַל.

פרידלאַך וואָרט, קומסט רוען
צו מיין שוועל און טיר.
אַלע אוונט־שאָטנס
קלייבן זיך צו מיר,

פון די קליינע שטיבער
אין מיין דאָרף אַרום,
פון די אַלטע פלויטלאַך
איינגעבויגן, פרום,

פון די בלייכע בערגלאַך
מיטן געלן גראָז,
פון די שוואַרצעביימלאַך
דאָר און בלעטערלאָז.

כ׳האָב אויף מיינע שוועלן
פאַר זיי אויסגעשפּרייט
ליבשאַפטן און גוטסקייט,
שטילקייטן פון זייד.

מיינע הענט אַ שיצונג,
שפּרייט איך רואיק אויס:
פרידלאַך אייער קומען
צו מיין נידריק הויז.

פשוט וואָרט, קומסט רוען
צו מיין שוועל און טיר.
אַלע מידע שאָטנס
קלייבן זיך צו מיר.

# מיט אַ גרינעם דאַך

מכות, קלעפּ
האָבן אַראָפּגעבויגן די קעפּ
פון שטוב און מענטש.
און דאָס פאַרהונגערטע פאַרשמאַכטע מויל
רעדט איידל פון גענאָד:
לאָמיר גיין אויפן וועג פון גאָט.
אַ, ברודערל, כאַטש אויפהויבן דעם בליק
אין קראַנקן ווייטיקדיקן גליק,
וואָס בייסט און טרייסט דאָס לייב, —
דער סם און חן פון יעדער קלייניקייט,
איידער ס׳לעשט זיך אויס אין שטויב.
און עס צופאַלט דער וואונדער און דאָס ליכט
צאַנקט אויס ווי דער טאָג אין שויב.
אַ, באָבע פרומקייט, כ׳ווייס דיין וואוילען מיין —
מיך צורופן צום פאַלע אינגליש, קליין.
איך האָב דיין תהילים־שורה ליב.
ווער איז דען נאָך דאָ מיט אונז אין שטוב,
אַחוץ די פיר זיך־עלטערנדיקע ווענט.
כ׳פאַרשטיי דיין משל פון דער אַמאָליקער שטאָט
וואָס האָט פון בריק צו בריק געברענט,
און אויף איר אַש
האָט זיך אַ שטיבעלע אַ נייס, אַ ווייס
אַרויסגעהויבן מיט אַ גרינעם דאַך.
ווער עס האָט עס אויפגעבויט?
דער אָרימסטער.
אים האָט די גרויסע נויט געשטאַרקט.
געמוטיקט: בוי!
אויף אים קוקנדיק האָבן נאָך צוויי
זיך אָנגעגורט מיט מוט.
כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי און איך פאַרשטיי.
נאָר עפּעס טוקט זיך אומעטיק מיין בלוט,

ווי אַ זיד־לעשנדיקער קנויט אין אויל.
אַוודאי וועט נאָך ווערן גוט און שיין און וואויל
און עמיצער פון אונז
וועט זיך פון טרויער אויפהויבן און זען:

ס׳איז ווידער שיינע וועלט ווי ס׳איז געווען.
און ווי אַ שונאס שיף פון אונזער ברעג
שווימ אַפּ דער יאוש און די שרעק
און זון און זומער האָבן זיך אין אַקער איינגעשפּאַנט
און אַרבעטן, און אַרבעטן אויף אונזער לאַנד.

*
* *

איך בין דער תהילים,
די אַלטע לייד איז ביי מיין קוואַל
אוי די קני געפאַלען,
און געאַטעמט, און געטרונקען.

די בעטלערן: נויט,
און איר שוועסטער: שאַנד,
און זייער קינד: שרעק
האָבן זיי ביי מיין שוועל געררוט
פון זייער וויסטן שווערן וועג.

# דעם בעל שם טובס מזמור שיר לחנוכה

אינגל מיינער,
קום אַריין אין טויער פון מיין שבת,
איך האָב אָנגעצונדן אַלע רערן
פון מיין גאָלדענער מנורה.

אין מעזשבוש, שטאָט פונם בעל שם טוב,
צום ערשטן ליכטל איז אויסגעפאלן
אַ נייער שניי — אַ יונגער, גרינגער.
האָט זיך געוועבט אויף דאַך און פלויטן,
אונטער די טריט — אַ זייד אַ קלאָרער.
האָט זיך געלייגט אין איידעלער רו
אין ווייסע פּאַסן ביי די פענסטער.
און ס'שטילע פרומע מקום מעזשבוש
איז שטילער, פרומער נאָך געוואָרן.
און איטלאַך אַלטער בוים אין גאָרטן,
און איטלאַך בוימל ביי אַ פּאַרקאַן, —
ווי ווייסע זיידעלאַך און קינדער,
און ווי מנורהלאַך פון זילבער —
גאָטס ברכה איז מיט ווייטער ליבשאַפט
אויף זייערע גוטע קעפּ געגנידערט.

און אין די שטעלעכלאַך ביי שטיבער
האָבן גערוט גאָטס שטומע ברואים,
די בעלי־יאַד פון האָלץ און וואַסער,
די פערד וואָס פאָרן אויף יאַרידן
דורך מורא אין די אַלטע וועלדער.
די פערד מיט אידישער הכנעה,
די באָקנס צו דער ערד געבויגן,
די פערד מיט גם זו לטובה אויגן,
וואָס שלעפּן באַרג אַרויף די פעסלאַך,
טאָג איין, טאָג אויס,
יאָר איין, יאָר אויס
און טראָגן זייער עול באהבה.

ווי איטלאַד קליין באַשאַף, אַ קעלבל,
אַ מענטש, אַ קינד, אַ שטיין אפילו.
און גראָזן — פון האַגל איינגעבראָכן.

אפילו די גרויע טעג פון וואָכן,
אַ וויפיל יאָכן און וויפיל עולן
צו טראָגן דורך די אָרימע טאַלן,
און טראָגן זיי מיט חסד איבער.

און אין די אָרימע קליינע שטיבער
קומען יומטובים, קומען אורחים
אויף קלאָרער שניי־שטילקייט צושאַרכן,
אויף ערשטער ליכטיקייט פרימאָרגן:
גוט יומטוב אייך.
אַ גוט יומטוב אייך איר אַלטע זאָרגן.
איך האָב געבראַכט אייך שיינגעשאַנקען.
קומט, קינדער טייערע, צו די פענסטער,
און זעט ווי ווייס די שטיבער בלאַנקען.
און זעט ווי קלאָר די בוימער בליען
אין בלוי און ראָז פון די אינדערפריען.

צום ערשטן ליכטל, טייערע קינדער
אַזאַ מין קלאָרקייט, אַזאַ מין וואונדער,

און צו פאַרנאַכט־צו איז דער בעל שם טוב
אין שולכל דאַווענען געגאַנגען,
די וועלט איז פול געווען מיט קלאַנגען
פון זילבערשטילקייט און זילבעררוישן.
און אַזאַ חדוה האָט פונדרויסן
געשפרייט זיך איבער טיר און טויער,
אַז איטלאַד זאַך וואָס האָט אַן אויער,
האָט קלאָר געשעפּט פון הויך און נידער
אַזויפיל פרומגעבעט און לידער,
און זיך אין אייגענער טיף פאַרגאַנגען.

בעל שם טוב איז אין שול געגאַנגען.

פול־פול איז שוין געווען דאָס שולכל
מיט קינד און קייט.
וואו נאָר אַ מענטשל,
אַ זיידעלע,
אַ כלה־מיידל, —
זיינען געקומען הערן בענטשן
דאָס ערשטע ליכטל דעם בעל שם טוב.

און דער בעל שם טוב האָט געזונגען.

די הענט איבער דער גאַנצער עדה
אויף אייניקל און ווייסן זיידן.
און לויטער האָט זיין קול געקלונגען:

צינדסט יעדן טאָג אַ זון אין הימל,
און איך — אַ קנויט אין אַ טראָפּן בוימל.

בענטשסט יעדער שעה מיט דיינע גענאָדן,
און איך, אַזאַ מין פּשוט אידל
קום יעדן טאָג אין דיינע טויערן
מיין פּיסטנע אָרים שטיקל לעבן
צו די גאָר אָרימסטע צוגעבן.

און וואָס איז דען חנוכה?
וואָס איז דיין חנוכה?

דיין חנוכה איז דאָך נאָר אַ רמז,
אַ משל צו דיין גרויסן אמת
וואָס וויל אין יעדן מאָנטיק, מיטוואָך
אַ פלעמל יומטובדיקייט שענקען,
אַז ס׳הערט די וואָך נישט אויף צו בענקען.
הערט נישט אויף צו גארן מיט קינדערשע אויגן,
און מיט צען הויקערס איינגעבויגן,
צום לעצטן פּרייטיק־שטאָל אויף דעכער,
ער לויכט־אויף איבער ערד און הימל
מיט דער הייליקייט פון אַ גאָלדענעם בעכער

אויף וועלכן דו אַליין טוסט מאַכן
דעם גרויסן קידוש און — אַלע שליאַכן
און אַלע וועגן,
און אַלע שטעגן
און אַלע העק,
און אַלע זעגן,
און אַלע הענט,
און אַלע אויגן —
אין שבת־רו,
אין שבת־שווייגן.

אַט בין איך איצט געקומען בענטשן
דאָס וואַכעדיקע דינע ליכטל,
און אַלע דאָ אַרום מיר וועלן
געבענטשט ווערן מיט נייעם יומטוב.

איך הויב מיין האַנט אויף אויף די קינדער
און וויין דיר, טאַטע־פּאַטער, זע נאָר,
אַט זע ה׳י ליכט, הנרות הללו,
זיי האַלטן זיך מיט דינע הענטלאַך,
מיט ציטערדיקייט אין מיין פאַלע,
און בעטן חנוכה געלט,
אַ גראָשן —

נאָר דאָס איז דאָך נאָר אַזאַ רמז,
אַ משל צו דיין גרויסן אמת,
איך זאָל דיין שליח זיין, זיי טיילן
דיין גרויס גענאָד וואָס וועט זיי היילן
און וועט זיי אויפריכטן אין וואונדער.

די אַלע ויידעלאָך זיינען קינדער,
און שטרעקן אויס די הענט ווי קינדער
און עפענען דאָס האַרץ ווי קינדער,
און גלויבן, ליבן דיך ווי קינדער.

און איך האָב זיי געבראַכט אַהערצו

צו דיר דאַ גאַענט, טאַטע־סערצע.

און איך וועל מיט זיי אַלע וואַרטן,
אַז דו אַליין זאָלסט צו זיי קומען
און אויסשפּרייטן אויף זיי דיין ברכה
מיט ליכט פון יומטוב אַנדערוואַכן.

כאָטש אַ קליין קנויטל יומטוב, פאָטער,
זאָל איבער אונז דאַ טאָן אַ פלאַטער
נאָך יעדן גרויען טאָג אין מקום. —

אָט ווערט אַ אידעלע אַ זקן.

אָט שטייט אַ בוימעלע דערשראָקן.

אָט בייגט אַ שטיבל איין דעם רוקן.

נו, קום־זשע, קום־זשע, טאַטע סערצע
צו דיינע גאַנטע אַהערצו.

נו קום און העלף מיר אונטערשפּאַרן
דעם אַקסל צו די קליין־געפּאַרן
וואָס זיינען גרויס אין אונזערע אויגן.

וואָס זיינען מיר דאָ, פאָטער ליבער?
נאָר בלעטלאַך אָרימע אויף צווייגן,
דער זומער טאַנצט אויף זיי אַריבער,
די קראַ פון אַסיען לאָזט זיך אַרונטער,
נאָר —

הייַנט איז דער פאַרנאַכט פון וואונדער,
דער וואונדער פונם קליינעם ליכטל,
דאָס ליכטל פון דער וואַד און קינדער,
די אַלטע אויך דאַ — אַלע קינדער
און איך שפּרייט איבער זיי דיין ברכה,
צו היילִיקן מיט די קליינע פלעמלאַך
די טעג פון גרויען אַנדערוואַכן.

# אויף אברהם ליעסינס קבר

ווען קיינער איז אין זיינע דלד־אמות ניט געווען,
האָט ער זיך שטום אַריינגעשאַרט אין די היילן פון זיין אַלטן
לידער־וואַלד.
אַ שווערער שטייענדיקער הערבסט האָט דאָרט געהויערט
שטאַליק־גרוי
איבער יעדן שטעג און בוימערשטאַם.
שוין לאַנג אַז ס'האָבן שוואַרצע רויבווינטן זיי נאַקעט
אָפּגעפּלינדרט,
נאָר ער האָט ליב־געהאַט די וואַכעדיקע קאַלטע שטומקייט זײַן,
אַ ווייטע לעבעדיקע וועלט פון זיי אַרויסגעהערט.
ער איז אַליין געווען דער בעטלערישער האַר פון אַ פאַרוויסטער
ערד.
פון אייגענעם געדעכעניש, ווי פון אַ פּאַרמעט־פּינקס,
אויסגעגראָבן
מאַרטירער־כראָניקעס וועגן זיך אַליין.
ער האָט זיך אָנגערופן ר' עקיבא און ר' יוחנן.
ער האָט זיך אָנגערופן ישו, לעקערט — ביזן לעצטן יונג
וואָס האָט זיין לעבן פריי און נאַקעט אויף די אייגענע הענט
געטראָגן די פאַרגוואַלטיקער אַנטקעגן: מוטשעט, שענדט.
ער איז געזעסן מיט דידאַזיקע אַפּאָסטאָלן אַרום זיין
נאַכטיק־שפּעטן טיש,
געפירט וויכוחים איבער דין און רחמים, דת און חוק
ביזן אויפשאַריען פונם נייעם ענגן טאָג.
און פאַרן מוטנעם פענסטער פונם נאַקעטן אינדערפרי
געשטאַנען וויסט, ווי אויף איינגעבראַכענע קני:
מיין וואָרט, מיין בעטלער־וואָרט.
כ'האָב גאָרנישט אויסגעבעטן, גאָרנישט קלאָרגעמאַכט, ניט
אָפּגעפרעגט,
קיין פינטעלע פון אַלע שווערע גזרן ניט אָפּגעמעקט.
מסתם ניט ווערט־געווען צו נאָכגיין נאָך די טריט פון די
וואָס האָבן אין דער געטאָ־בויד אַריינגעפירט

די גרויסע גאַרבן ליכט.
ווי דער בעל שם הקדוש, דער מעזשירעטשער מיטן ווייסן כאַלאַט,
איך בין געווען דאָס שפּעטער מידע אלול־בלאַט
וואו ס׳לייגט זיך פויל דער הערבסט־וואָרים אַוועק
און שטעקט אים אַן מיט קראַנקן זשאַווער און מיטן
סמיק־בלוטיקן פלעק.
דערפאַר בין איך אַריינגעקומען אין די היילן פון געהיימענישן
וואו די געשיכטע קריצט מיט דאַרע גע̇לע פינגער אויפן וואַנט
די לויטערקייט פון קרבן און די הייליקייט פון שאַנד.
און איך האָב אָנגעמאָסטן אויף מיין אייגענעם קאָפּ
דעם קרוינלאַכן דאָרן וואָס איז אייביק גרין,
ווי אייביק ס׳איז די אַלטע־יונגע פּיין אויף אַלע וועגן וועלט,
און ווייסט אַליין ניט איך: פונוואַנען און: וואוהין.
די האַרטע קרוין האָט מיר ווי דינער זייד
דעם קאָפּ געגלעט און — אין יענער זעלטענער שעה
האָט זיך אַ ליכטיקייט געצונדן אין מיין וואָרט.
און ווי יחזקאל, בין איך אַרונטערגעגאַנגען אין טאָל
פון די הרוגים־דורות און מיטן פוסט
געקלאַפּט אין זייער וויסט געביין:
שטייט־אויף, הרוגים. ניטאָ קיין אַנדער טרייסט
חוץ אייער אָפּגעריסן לייב פון ביין,
חוץ אייער שטומשווייגן אונטער די אייזן־ציין.

# מיר

מיר האָבן נאָר אין פּיינעם כּתב
און אין איידל־קלינגענדיקן זאַץ,
געלאָזט פאַר אייך אונזערע גוטע מידות־עיקרים.
און איר, געפּרואווטערע, כאָטש יונג און גרינג,
דאַרפט מייסטערן די מעשׂים.
אונטער די פאָנען, ווינטן, הימנעס,
אויפשטעלן אַ היים פון ערד און ליים.
עס האָבן נאָך די טעג פון קרבן דאָ נישט אויפגעהערט,
און ס'גייען נאָך איינאיינעם אויפן פעלד:
דער געשמאַקער אַקער און די פלאַקערדיקע שווערד.
דער צלם מיטן שפּיז, דער הויף־באַנדיט מיט גאָט,
און בלוט שרייבט די געשיכטע, ניט קיין טינט.
און ווינט צעווייט די גורל־שטערן איבער אונזער קאָפּ.
דאָס מיסט פון הייליקע און אומהייליקע פּגרים,
צווייערליי קברים, צווייערליי הספּדים —
הימל און בוידים.
און נאָר אויף טויטע טייטלט אונזער יחוס,
געפאַלענע פאָנען, געפאַלענע שליחות,
אַ פּעניץ נייערד און אַ געניץ פרייקייט.
דאָס אַלץ ווערט אָפּגעקריצט אויף די געשיכטע־מצבות,
און דורות בלייבן ווידער בלוטיקע בעל־חובות
צו די וואָס האָבן נאָך צו־קליינע הענט,
צו ריינע אויגן און זיי קאָנען נישט מאָנען
פאַר די געפאַלענע משיחים,
פאַר די פאַרשוועכטע פאָנען.

# דרייצנטער גאָרן

באַזעצט זיך דאָ אויפֿן דרייצעטן גאָרן
אַריבער די זײַלן פֿון ברוקלין־בריק.
די באַנען, דער טאָג און די זון קומט צופֿאָרן
און קערן פֿאַרנאַכט זיך אום צוריק.

נאָר די וואַסערן אונטן ליגן אַלט־היימיש.
און די ברעגן פֿוניענערזײַט — היימלאַך אויך.
די שיפֿן, די קוימענס רעוועו בהמיש,
און דרייען די ווײַדלען מיט גרין גראָען רויך.

אַ שיף לאָזט זיך איבער די וואַסערן שווימען
און גייט זיך אַוועק אין אַ ווײַט־ווײַט לאַנד.
כ׳האָב אויף טויזנט שיפֿן געמאַכט שוין אַ סימן
און פֿאַרגעס און זיי בלײַבן מיר אומבאַקאַנט.

נאָר איך ווייס: דידאָזיקע שיפֿן, די בריקן
די הויכע געבײַען — ס׳איז מײַן ניו־יאָרק.
זי הענגט אויף מײַן רוקן מיט אירע אַלע אַנטיקן,
מיט גאָר איר פֿרעמדקייט און שוואונג און זאָרג.

כ׳וועל איר אויסטון פֿון זיך און, ווי אַ הויפֿן שטיינער,
ווי אַ כאַפּטע פּיאָוקעס אַ װאָרפֿטאָן פֿון זיך.
בלײַב איך אויך אינם בראָכוואַרג פֿון שטאָלענע שטיינער
מיט מײַן שימל־קאַפּאָטע און צוריסענע שיך.

און וואו, וואוהין וועל איך שוין דערקריכן?
נישטאָ שוין וואוהין און איך האָב שוין נישט וואו.
וועל אין דרייצעטן שטאָק וואַרטן מיך אויף משיח׳ן,
בלויז זונטיק זיך דורכגיין צו די שטייגן אין זו.

און זען דאָרט דעם לייב, דעם טיגער, דעם לעמפּערט,

און די ווייסע בערן ווי בערגלאך שניי.
אַ אינגל פרעגט עפּעס, איך רעד און ענטפער
פאַרוואָס די כינעזישע פייגל זיינען גרוי.

און גייען אַרום ווי אַפּגעקומענע מלכהס,
אַ זיידענע איידלקייט רוט איבער זיי.
זייערע פיסלאַך דינע, געשניצט ווי ביי ליאַלקעס
און זיי זעען אויס ווי געפאַרבטע שטעקעלאך שטרוי.

איך ווייס נישט פאַרוואָס ס׳קומט מיר אויס — אַזאַ מין ציפּור
וועט מיר קומען צוחלום אויף צוויי לאַנגע פיס,
און מיר ברענגען פון כינע אַ זאַפראַן־צווייגל
און אַ קליינטשיק פּעקעלע מאַנדל־ניס.

און כ׳וועל זיך אַ כאַפּטאַן — דער גרויער באַגינען
וועט זיך נעמען צעוועבן אויף סטעליע און ווענט.
און שאָטנס וועלן קריכן ווי גרויסע שפּינען
מיט לאַנגע בלויע פיס און דויטע הענט.

# מײַן נאָענטסטע

עלקען, שיווקען און חנהן

האָב װײניק, װײניק פֿון דיר צו מאָנען,
און שולדיק בין איך דיר אַ סך, אַ סך.
װי גוט מיר איז אין מײַנע שטילסטע שעה דערמאָנען
דײַן קומען לעבן אונטער מײַן גראָען דאַך.

אונטער מײַן גראָען דאַך — די פֿאַרבן דײַנע בלײַכן,
דײַן לײַב — מײַן קלאָרער דורכזיכטיקער קװאַל.
כ׳װעל ליכטיקערס ,שױן אויף מײַן ערד דאָ נישט דערגרײַכן
אַ שלאַנקער פּרײַנט מײַנער אונטער דער גראָער שאַל.

װי נאָך אַן אָפּגעזונגענער שײנקײט קלײַב איך װערטער
װאָס זײַנען װען־עס־איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דײַן ליפּ.
די פֿרומע שאָטנס אויף צעװאָרפֿענע ערטער,
און כ׳האָב נאָך אַלע שײנע בלײַכע קלײניקײטן ליב.

מיר זײַנען בײדע קלענער, עלנטער געװאָרן,
װי אַז־אַ־זײַט פֿון גאָר דער װעלט זיך אָפּגעשײדט.
װי קופּער־קרוגן שטײען נאָך אונזערע נעכטיקע יאָרן
מיט קלײנע איבערבלײַבן טרויערריקער פֿרײד.

װי שײן ס׳איז אונז געװען דאָ אײנער לעבן צװײטן,
אויך איצט האָט זיך די שײנקײט נאָך נישט אָפּגעטון.
מיר קוקן בײדע אויף אַ שפּעטן זומער־פֿעלד אַ װײטן
אינאײנעם מיט דער נידעריקער פֿרי־פֿאַרנאַכטיקער זון.

# כ'וויל דיך באַפרייען, גאָט...

כ'וועל דיך אַרויספירן מיין גאָט
פון אַט־דעם לאַנד פון קנעכטשאַפט,
פון די גינגאָלדענע געבעט־צירקן באַפרייען.

זיי האָבן דיך דאָ אויסגעצירט
מיט לעמפּלאַך און מיט פאַרביקע ליכט,
פאַרדויזלט און פאַריויזלט דיך פון קאָפּ ביז פיס
מיט דאַרנקרוינען און מיט האַרנמיצלאַך
און מיט געלע הויזן.

זיי האָבן פאַר דיין פוס אַנידערגעוואָרפן
זייער זינדיקן בעל־תשובהדיקן ציניזם.
ווי אַ קאַץ איז ער אונטער דיין ליימענער פּאָדעשווע
אומגעקראָכן, געלעקט, געשמעקט
געשטרעקט זיך מיט זיין עלאַסטישן גוף
און אויסגעחנפעט דיין גענאַד
אויף נאָך אַ בינטל חלבדיקע יאָרן,
און צוגעקלעפּט צו זייער פּוסטן עמנואל־צירק
נאָך אַ שטיינעריקן טויטן גאָרן.

כ'וועל דיך צוריק־קערן מיין גאָט
צום לאַנד כנען, ווי אין אָנהויב,
צו דיינע אבות אויפן פעלד,
און צו די ערשטע סטעפּ־געצעלטן.
כ'וועל דיר צוריקגעבן דיין פּראָסטן אויסזען
און דיין ערלאַך פּנים.
כ'וועל אויפן פרישן גראָז דיך אָפּלאָזן
פון דיין געפאַנגענער ענגשאַפט.
וועסט ווידער וואוינען מיט דיין ווינט
צווישן די אַלטע באַרגפעלזן,
הינטער די קליינע דערפלאַך

וואו נזירים האָבן זיך אין איינזאַמקייט פאַרטריבן.

ווײַסט ווידער זיצן בײַ די פּשוטע סעודה־טישן
מיט דײַנע שטילע פּילאַזאַפן בײַ דעם אָוונטמאָל.
אַלע אין די האַרטע לײַוונט־טראַכטן אַרום דיר,
אַ דיקער פלאַקסענער גאַרטל אַרום דײַן דיך.

כ'וועל ווידער גיין מיט דיר, מײַן גאָט
און קומען אין די אַלטע חרובֿע ישובֿים.

אפשר קאָן מען נאָך דאָרט עפּעס אויפהויבן
אַרויסהויבן פון אַש און וויסטקייט.

אפשר קאָן מען נאָך פון אַלטן ברוכוואַרג
אָפּקלײַבן אַ ברעטל פאַר אַ נײַעם אוהל.

דײַן שטאַרקער קערן ליגט נאָך אין די פרישע טיפן
ווי דער נײַער טאָג הינטערן נאַכטיקן מערבֿ.

קינדעריש־הערלאָך ווי אינדערפֿרי,
וועט דיר אָנטקעגנקומען רײַן אַ דור אַ נײַער
מיט שטאַרקע הענט און יונגע הערצער, —
דעם עול פון דער ערד צו טראָגן אין געבענטשן שווייס
וואָס זאַפּטיקט אָן די מי מיט ברויטיקן חיות
און מיט רו די מידיקייט פון די פאַרשמאַכטע אבֿרים.

# ברודער און רבי

זיי ווייסן אַזויפיל פאַרבאָרגענע שיינקייט
פון דיר צו דערציילן, אַ ברודער און רבי.
זיי זיינען שוין אַלט, נאָר זיי טראָגן אין זייערע געמיטער
דיין ליכט און דיין ניגון, דיין וועלט און דיין לעבן.
און הינטער מיר — שטייט שוין נישט קיינער.
איך בין אַ טרויריקער, איינער, אַן איינציקער איינער,
דעמדאָזיקן תהילים אין זיך צו פאַרנעמען.
וואו וועל איך אים זינגען? פאַרוועמען?

אַז דו ביזט געוועזן אַ בעלפער, אַ שמש
ווער קאָן דאָס דען איבערזיין ווידער.
כ'וועל גיין צו די שטיבער פון אָרימע טאַטעס און מאַמעס
פאַרקויפן פאַר זייערע קינדער אַ קונטרסל לידער,
די לידער וואָס איך האָב פאַרפאַסט
צו דעם ווייט־ווייטן עכאָ פון דיינע ניגונים
וואָס בלאָנדזשען אַרום נאָך פרימאָרגן אין גאַס
און ס'האָט זיי מיין אויג און מיין אויער געפונען,
אַזויווי אַ פאַסטעך געפינט אַ פאַרבלאָנדזשעטע שאָף
הינטער שפּעט־זומערדיק גראָזענע בערגלאָך
ביי די רואיקע וואַסערן ברעגן.

איך זאָל נאָר ניט שטרויכלען,
איך זאָל נאָר ניט פאַלן, אַ ברודער און רבי,
אַראָפּפאַלן פון מיין דערגאַנגענער קליינער מדרגה,
וועל איך אפשר פאַרט וואו זיך קאָנען דערפרעגן
דיין גנאָד און ירושה צוטיילן, צוגעבן
די קלאַנגען און ווערטער ווי שטראַלן פון רעגן
אין זאַפטיקע דורשטיקע שטראָמען
אַריבער די פנימער פון שויבן. —

די זיסע, די גאָלדענע בענטשונג פון גלויבן

די פולע, די אייביקע ברכה פון גלויבן
און — איך האָב מיין שליחות שוין אָפּגעטאָן, ברודער און רבי.
וועל איך זיך אָנועקרוקן, אָפּרוקן
הינטער אַ וואַנט וואו,
און האַלטן אין שאָטן פון ווינקל מיין לעבן.

איך זאָל נאָר ניט שטרויכלען און פאַלן,
אַ ברודער און רבי.

איך זאָל נאָר ניט שטרויכלען און פאַלן,
אַ ברודער און רבי.

איך זאָל נאָר ניט שטרויכלען און פאַלן,
און טראָגן מיט ליבשאַפט אויף זיך
די לעצטע רויטגאָלדענע שטראַלן
וואָס דו האָסט מיר איבערגעגעבן,
אַ ברודער און רבי.

# פון טאָגבוך

האָסט נעכטן אָפּגעפּראַוועט דאָ דיין דריטע סעודה.
פאַררופן צו דיין טיש די לעצט־גוטנאַענטע,
וואָס חנפען דיך נישט: נביא און האָבן דיך נישט פיינט;
און רופן דיך נאָך אַז אַמאָל ביים ערשטן נאָמען היינט,
ווי אַמאָל ווען ביזט מיט זיי אין רעגנדיקע רויכיקע פאַרטאָגן
געשטאַנען לעבן די שווערע שוואַרצע שעפּער־טירן,
מיט דינע, נאָך נישט אויסגעפּראַוווטע הענט,
און האָסט געבעטלט אַרבעט.

(מיר זיינען אַלע נאָך געווען דין־דינע אינגלאַך
מיט פרומע דרימל אויף די בלייכע ברעמען,
נאָך טעג און נעכט איבער דער הייליקייט פון נייעם פאַרמעט,
אין ווינקל אונטער אַ נידעריקן באַלקן.
ווי פייגל צווישן קאַלטע כמאַרעס און גרויסן גרויען ים
אויף וואַגל אין די הוילע פוילע ווינטן,
זיינען מיר דורך יענע רויע טעג געשוואוּמען.
צו וועלכן ברעג זיינען מיר געקומען?)

גרוי און וואַכעדיק ווי תמיד אויכעט היינט
אין אָוונט פון חברשאַפט אַרום גרויסן טיש,
פאַרן ברויט פון אָפשייד, פאַרן מאַלצייט פון געזעגענען.
נאָך יאָרן עול און אביונשאַפט, וואָס האָבן זיך אָנגעהאַלטן
האַנט אין האַנט ווי וואַנט אין וואַנט.
און מיטן וואַרימען און פראָסטן אידישן וואָרט אין האַנט
צעווישן גרויסע שבטים, שטעט און הויכע קלויסטערס
מיט גאָלדענע און טונקעלע אייזן־צלמים.

די לעצטע נאָנטע דיינע, פּראָסט־אָרימע מענטשן,
וואָס האָבן זיך צונויפגעקלאַפּט אַ קליינטל אויפן וועג
וואו די עפּאָכעס שפּאַלטן זיך, צושיידן זיך.
אַן אבלדיקער אויספּאַרקויף פון דער ירושה־נייוואַרג:
אַ גראַשן אַ בלאַט מענדעלע און אַ דרייער — פּרץ.

יעדן דאַנערשטיק און שבת אַ מציאות־יומטוב.
אין שמאָלסטן הינטערגעסל האָט זיך אויפגעעפנט אַ חדר
דעם לעצטן דור צו לערנען אַ צורת־אות,
אַ קדיש־ליד וועגן דער קליינער היימשטאָט דאָרט
מיטן פאַרשוועכטן הייליקאָרט.

דאָרט זיינען נאָך געבליבן שוואַרצפויגל פאַראומערטע
אויף די טויזנטיאַריקע אַלט־אייביקע בוימער.
די קראָען זיינען ביזן האַלבוועג נאָכגעפלויגן.
די וואָגנדלער מיט טויטע אויפן וועג אין פרעמדקייט,
און צוריקגעקערט זיך צו די אייביקע בוימער,
צו די פרומע דעכלאָך איבער די שטילע אוהלס.

מיר האָבן לאַנג פאַרצויגן אונזער לעצטע סעודה
און פרימאָרגן, ווי אויסגערוטע, זיך געלאָזט איבערן שטאָט.
פאַראַן דאָ ליב־געבליבענע זאַכן אין די הינטערגעסלאָך:
אַ היימלאָכע פרעמדקייט קוקט געטריי און טרויעריק אין פנים —
לבנה־ליכט אין שטילקייט, ווי אין אַ בלויען ברונעם,
און שמייכלענדיקע, קינדערש־וויינענדיקע סימנים
וואָס בעטן זיך פון שטויב אַרויסנעמען און ניט פאַרשעמען,
און אויף די הענט זיי נעמען.

# אַלטע וועלט

אַ איד מיט צוויי ברייטע קאַפּאָטע־פּאָלעס,
מייַן קאַריצער תּושב פון לאַנג, פון לאַנג.
בייטשן־קנייטשן טייטשן אויף זיין שטערן דעם רמז „גלות״,
און אין די אויגן פינקלט שמייכל — בראַצלאַווער געזאַנג.

ער שטעקט נאָך ערגעץ איבער ווייטע ימען,
האָט נישט געהאַט דעם געהויבענעם זכות
צו ברעכן גרעניצן און צו צוימען צאַמען
און שטעלן אויף ניו־יאָרקער ערד זיין פוס.

און מוז דאַרטן אויף זיינע אַלטע ביינער
אַריבערטראָגן, אין וויסטער אַנגסט און נויט,
פון זיין צעבראָכענער וועלט די שטיינער
צום יונגן נייעם בנין וואָס מען בויט.

ער טראָגט און עס ברעכן זיך אים די קניען
און ס׳טונקלען זיינע מידע אויגן גרוי.
ווי פייגלען פליען די בלויע אינדערפריען,
און שפרייטן איבער די אייביקע פעלדער טוי.

און די בית עולם־בוימער, זייער אַלטע, —
שטאַרקע שטאַמען, צעשפּרייטע, ברייטע בערד.
מיטלאַלטערלאַכע גרויסע אייביקע געשטאַלטן
איבער דער מאָכיק קברדיקער ערד.

דער איד מיט די צוויי ברייע קאַפּאָטע־פּאָלעס
קומט יעדן פאַרנאַכט אַהין צוגיין,
און זאָגט קדישים, און מאַכט אל מלאָס,
און תּהילימס די נעמען אויף האָלץ און שטיין.

## צום בעל שם טוב

כ׳האָב דיך גערופֿן אין אַ שווערער נאַכט
און פֿון דער טונקלקייט פֿון אַלטע ספֿרים
ווי פֿון אַ נידעריקער שטוב אַרויס
ביזטו צו מיר אַרויסגעקומען, רבי, פֿאָטער.
איינגעבויגן, אַן שטעקן אַנגעשפּאַרט,
האָסטו דעם קאָפּ צו מיר אַרויפֿגעהויבן, רבי, פֿאָטער.

ביזטו דאָס דער, וואָס קינד און קייט
האָבן גערופֿן מאַן פֿון חדוה און פֿון פֿרייד ?
און ס׳האָט דער איינגעהאָרבעטער פֿאַרהאָרעוועטער מאַרק
פֿון זיינע לענדן לויזגעלאָזט די דיקע שטריק
און אויפֿגעהויבן זיינע מידע הענט צו דיר ?

און דורכגעגאַנגען ביזטו דורך דער אָרימגאַס
ווי פֿרישער וואַרים־וועקנדיקער ווינט
איבערן אויפֿגעעפֿנטן זומערפֿעלד.
ווי מאָרגן־ראָסע אויף די בלויע פֿענסטער פֿון דער וועלט.
פֿאַרוואָסזשע שווערט אַצינד אַן אומעט איבער דיר, אַ רבי, פֿאָטער ?

צי ווייזטו זיך נאָר מ י ר אינם געשטאַלט פֿון עלנטקייט ?
אַזוי ביזטו געווען אין דיינע אייגענע פֿיר ווענט,
אַזוי פֿון אַלע אומעט־שטיבלאַך זיך אַוועקגעשלעפּט,
און אויף דיין ריין געמיט, אויף דיינע בענטשנדיקע הענט
דער גרויער רויער זאַמד פֿון זייער זאָרג און וואָר.

און פֿריער ערשט האָסטו זיי וועלטן צוגעזאָגט
ווי אַ פֿאָטער זאָגט די קליינע קינדער צו.
קינדער שטרעקן אויס אַזעלכע ווייסע ערלאַכע הענט,
קינדער מאָנען זייער חוב.

צי אפשר האסטו גאר פאראיבעל איצט אויף מיר,
וואס כ׳בין ארויפגעטראטן אויף דיין שוועל און טיר
און אלע שאטנס, אלע טרויערן פון דער וועלט
האבן ווידער זיך אויף דיר אראפגעלאזט:
און זעסט די געסלאך אונטן דארט פארוויסט, פארלאזט,
דער חורבן ליגט אונטערן ערשטן שטילשווייגן פארהילט
א ציגעלע א גרויס טרעט עלנט טריט ביי טריט,
און ווייטער זעט מען דארטן קיינעם ניט.

כ׳נעם־אן דיין ארעם.
פיר דיך אויף די טרעפ צוריק ארויף
צום אלטן אוהל דיינעם אינם שטילן הויף.

א גיטן טאג דיר און גוטן תמיד, רבי, פאטער.

# אַזאַ פאַרנאַכט

איך האָב מיין לעבן אָרים געמאַכט,
איך האָב אַזוי געוואָלט.
וויפיל זילבערנע שטערן עס האָט די נאַכט,
און איינציקער נאָר — גינגאָלד.

די גאָלדענע שטערן זיינען זייער קליין
און פאַרוואָרפן אין דערוויַיט.
די זילבערנע שטערן גייען און גייען,
די גאָלדענע בלייבן וויַיט.

זיי הענגען טיף אין דער איינזאַמער הויך
ביים מערב, ביים מזרח ברעג,
אַזויווי די שיפלאַך ביים ברעג פון טייך
אין די שפּעטע סופזומער טעג.

די הימלען — קלאָר און שטאַרק און קיל,
די בוימער געל און ברוין.
און אַז ס'איז די גרויסע וויַיטקייט שטיל,
איז די גאַנצע וועלט אַליין.

דער קלויסטער קלינגט, די בלויקייט זינגט.
דער ערשטער שניי היינט פאַרנאַכט.
דער לאַנגער דאַרער בריוונטרעגער הינקט,
און די פרוי ביים פענסטער לאַכט.

דאָס בריוול קומט פון זייער וויַיט
מיילן יבשה און ים.
אַ בריוו איז אַזויווי אַ פויגל און פליט
פליט אַריבער דעם גרויסן ים.

עס רייסט זיך דורך שטורם און ווינט
און קומט אין דער שעה אויפן אָרט.
ביים גאָרטנפלויט שפּילט זיך אַ ליכטיק קינד
מיטן ויידנס ווייסער באָרד.

# ניגון־תיקון

אַ וואָגלער־שאָטן, אַ וואָגלער־מענטש,
און אַ דאָרן אויפֿן אַ דאָרן באַרג.
דער תיקון פֿון זייער צלם קלינגט
אינם בעטלערשן ניגון אין מאַרק.

זייער שטומקייט עפֿנט זיך הערלאָד אויף
פּאָרן אויער פֿון דער גאַנצער וועלט.
אַ ליכטיקער טרויער, ער האָט שוין זיין ליד
געפֿונען פֿאַר זיך אויף דער וועלט.

און דער וואָגלער הערט־אויף וואָגלער זיין,
און קומט צו דער וועלט אַהיים.
דער דאָרער דאָרן אויפֿן איינזאַמען באַרג
ווערט ווידער אַ גרינער בוים.

און איך האָב דעם דאָרן דאָרן דערזען
אַ ברודער אויפֿן באַרג פֿאַרנאַכט.
אין דער איינזאַמער שטילער גרויסער וועלט
האָט ער אויף מיר געוואַרט.

האָב מיין געמיט אין אים אַנגעלענט,
אַז זיין האָר און קנאַכיק געביין.
און דער פֿאַרנאַכט האָט אונז געטרייסט
און מיר זיינען נישט געווען אַליין.

# אַ קוימענקערער

אַ בעזים און אַ בלויע שמאַטע,
אַ לייטערל פון דרייצן טרעפּ.
אַז נידריק איז דאָ יעדער כאַטע,
און סאַזשע — אַ האַלבער אייל די גרעב.

אַ קוימענקערער, אַ לײדיקגייער,
אַ פרידלאַכער און דראַבנער גאַנג.
איך און דער ווייסער פּעטער שנייער,
צוויי גוטע ברידער שוין פון לאַנג.

איך רייניק אויס די קוימענלעכער
נאָך איידער ער שטעלט דאָ אַ טראַט.
יעדער קוימען אַ זילבערנער בעכער
צו רויכערן גינגאָלד פאַר גאָט.

קלאָרע הימלען, בלויען, הויכן.
אַ שטאַרקער טאָג. איך גיי אַרויס :
אַ פרייד ! ווי מיינע שלאַנקע רויכלאָך
זיך שלענגלען איבער איטלאָך הויז.

העל־זילבערן קלינגען גאַס און וועגן,
אַזאַ מין דין און שטיל געזאַנג.
און דער פאַרנאַכט קומט אַן אַנטקעגן
מיט זיין לאָמטערן : זונפאַרגאַנג

און גאָלד און גינגאָלד פון יעדן קוימען.
איך שטיי און קוק פון הינטערן פלויט,
און הער דעם הימן פון אַלע היימען,
ליכט און פייער, רו און רויט.

זיי פאַרגעסן אַלץ : די באַרוועסע היימלאָזקייט,
די קינדערשע הרוגים־הויפנס לעבן שפּאַניענס פאַרטן.
דאָס בלוט און דאָס געבעט הינטערן דאַכאַ־טויער.
זיי פראַוועז עלעגאַנטן לאַרבער־טרויער
נאָכן אומבאַקאַנטן לעגענדאַרישן סאָלדאַט :
געגילדטע ליכט. טישן זיס און זאַט.
און ס׳פאַלק, דער ריז, ווערט ווידער ברייטפּלייציק און שטאַרק
און קינדעריש, תם און חכם, זאַמדקערן און באַרג.
און אויף זיין אַלטן אייביק־זיך באַיונגענדיקן מאַרק,
איז ווידער אויספאַרקויף אויף אַכצניעריקע.
די אָרעמס אויסגעשטרעקט, די אויגן אַדלערש, שטאָלץ.
שטאָלענער טויט אין שמאָלן שייד פון האַלץ.
און — איך האָב זיך גרויס־וואונדערלאַכע זאַכן איינגערעדט,
און קאָן פון זיי זיך אַלץ נישט אויסניכטערן
און ס׳איז שוין אַזוי אומעטיק־פאַרנאַכטיק־שפּעט
איבערן גאַרן שטח־וועלט.
איטלאַכער פון מיין צוריקגעצויגענעם שטאַם האָט מורא
דורכגיין דאָס שטיק פעלד אַהיים צו זיך אין דאַרף,
אַרונטערלויפן אונטערן באַלקן פון זיין דאַך.
און — אויך איך פאַרגעס אין אַלץ.
און היינט גאַנצפרי בין איך שוין ווידער אויפגעשטאַנען
און די תאווה פונם וואָרט אויף מיינע שפּיצן־ציין
האָט האַרב געריצט די צונג, דעם גומען.
וואָס ווילסטו ליד ? וואו זאָל איך מיט דיר גיין ?
וואוהין דו בעטסט, איז קיינער באַר נישט אנגעקומען
און אין דער נאָנט איז דיר ענג. שמעקט מיט בלוט.
אַ קליין קינד האָט זיך אין פּגר־מיסט פאַרשלאָפן
אויפגעכאַפּט זיך אינדערפרי דערפרישט און אויסגערוט,
ווען די ביטערע ריחות בלוט דיך אויך ניט שאַטן,
אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן.

*
* *

אַ אַלטע בלעטלאַך אינעם בוך פון גוטע מידות.
די שורות פירן מיט אַ היימלאַך זומערדיקן ניגון
און לערענעו, און לערענעו.

און איך ווייס אַלץ נאָך אַזוי ווייניק פון די דינים
ווי אומצוגיין אויף אונזער טומלענדיקן מאַרקטאָג,
און ווען און ווי אַזוי אָוועקצוגיין פון דאָרטן —
פאַרשעמט, אַבי ניט צו פאַרשעמען.

אין מיין אומהיימלאַך לעבן בין איך ביז טויט־דערשראָקן
פאַר יעדן שאָטן ביי מיין ציטערדיקן פענסטער,
פאַר יעדן שאָרך הינטער מיין שוועל און טירן.

איך צאַפּל־אויף פאַרן געשריי פון מענטשן,
פאַרן גיפט פון בייזע ווערטער,
און פאַרן טונקלען חשד פון זייער שווייגן.

כ׳נעם אויף זיך אַ חלק פונם בלינדסטן עלנט, —
אַ טייל פונם בעל מום וואָס לעבט אָן ליבשאַפט.

עס שלאָגט מיך איבערן קאָפּ די בייטשד־אַנגסטן
פון אַלע דורכשלעפער פאַרביי מיין געסל.

און וואָס בין איך דען?

אַ בעלפער אינעם חדר פון אַלט־חסידות.

אַ אַלטע בלעטלאַך אינעם בוך פון גוטע מידות.

# די קרוין פון לויב

אַ שמיד נישט דעם קלוגן קיין קרוין,
און זינג נישט דעם ערלאכן לויב.
די פשוטקייט איז זייער קרוין.
די אָרימקייט איז זייער לויב.

ווי ריין ס'איז די מידיקע האַנט
אין דער פריי פון איר אייגענער מי —
פרישע זון אויפן איינזאַמענס וואַנט,
גרינגער רואיקער בלוי אינדערפרי.

זיין וואָרט און זיין אָרט און זיין טאַט —
צי בעטן דען בוימער אַ לוין ?
שטומער מורמל פון עפל צום בלאַט :
ביזט מיין שיצונג, ניט מיין קרוין.

די שיינקייט איז אַ קלאָרע טויב
מיט בשורות פון גוטסקייט אין מויל.
אין דער תפיסה־וואַנט די קליינע שויב —
ווייטע פריי, בלויע ליכטיקע מייל.

יעדער טאָג קלאַפּט אָן שטיל אין דיין טיר
פוניענערזייט האָפענונג : האָף.
איר שאָטן ליגט פרום ביי דיין טיר —
אַ פרידלאכע קינדערשע שאָף.

# וואונטשן

איך וועל אַוועקגיין פון די גרויע וואָכעדיקע שטעט,
זיין נאָך ווי אַ אינגל יונג און שלאַנק.
נאָר הערבסטיק קראַנק און מיד־פאַרנאַכטיק שפּעט
טוט בלוטיקן איבער מיין קאָפּ מיין ליד, מיין ליכט.

איך וועל נאָך וועלן קומען אין מיין ווייט אוקראַיינער דאָרף,
אַרומנעמען, געזעגענען זיך מיט מיין שטאָם, מיין אייגנלייב,
נאָר כ׳וועל שוין קיינמאָל מער נישט טרעפן צו דעם גרויסן
ברייטן פעלד,
וואו יעדער אינדערפרי איז יונגע בלויע אַנהויב־וועלט.

כ׳וועל ביי מיין שמאָלער אַלקיר־וואַנט נאָר בלעטערן מיין
אייגן ליד,
און הערן איז דער שטילקייט פון מיין וואָרט מיין אייגן קול:
ווי גלויביק כ׳האָב געקלונגען מיינע בענקענישן דורך דער
ענגער פרעמד
צו מיינע געלע שטעגלאַך היים, און בוים אינם פאַרישובטן טאָל.

עס וועט מיר זיין אַ רגע גוט וואָס אויף מיין ליד,
ווי אויף די שטרוידעכער פון מיין אוקראַייניש דאָרף,
גייט נאָך אַרום אַ היימלאָך יומטוב־וואָכעדיקע זון,
און ס׳שמעקט געשמאַק דער הארבער מאַנדל־ריח פון בלעטערפאַל.

און גרינג וועט מיר מיין דמיון זיין — וואָס איך האָב וואויל־
געקאַנט
מיין קליינע וועלט פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט.

# פּערציק יאָר מיטוואָך

קיינער פון אונז וועט דעם שטורעם ניט קאָנען אַריבערוואַרטן.
מיר וועלן געוואוינען דאָס קליינוואַרג צו זיינע געוויינען און קולות.
פאַריכט אייערע שטיבער, פאַרלאַטעט די דעכער.
דער זומער קומט ווידער צושווימען צו אונזערע ברעגן.
ביינאַכט קלאַפּט אין פענסטער אַ קורצער, אַ וואַרימער רעגן.
ווער פון אונז, קינדער פון היימלענדער ווייט הינטערוועגנס,
האָט זיך נישט וואָס צו דערמאָנען פון נעכטן און אייערנעכטן?
די שיינקייטן וועלקן נאָר זיי וועלן נאָך לעבן מיט אונז
ווי די יורדים, פאַרשטעקט אין די טונקעלע ווינקלען.
דער אַטלעס צעפעדימט אויף זייערע לענדן,
דאָס זייד ווערט צופאַלן נאָר צעווישן די קנייטשן פון זייערע פנימער,
לייכט נאָך דאָס אַלטגאָלד און מעש, ווי פאַרנאַכט־ליכט
אין שטיבער וואו ס׳רוט די ירושה — די וואָר און לעגענדע —
אַ וואָלף און אַ לאַם — ווי אין ספר ישעיה ווערט געזונגען.
מיר האָבן גאָרנישט פון דעמדאָזיקן פרידן,
וואָס קאָנען מיר ווייזן אויף אונזערע האַמעטנע גאַסן?
דעם וואָלוואָרט? די עמפּייר? ווער איז זייער פאָטער?
דער ספינקס, דער ניו־יאָרקער זונטיקביים שטיינבערג פון האַדסאָן
אָטעמט שאָטנס פון וואַכיקן לאַנגווייל און עלנט.
נאָר עס שווימען שוין שיפן מיט ברוכוואַרג פון אונזערע היימען.
אין קאַסטנס פאַרפּאַקט און אין שטרוי איינגעוואַרימט
די אַלטקונסט פון איבערגעזעטיקטן גייסט פון אייראָפּע, פאַרקברימט.
מיר וועט מען ברענגען אַ זכר פון חורבן — אַ קוימען
פון בראַצלאַווערס כאַטע, מער איז נישט געבליבן.
און דיר — אַ שטיק וואַנט פונם קאַריצערס אוהל,
שווער צו דערקאָנען אַן אות וואָס אויף איר איז פאַרשריבן.
חרובע ווערטער נאָר מיר קאָנען זיי נאָך לייענען חרוב.

און פון דעם, מײַנע ברידער פּאָעטן פון בראָנקס און פון ברוקלין,
דאַרפן מיר, — קאָנען מיר עפּעס פון אָנהויב טאָן אָנהויבן ?
אַז אײבּיקײט שטאַרבּט און אַז אײבּיקײט װערט געבאָרן,
און דער אָרימער מאַנטיק לעבּט אונז אַלעמען איבּער.
זײַן חן און זײַן חכמה איז די פּראָסטקײט פון קיד־טיש,
ער װעט זיך ערשט שפּעטער דערמאָנען די אײדעלע צײכנונג
פון אַלטע מצבות און דאָרף־אָרנאַמענטיק.
מיר זײַנען נזירים פון פערציק יאָר מיטװאָך,
פערציק יאָר ברוקלין און פערציק יאָר מאָנטיק.
און דעם שטורעם אַרום, איבּער ים און יבשה און הימל,
װעט אויך קײנער פון אונז דאָ נישט קאָנען איבּערװאַרטן.

# פון די בעל שם רע לידער

ספרימלאַד דערציילן נישט פון מיר קיין וואונדער־מעשׂות.
הויבן נישט מיין נאָמען אויף קיין לויבגעזאַנגען.

פון אַלע הייליקע שוועלן בין איך אָפּגעריסן
אין ענגע רויכערדיקן שענקל פון דער גראָבער ערלטע
פאַרדרימל איך מיין ביטערע שיכּרות.

די פרומע שולגאַס מוסרט מיך,
קומט מאַנען פון מיין האַנט אבֿדות.

כ׳קאָן אויך ווי זיי דאָס לשון פון באַרימערישע פּסוקים
און ענטפערן אויף די קבלה־רעטענישן
אַ קלאָרע דורכזיכטיגע תשובֿה.

כ׳קאָן אויך אויפהויבן אַ בייטש פון טערפקן מוסר,
כ׳ל רימענס סווישטשען איבער זייער קאָפּ
מיט גאָר אַן אַנדער נוסח, אַן אַנדער טראָפּ.

נאָר תמיד ענדיק איך מיט זיי מיט אַ וואָרט אין שמייכל,
פאַרדרוף זיך אויף מיין ערלאַכסטן לערער ר׳ קוהלת
און אַלץ ווערט פיין און פרידלאַך.

פון איינעם נאָר, וואָס קומט אַראָפּ אַהער אין ישובֿ
באַהאַלט איך אַלץ נאָך אויס מיין פּנים.
אַז איך דערזע אים פונדערווייטנס אויף אַ זייטיק געסל,
כאַפּ איך גיך מיין שאַטן אויף די פּלייצעס און — ויבֿרח.

כאַטש גלוסטן גלוסטן זיך מיר אַזוי אים נאָכקוקן אַן אויפהער,
איינזאַפּן אין זיך דעם אָטעם פון דער וועלט און פונעם טאָג

וואו ער גייט אַרום און אָטעמט.

זיין פּנים האָט אויף מיר אַמאָל אַזאַ־מין ליכטיקן שטראַל געטאָן,
נאָר כ׳האָב באַלד אַפּגעצויגן ווי אַ גנבֿ.
און נאָכדעם שוין אַ גאַנצן טאָג זיך אומגעבלאָנקעט
אינם נאָנטן פרעמדן דערפל.

אַרויס אין פעלד. פאַררעדט זיך מיט די פאַסטוכער.
דערקלערט זיך אין ערלאכער ברודערשאַפט
דעם אַלטן פערד ביים פעלדפּלויט.
דער סאַמעט פון זיין פעל האָט מיין האַנט געוואַרימט.
דער פייכטער אומעט פון די גוטע אויגן,
האָט מיר פאַרגעבן אַלע מיינע חטאים.

איינמאָל האָב איך א י ם פונווייטנס אויפן פעלד דערזען
ווי ער וואָלט זיך גלייך צו מיר געלאָזט.
איך האָב דריי ברייטע שפּאַן־געטאָן,
און דאַכט זיך אַז זיין רופן איז מיר נאָכגעלאָפן.

כ׳האָב זיך נישט אומגעקוקט
ביז כ׳בין געווען שוין טיף אין וואלד.
ערשט, ווען איך האָב דערזען די שטאַרקע בוימערשטאַמען,
האָב איך דערפילט זיך פון זיין בליק געשיצט.
האָב אָנגעשפּאַרט זיך אָנ׳ם רוקן פון אַ ברייטן בוים,
זיך אָפּגערוט.

און מיין געדאַנק האָט מיך גענומען מאָנען:
וואָס זוכט ער מיך אַרום דאָ אויף די פעלדער,
דער הייליקער מיטן גוטן נאָמען?

און — פאַרוואָס אַנטלויף איך פון זיין אָטעם?
און וואָס ציט מיך אים צוריקרופן:
אָט בין איך.
וואָס האָסטו מיר געבראַכט צוטראָגן פאַר אַ בשורה?

דאָס נאָקעטע געביין פון מיין געזינד אין ווייטן רייסן?
דעם הונגער פון מיין פינסטער ווינקל?

דעם טויטן ווינטער וואָס האָט זיך אַרויפגעזעצט
אויפן לאַד פון קוימען אויף מיין ליימיק שטיבל דאָרט ?

איז, אויב דו האָסט בכח אויסצוהערן אַזאַ וואַזשנעם תמים,
קאָן איך דיר אויך דערציילן זיבן וואונדער־מעשות.
געשען זענען מיר אויך נישט ווייניק ניסים.
טשיקאַווע אויסצוהערן אַזאַ מענטש אַ אידן,
ווי אַזוי ער האָט דערהאַרגעטביידע וועלטן.

האָב אויפגעכאַפּט זיך פון מיין דמיון,
דערזען דורך די געדיכטע בוימער־שטאַמען
דעם בלאַנק פון שטיבער־פענסטערלאַד אין נאָנטן דערפל.
אַ רואיקער האָט דער פאַרנאַכט געגידערט.
געבויגן, בין איך צוריקגעגאַנגען דורכן הויכן וואַלד.
זיך געוואונדערט אויף דער גרויסער שטילקייט
אין דער וועלט, אין וואַלד, אין מיר.

די בוימער האָבן זיך שיטערער צוזייט,
אַ גרויסע לויטערע רואיקייט
האָט פונם הימל אַראָפּגעקוקט.

אַ שטערן האָט זיך אין דער ווייט אַרויסגערוקט.

אַט איצט. אַט איצט איז די געווינטשטע שעה,
פאַרוואָס האָט ער מיך דאָ נישט אָפּגעוואַרט,
מיך, דעם שלעכטן זון וואָס האָט זיך אומגעקערט
פון קרומען וועג צום גוטן פאָטער.

אַ קאַלטער ווינט איז אומגעקראָכן אויף דער גראָזיקער ערד.

# חורבן

חורבן האָט געבעטן
איר זאָלט צו אים קומען,
זען איז אַש איז גרויען זיין מויי,
איידער ס׳דעקט אים צו דער שניי.

חורבן האָט אַ געסל
מיט דריי שטיבלאך,
אַלע דריי אָן דעכער,
און אָן טירן.
פענסטער — טויטע לעכער.
נאָר אַ קאַץ אַ ווייסע
פון פאַרן חורבן געבליבן.
זיצט די קאַץ די ווייסע
ביי אַ חרובן פענסטער.
נאָר די זון איז אַלץ יונג און שיין,
קומט זי צו דעם פענסטער צוגיין,
וואַרימט זיך דער חורבן.

חורבן האָט דריי זיידעלאך
מיט צוריסענע קאַפּאָטעס.
גייען זיך די זיידעלאך
אַלע דריי אינאיינעם.
רעדן דברי תורה,
רעדן דברי מורא,
רעדן דברי חורבן:

אַלע זיינען אויסגעשטאָרבן:
פיר מיידן — הויכע כלהס,
חתנים — לומדים זיבן.
וואָסזשע זיינען מיר דאָ געבליבן?

בכדי צ׳ קדיש זאגן ?
צוריסענע קאַפּאָטעס טראגן ?

איינער זאגט זיך שפּאַסיק־כעסיק :
אַז מען וועט מיך פירן אין גן עדן
וועל איך זיך נישט לאָזן.
כ׳וועל נישט וועלן אויסטון פון מיין לייב דעם חורבן,
די צוריסענע קאַפּאָטע,
און די בושה פון מיין פּנים.
זאָל ברענען, גאָט, די שאַנד איבער מיין פּנים :

פיר מיידן — הויכע כלהס,
און צוואַנציק דעמבענע יונים.

חורבן האָט אַ אינגעלע,
אַ יתומל — פון חורבן,
גייט ער איפן בית־עלמין שטעגל
אפילו אין אַ קאַלטן רעגן.

צוויי שוועסטער האָט ער דארטן,
און אַ טאַטן מיט אַ מאַמען.
הייסט אים דער לאנגער שמש
זאגן נאָך זיי תהילים.
רעדט ער צו זיי תהילים,
דערציילט זיי שטיקער תהילים.
שטייט און וויגט זיך איבער די בערגלאך,
וויגט זיך,
וויגט זיי,
וויגט זיי.
שלאָפן אייך די שטילע בערגלאך
אונטערן תהילים־ניגון.

חורבן האָט געבעטן
אַלע קינדער זאלן קומען,
אַלע זיידעלאך אויכעט.

פון די הויפנס שטיין און ציגל
וועלן זיי קאָנען אַ בנין בויען.

## וואסזשע פאַר אַ בנין?

פון אַזעלכע אומעטיקע ציגל,
פון אַזעלכע טרויעריקע ציגל
קאָן מען אַפילו,
קאָן מען אפילו
אַ בית המקדש בויען,
אַ בית המקדש אין סאַמע מיטן
אין סאמע מיטן חורבן.

יעדער שטיין איז הייליק,
יעדער זאַמד איז ראוי,
יעדער ברעטל קודש.
ווער האָט זיי געהייליקט?
אונזער פּיין איז טומאה,
אונזער שיין איז וויטיק.
פון אונטער די האַלעוועשקעס,
פון אונטער די שוואַרצע אַשן,
קריכט זי אונזער שענדונג
אין איר כלה־זיידנס,
אין איר ווייסן שלעפּקלייד,
און זי שלעפּט נאָך זיך
די פיר צובראכענע חופה־שטאַנגען
און דאָס בלויע חופה־סאַמעט
אַ פאַרשווערטע שמאַטע.

צינדט אָן,
צינדט אָן,
צינדט אָן די ליכט די ווייסע,
די לאַנגע לאַנגע ווייסע ליכט,
די שלאַנקע ליכט ווי די כלהס
מיט די גאָלדענע קרוינען־פלאַמען.

רופט די חורבן־מאַמעס,
רופט די חורבן־מאַמעס
זאָלן זיי קומען בענטשן
די ווייסע ליכט, די כלהס

די ווייסע ליכטיקע כלהס.

אַט גייען זיי, די מאַמעס
איינגעהאַרבעט אין דרייען.
הויקערס אויף די רוקנס,
הויקערס אויפן האַרצן,
און אין לאַנגע קליידער שוואַרצע.

צינדט אַן די ליכט די ווייסע,
און בייגט דעם קאָפּ אַרונטער,
טיף טיף דעם קאָפּ אַרונטער
ביזן שטויב פון חורבן.

# הינטער אַ בעקער־קעלער

גאָט, היינט ביזטו אַביסל גוט צו מיר,
ווּעסט אפשר נאָך ווערן בעסער,
און כ׳האַלט מיט גוטסקייט איז מיין האַנט
דאָס שאַרף־געשליפענע מעסער,

און שנייד און עס מיין ביסן ברויט
און נאָכדעם ווילט זיך מיר בענטשן,
וואָס האָב איך צו קליין־מאָנטרעאַל
צו די גאַסן און צו די מענטשן.

פאַרגיב די נעכטיקע טענה מיר,
וועל איך זיך אויך פאַרגעבן,
און נאָכשפּירן דיין נייעם וועג
ווי אַזוי און מיט וואָס צו לעבן,

און נישט נאָכלויפן די צייכנס ליכט
וואָס רייצן מיר מיינע אויגן,
און וואַרטן אויפן שטילסטן ליד
איז טיפן געדולד פון שווייגן.

און די ליידיקע טעג, די ליידיקע טעג,
א לאַד זיי מיר אָן מיט משא.
עס ליגן הויפנס מיט ברודנער זאָרג
איז די טונקעלע אונטערגאַסן.

דעם זכות צו אַפּראַמען אַ טייל
דערפון — זאָל איך זיך פאַרדינען,
אַז אויפכאַפּנדיק זיך פון מידיקן שלאָף,
ביי אַ וואַנט — זיך אַליין געפינען —

אינמיטן טאָג, דער מאַרק רעשט,

און איך, ווי אַ הונט אָן אַלטער,
בין געלעגן ביי אַ וואַנט אין דער אונטערגאַס,
און אין שלאָף זיך אויסבאַהאַלטן.

דער מאַרק איז בייז געוועזן אויף מיר,
און האָט מיך פון זיך געטריבן.
דער בעטלער האָט אַ חשוב אָרט
ביי זיינע פיס זיך פאַרקליבן.

און איך האָב נישט קיין אָרט געהאַט,
האָט ער מיך אַוועקגעוואָרפן
אַ מידן ביי דער וואַנט אַט־דאָ.
אַ זויערער ווינט אַ שאַרפער

שלאָגט פוניענערזייט וואַנט אַרויס,
און די זויערקייט ווערט געשמאַקער.
אַ בעטלער אַ פאַרמעליקטער שרייט:
צייט שוין די לעקאַכן באַקן.

# אַלצאיינס

אויך די מעשים ווערן בטל
און דאָס שענסטע וואַרט בלייבט שטיין
אין זיין גרויען שטומען שאָטן
הינטערן מצבה־שטיין.

כ׳בעט נאָר: פון די טריבע גאַסן
פיר מיך קיינמאָל נישט אַרויס,
און דאָס איינגעלע דאָס בלאסע
לאָז זיך שפּילן ביי מיין הויז.

און די טעג, די זומער־שפּעטע
מיטן קראַנקן שטראַל אין אויג,
זאָלן רייסן פאַר מיר בלעטער
פונם קופּערדיקן צווייג.

ציטערדיקע האַנט, רחמנות,
שפּיל דיין ליד אויף מיין געמיט.
כ׳זע די כיטרע מויד ליצנות,
ס׳אַרט מיך און — עס אַרט מיך ניט.

אויך הינטער איר שפּיציקן שמייכל
אומעטיקט אַ סוד און טריבט
אין דעם וויטן ניט־דערגרייכן
איז זי ווי אַ קאַץ פאַרליבט.

נאָר זי קאָן זיך קלוג פאַרשטעלן,
ווילדע פעדערן אין הוט,
גייט פאַרביי די גרויע שוועלן
וואו דער שטילער דלות רוט.

זאָגט אפילו נישט גוטנאַוונט,
נאָר איך וויים, איך וויים, איך וויים:
אונזער טרויער איז איר נאָענט
אונזער פּראַסטקייט אויך איר טרייסט.

# פון פאַרוואונדערטע טעג

אַריבער זייער לייב די שווערד, די האַק,
אַריבער זייער אַקסל די שאַנד, דער זאַק,
און איך פונדערזייט וועלט, פונדערזייט ים
מיט מיינע וויסטע ווערטער, שווייגן, סם,
גיי דורך די ליידיקע פרייקייטן צו טויבע מאָרגנס
מיט מיין קליין אינגל פאַרן האַנט.

זיי זאָגן אַז איך דאַרף מיין אינגל לערנען
די בלעטער פונם פאַלק,
זיין דאַרנדיקן מאַרשרוט
דורך בלוט און מדבר און דורך פייער־זעאונגען
ביי ים־ברעגן, ביי שטערנליכט אין די נעכט,
ווען די מזלות פינטלען אומהיימלאַכן רמז, —
מיין אינגל וויל אַ פשוטערן אמת.

איך קאָן אויף גאָרנישט אָנווייזן
שוואַרץ און ווייס
אַז דאָרטן איז דער וועג אַוואו מיר ציען,
אַז דאָס איז די כלי זיין פאַר אונזער האַנט.

איך מיאוס זיך פאַר דער גבורה פון די אויבערשטע
און דאָס ל״ג בעומר ביקסל שטעק איך אין דעם פויסט אַריין
פון אינזער בייזלאַכן פאַרגווייאישטן בר־כוכבא,
און איך זאָג:

קיין בעסערס און קיין שטאַרקערס האָב איך נישט.
קיין שענערס און קיין ערלאַכערס האָב איך נישט.
קיין קליגערס און קיין וואוילערס האָב איך נישט.

און איך וועל אין מיין זיידנס חרוב שולעכל אַוועק
זיך משפטן מיט גאָט.

זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט
און דעקלאַמירן ביאַליקס שרעק און כעס
און פײַן־געגראַמטע נביאותן,
און אַלץ נישט זען קיין אויסוועג.

אַ לעצט קליין שטיקל קאַמיש נײַס
וועט אין געדעכעניש מיר האַרבלאַד שמײַכלען
און אויך נישט לאָזן ווערן פינסטער־בײַז:

אין אַ הינטערגעסל־ אין לאַנדאָן דער שטאָט,
זיצט אַל־סעלאַסיע אין אַ שענקל
פּאַרטרינקט דאָס צירונג פון זײַן קעניגרײַך און פון זײַן גאָט,
און ס׳זילבערט זיך זײַן שלמה־המלכדיקע באָרד,
מיט אים קאָן מען נאָך אויסרעדן אַ וואָרט.
ער שעמט זיך נאָך צו ווײַזן אין דער טאָרבע, דער נאַיוועד יורד,
און מלכות־אום לעבן דער שטאַלוואַנט אינם ישובֿל,
און מרה־שחורהט.

# נאָך זיין לויה . . .

נאָך זיין לויה זיינען נאָכגעגאנגען
אַ בעטלער און אַ הויקער און אַ קינד.
און פון זיין מיטה זיינען אַראָפּגעהאַנגען
די אַרבל פון אַ שוואַרצן ראָק אין ווינט.

און נאָך דער זונפאַרגאנג האָט זיינע פאַרבן
צעוואָרפן אויפן הימל גרויס און רייך,
און האָט געטרויערט אויף זיין יונגן שטאַרבן
מיט רויטלאַכן זיך גאָלדנדיקן רויך.

און ביי דעם גרוב האָט נידריק זיך געבויגן
דער הויקער און ער האָט אַזוי געזאָגט:
מיין ברודער מיט די טרויעריקסטע אויגן
איך בענטש די שטילקייט פון דיין אייביקן טאָג.

אַט קלאַפּ איך אויפן קבר מיט מיין שטעקן
און ס'ענטפערט מיר דער עכאָ פון דיין קול.
דאָס לעצטע מאָל וועל איך אַ רגע דיר נאָך וועקן,
דיר מיטגעבן די טרייסט פון אונזער גאַנצן טאָל.

און אַט־דאָס קינד וואָס שטייט ביים גרוב דערנעבן,
דאָס האָב איך פאַרן האַנט אַהערגעפירט
צו ווייזן איר די רו איבער דיין לעבן,
דאָס בענטשנדיקע צאַנקען פון דיין ליכט.

וואָס זאָל איך זאָגן? אַז ביזט גוט געוועזן,
און אַז דו האָסט פאַרשוויגן שלעכטס, און בייז?
בין נאָר אַן אורח ביי דיין טיש געזעסן
און ביי דיין אָרימער סעודה זיך געטרייסט.

דיין ליד — דיין ברויט, דיין ליד — דיין בלוט און וואָרים —
כ'האָב זיך אַראָפּגעבויגן און זיך איינגעהערט.
דו האָסט געזאָגט: מיר זיינען אַלע אָרים,
ווי אָרים ס'איז אַ גרויער קערן ערד.

# חוב און שרעק

פאַראַן איז אַלץ גאָטס גוטער חסד,
אפילו אין דער שוואַכסטער האַנט;
אין שוואַרצן שאָטן פון אַ דאָרן;
אונטער אַן איינגעבויגענער וואַנט.

ניט זיי געפאַלן, האַרץ, — אַ בעטלער
וואָס האָט קיין שוועל ניט און קיין דאַך,
גייט ערלאַך אויפמאָנען גאָטס חובות
אויף יעדער שוועל, אויף יעדן שליאַך.

ווער איז אים דען קיין חוב ניט שולדיק?
און דער וואָס צאָלט נישט איצט, — ער וועט
זיך איילן מיט זיין משא חובות
פאַרנאַכט — עס זאָל נישט ווערן שפּעט.

און איטלאַך שאָטן פון אַ בוימל,
און איטלאַך ווינטל, דאָרט און דאָ,
וועלן אים שרעקן און אים טרייבן
אין יענער טונקעלער שפּעטער שעה.

עס פאַלט דער לעצטער זונרויט פיבעריק
פון דאַך און צווייג און לעשט זיך קאַלט.
אין מערב שוועבט אַ גראָער וואָלקן,
ברענט שאַרף אַ בלוטשטראַל אין זיין פאַלד.

אַ שאָרך פון אַ געעפנטער טיר וואו,
אַ פענסטער צינדט זיך אָן פון ווייט.
אָט איז דאָס ערשט געבויגענע שטיבל
ביים וועג וואָס פירט צום דאָרף פון נויט.

אַ אינגעלע אַ דאַרס, אַן אומעטיקס
לויפט ציטערנדיק אין גאַס פאַר קעלט.
און טיפער אומענדלאַכער טרויער
ליגט היימלאָז איבער דער גרויסער וועלט.

# קידושהעולם

איטלאַד קליינשטאָט אין מיין גרויס־אוקריינע —
אַ שטאָט פון דער מלוכה׃   גלות.
פון אומעטיקע אינגלאַד וואַקסן אומרואיקע אידן,
פלאַקערדיקע אויגן, פלאַטערדיקע פּאָלעס.
דער וואָכעדיקער גאָט אין תפילה־שטיבער
איז אַ פאָטערלאָכער גוטער היימישלאָכער זקן.
דער שבתדיקער — טרעט מיט גרינגע שיך און ווייסע זאָקן,
שמעקנדיקע ליבע־לידער׃   לכה דודי,
קום מיין פריינט אויף קבר־חורבות פון אוקריינע,
מיר׳ן זיך דערבעטן אין די אויסגעלאָשענע געצעלטן
אויב מען קאָן דאָרטן נישט אָנצינדן קיין יאָרצייט, —
כאָטש אין דער טונקל שטיין פון יענע טיר־און־שוועלן
וואו ס׳רוען דיינע גרויסע הייסע חסידים, פּשוט, אָרים פאָלק.
וואָס איז ער דען געווען דער בעש״ט הקדוש
אויב נית קיין חסיד פונם שטילן שוסטערל
דער לאָטוטניק פון די אביונדיקע קינדער.
אַזי שפּעטע ווינטערנעכט, פאַרהילט אין קאָצענעם קאָזשוך
האָט ער זיך אומגעשאָרט פאַרביי׳ען שוסטער־פּענסטערל
אַהין צוריק
דורכן רויכערדיקן שויב געכאַפּט אַ גיכן בליק
אויפן געבענטשטן מענטשן אין זיין מי.
דער שניי איז זיך געוואַקסן — באַלד שוין ביז די קני,
די נאַכט האָט קיין לבנה נית געהאַט,
נאָר שיין איז זי געווען ווי זייד און גלאַט.
די שטיבלאַך, פרידלאַכע אויף זייער אָרט
אַ בוימל דאָ און דאָרט
מיט ווייסע קאָפּ־און־באָרד.
און אין ביתמדרש ברענען אַלע פענסטער העל,
אַ ווייסע שטילקייט בלית לעבן בית־מדרש שוועל,
אַ בלויער כשוף שפּראַצט אויפן בית מדרש דאַך
און דער בעל שם טוב גייט אַרום איבער דער ווייסער וועלט —

האַלט וואַך
איבער דער לויטערער נאַכט.
ווייל וואונדערלאַך איז דאַך דאָס זען אַליין
די שטיבלאַך־היימעלאַך איבער דער ווייסער שפּעטקייט שטיין.
אַ פענסטערל לעשט זיך אויס,
אַ טירל מאַכט זיך צו,
אַ שטיבעלע שלאָפט איין איבער דער ווייסער רו.
און דאָרטן אינדערהויך — אַ שטיבעלע אַ ווייס,
אַ פענסטערל דאָרט — וואו ?
און דער בעל שם טוב האָט זיך אויפן מיטן גאַס אָוועקגעשטעלט
און שטילערהייט מקדש געווען די ווייסע וועלט
כאָטש די לבנה אויפן הימל האָט געפעלט.

# אַ ליד צו א. מ. פוקס

דו קאַנסט דאָס האַרץ פון פערד
און די נשמה פונם ברודערלאַכן הונט:
קאָנסט רופן גאָר די וועלט: מיין ערד,
און יעדן קריכנדיקן זשוק אַ נייעם נאָמען געבן
און ס׳וועט זיין דער נאָמען וואָס אים פּאַסט.
ווי דאָס געוויקס פון דר׳ערד וואַקסט פון דיין ליפּ אַראָפּ
דאָס וואָרט מיט הענט און פיס און מיט אַ קאָפּ
צופלייצט אין בלאָנד־קרויזן פון ווינט.
דיינע שורות, זיינען הויכע בינט
פון ווייץ, זיינען גאָלדענער בייטאָג
איבער די דעכער־כאַטעס פונם זאַטן דאָרף
ווען ס׳ברויט איז שוין אין שייער איינגעזאַמלט לאַנג.
דיין פּראָזע איז מיט טויזנט וואונדערלידער געזונט און קראַנק,
דו זינדיקער, דו ערלאַכער,
דו תמים און דו קינד.
דו חכם, העלזעער אין דער וויסטער בלינד
פון הבל הבלים־יאוש וואו דער טויט לאָמט אום —
אַ שוואַרצער בעטלער אויף אַ וויסטן קלויסטער־הויף.
דו האָסט מיט אים געפירט וויכוחים וועגן גאָט
און וועגן זיך און איטלאַכן וואָס איז איינגעשפּאַנט
אינם געבאָט פון אייביק לאַנגווייליקן ווידעראַנאַנד.
ער האָט געפירט מיט זיין ביינעריקער האַנט דיין האַנט
און מיט זיין כישוף אַנגעהויכט דיין דערציילונג־ליד
און ס׳איז געוואָרן פולער זאַנג פאַר רייפן שניט.
און ס׳איז דיין וואָרט דער פויגל מיטן בלויען טשוב
וואָס פליט אַוועק פון אונטערן געזימס אויפן זיידנס שטוב.
און ס׳איז געוואָרן דער שאָטן פון רו איבער די ברעגן לאַנד
ווען דער הערבסט לייגט זיך אַוועק — אַ קראַנקער הונט
הינטער די שמעקנדיקע שפּאַרעס פון דער שייער־וואַנט.
דיין וואָרט איז יונג ווי צוויט,
דיין וואָרט איז אַלט —

אַ דעמב אַ טויזנטיאָריקער
וואָס דער בליץ צושפּאַלט
זיין שטאַם און ער בלייבט שטאַרק און מעכטיק מיט זיין וואונד.
די בלעטער גרינע העל,
די צווייגן שפּרייטן זיך ברייט און הויך.
אויך דיך קאָן מען מיט גלויבן אָנרופן :  גאָטס מידער נביא
וואָס קאָן ניט אָפּגיין פונם דור וואָס גייט אַוועק,
ניט שלום מאַכן מיטן דור וואָס קומט צופליִ׳ן
אויפן שטאָל־אָדלער נאָך רויטן הונגעריקן רויב.
האָסט אָנגענומען אַזאַ סודותדיק געשטאַלט,
פון אונטער דיינע טונקלענדיקע פליגל האָט אַרויסגעשטראַלט
דער מאָרגנאויפגאַנג אויפן פרישן הימלבראָג
וואָס טראָגט אַ קויש מיט וויין־פּירות
און זייט זיינע געשמאַקע ריחות איבערן גרויסן וועג.

# שנייںאַכט

דעם צדיקס שטיבל — דלד על דלד,
פיר איינגעהויקערטע אַלטע ווענט.
ווען אַלע פענסטער שטייען שוין פינסטער,
לייכט אויף זיין פענסטערל און ברענט.

אַלע ווייסן: דער צדיק לערנט.
ער לערנט ביז שפעט אין דער טיפער נאַכט.
און אַלע שטיבער שלאָפן רואיק,
דעם צדיקס פענסטערל האַלט וואַך.

אַמאָל הויבט זיך אויף ביינאַכט אַ שטורעם,
אַ רעגן פאַרטשעפעט זיך מיט אַ ווינט,
און רייסן זיך ביי די לאַנגע עקן
פאַרפלאָנטערט אין דער נאַכטיקער בלינד.

אַ רגע הויבט דער צדיק אויף די בליקן
און ווידער אין ספר זיך איינגעטיפט:
וואָס זיינען מיר? אויף ים און שטורעם
אַ שוואַכע שווימענדיקע שיף.

אַמאָל און ער טרעט צו צום פענסטער:
פון דער הויכער נאַכט אַ שניי פאַלט ריין.
דער ערשטער שניי, — אַ גאַסט אַ גוטער
איז פאַר זיין פענסטער געבליבן שטיין.

ער שטייט ביים פענסטער. אַ פרייד אַ קלאָרע
נעמט אים אַרום מיט אַ ווייסער האַנט.
אַ קלאָרע רו דעקט צו די דעכלאַך
די שוואַרצע חורבה אַנטקעגן דער וואַנט.

ווי פון אַ נייעם ליכטיקן ספר
וואַלט זיך אַ בלאַט אים אויפגעמישט.
און איטלעכער וואָרט קלינגט ניי און ערלעך,
און איטלעכער וואָרט דערפרייט, דערפרישט.

# דאָס שטילסטע שטיבל

צו ז. פ.

איך רוף דיין שטיבל אָן: גאָט רו־אָרט,
דיין זאַמדיק הויפל דאָ: גאָטס הויף.
די קליינע ביימלאַך ביי דעם פאַרקאַן:
די גוטע היטער ביי זיין הויף.

און דו אַליין, דו שטילסטער, לעצטער,
דיך האָט ער אויך געשיקט צו מיר —
אַ ליבער פרידלאַכער שליח
מיט טרייסטנדיקער רו פאַר מיר.

כ׳האָב אַלע נויטן בייגעקומען,
פאַרוואונדיקט און — געבליבן שטאַרק.
ניט אַלע שונאים בייגעקומען,
נאָר אַלע האָבן מיך געשטאַרק.

געבענטשט זאָל זיין די שעה די פריע
וואָס איך בין אָנגעקומען אַהער,
געבענטשט די מידע שעה די שפּעטע
וואָס קומט זיין שטיל מיט מיר אַהער.

און וואָס איך האָב דיך אָנגעטראָפן,
און האָב אָן דיר זיך אָנגעלענט,
ווען כ׳בין פון זיך און וועלט אַנטלאָפן,
און קיינער האָט מיך נישט דערקענט.

דיין וואָרט — אַ פרישער אָטעם וואַסער
פונוויטנס, — אויפן פאַרשמאַכטן וועג.
פונווייטנס בליט אַ גאָרטן וואַסער
און זילבערט זיך שוין מיט זיין ברעג.

בין ביי ד י י ן ברעג געבליבן ליגן —
ביים גרעניץ פון אַ נייער וועלט.
איך רוף דיין שטיבל אָן: גאָטס רו־אָרט,
דאָס שטילסטע שטיבל אויף דער וועלט.

# צו די טייערע פון די קליינע שטעט

איך קליינעם געמיט — וואָס הויערט דאָרט ?
דאָס קינדערשע גאָרן נאָך אַ צויבערלאַד וואָרט.
דער וועג איז פאַרשטעלט צו דער ווייטער גרויס.
און שמאָלע פענסטער אין געבויגענעם הויז.
און די בענקשאַפט וואַקסט מיט יעדן טאָג
מיטן אוונט־געזאַנג פונם קלויסטערשן גלאָק,
ווען די זון פאַרגייט מיט גינגאָלדענע טריט,
און אַז איינציקער פויגל אין דער ווייטקייט פליט.
פליט און ווייסט נישט אַליין וואוהין.

הער מיך אויס, קליין געמיט : נאָך אַ שעה, אַ וואָר
וועל איך קומען צופליען אונטער דיין דאַך.
און צענטויזנט גרוסן פון גאָר דער ערד
וואָס איך האָב געזען אומעטום און געהערט,
פון אַלע וואָס האָבן געפרעגט אויף דיר,
וואַרף איך ווי צוויט אויפן שוועל פון דיין טיר.
און גאָר נישט און צי נישט דיינע שיינע הענט
מיט טרויער דורך די שטויביקע שטוביקע ווענט.
די וועלט איז גרויס,
זי איז אויך ניי און שיין,
נאָר — מען דאַרף אַזוי ווייט נישט גיין.

און גענוג אַז דער מילדער וואַרימער ווינט
טוט אַ שפּיל נאָכן רעגן
און דער בוים צוגרינט.
און די זון, אויסגעוואַשן, מאַמעדיק־וואויל
קושט דיין אויג און דיין ברעם מיט איר רויטן מויל.
און דו ביזט אַליין ווי פון אַ בוים אַ צווייג
מיט דיין בלייכן בויג און דיין ווייכן נויג,
און נאָך אַ יאָר, און אפשר נאָר אַ האַלבס
און שיין ווערט דער משל פון נעסט מיטן שוואַלב.

און שיין איז זיין אייביקער מיין:
ביי מיין שוועל בלייבט דער זומער שטיין.

איך עפן מיין טיר און איך לאז אים אריין.
מיין אויג איז האניק,
מיינע ליפן וויין.
און איבערן הויפנדל פוד און שטרוי
ליגט די נאכט מיט איר חלום:
טוי און בלוי.
איך האלז אים מיטביידע פליגל ארום,
ער ציטערט: דער ווינט איז דער נאכטשפעט ברומט.
ער רייסט פון מיינע בוימער דאס בלעטערוואַרג.
ניט שרעק זיך גוטער,
אויפן הויכן בארג
בלייבן ליכטיקע הויכע דריי בוימער שטיין.
אז גרין און אז בליט נאר אייביק שיין
קוקט ארונטער פון דארט זייער לויטערקייט דין.

מיר וועלן אהין איז דער אוונט־שעה פלי׳ן
אויפן גאלדענעם קופאל פון דער וועלט.

# פון קאָרעץ

**א.**

אין אונזערע געסלאַך זיינען געדיכט געוואקסן
לעגענדעס און צושפּרייט זיך אויף דער ווייטער ערד —
פון פרומע ווייסע ציגעלאַך וואָס גייען אום פאַרקלערט
איבער די פעלדער דערנער, קראַפּעווע פאַרוואַקסן.
פון אוצר־זוכער אין די גריבער ליימען,
שוואַרצע בשורה־אַנזאָגער אויף אַ קרומען קוימען.
און וואָס ס׳איז שוין דערנאָך אין אונזער טאָל מיט עמיצן געשען,
איז נישט אומגעריכט געווען.
נאָר אַז די שווערע צייטן האָבן זיך פאַרצויגן,
דער ישוב האָט זיך נידעריקער איינגעבויגן,
די גזירות ווי די שטיינער זיינען געפאַלן, געפאַלן,
האָט איינער פון די שפּלע דעם רוקן אויסגעגליכן,
די גראָבע שטריק פאַרצויגן אַרום די לענדן,
און אַ זאָג־געגעבן: אידן,
כ׳וועל זיך לאָזן נאָך משיחן.
און — איז אַוועק.
און פונדאָסניי האָט אַ לעגענדע
ווי אַ שטראַל פון וואָלקן זיך אַדורכגעשלאָגן.
אַ אידעלע האָט פריילאַכער גענומען תהילים זאָגן,
און די טרויעריקסטע פסוקים אויפגעהייטערט.
די געסלאַך האָבן זיך געלייטערט.
און דער וואָס האָט געלאָזט זיך נאָך משיחן
איז נישט צוריקגעקומען נאָך ביז היינט.
דערפאַר
איז פון אַן אַנדער ישוב, אין אַ טאָג אַ ווייסן,
אַראָפּגעקומען איינער אין אַ פעלץ אַ גרויסן,
איז וואָס ער האָט גערעדט,
און פון זיין קול זיין קלאָרן,
ליכטיקער דער טאָג געוואָרן.

אקסלען האבן העכער זיך געהויבן,
אויגן האבן ברייטער זיך צונומען.
און עפּעס ליכטיקע ניגונים
האט דער ישוב געטומען אונטערברומען.
א ווייטער נאכקלאנג איז נאך דא פארבליבן
אין די ארים־ספרימלאד, ווי א ירושה פארשריבן.
נאר מער נאך זינגט ארויס פון דער לעגענדע
די בענקשאפט נאך יעגעם ארימאן,
וואס האט פארצויגן ענג די שטריק ארום די לענדן,
און זיך געלאזט מיט ברייטע גיכע שפאן
משיחן אויפזוכן און — איז נאך נישט צוריקגעקומען.

און קיינער ווייסט אפילו נישט זיין נאמען.

ב.

דאס לאנד פונוואנען כ׳בין אנטלאפן
האט אויכעט זיס געטריפט מיט בלויער מילך און רויטן האניק,
געבלענדט מיט ליכטיקייט פון הויכע ווייצן,
און גרויס, און אן א סוף ווי די הימלען אויבן,
זיינע יוירענדיקע זומער־ערדן.
די ראסע־טראפנס זיינען פעט און פול ווי טרויבן
אויף די הויכע גראזן געפאלן,
אויף די פרימארגן־שויבן.
און ס׳האבן מיר נאכגעשריען נאכן וואגן
שווער באלאדענע עפל־סעדער.
ביימלאך אויפן וועג האבן מיר נאכגעטראגן
בענטשונגען — דער ווינט איז נאכגעלאפן.
ס׳איז געווען אי פרייד, אי אומעט, אי לויה.
כאטש ס׳האט די זון איבערן גרויסן הימל געלויכטן,
די לופט געגליט מיט רייפע תבואות און פרוכטן,
די גרויסע ערד איז אומרואיק געווען אונטער די וואגן־רעדער.
איך האב מיט זיך געטראגן בענקונג, טרויער, גריסן
צו אלע פרעמדן אין דער וועלט
וואו אונזעריקע האבן זיך אפגעשטעלט
אויף דער וויל, אויף אייביק, תמיד.

דער שטויב אונטער די רעדער האָט געטויבט,
דאָס מיטנזומערדיקע פעלד האָט געזשומעט.
שווער־אומרואיק האָט געאָטעמט דער גרויסער אומעט
דער אומענדלאָכער אומעט פון דער וועלט.
און ס׳דאַכט זיך מיר אין דער מינוט,
אַז ס׳האָט זיך נאָך דער וואָגן אַלץ ניט אָפּגעשטעלט.

ג.

איטלאָך עלטער הויז דאָ איז לעגענדע,
און איטלאָך הויזגעזינד — אַ קליין־תנ״ך.
ביי פרידלאָכע פאַרנאַכטיקע סעודות
דערציילט מען אַלטע פרקים פונם אייגענעם שטאַם
וואָס פירן אויפן וועג צו ווייטע אבות.
איטלאָך קלייך־געזינד האָט דאָ אַ פאַטערל אברהם,
אַ מכניס־אורח, אין נאָענטקייט מיט גאָט.
און מיר, שוין אָפּגעריסענע פון הויכן זכות,
קוקן אַלץ נאָך אינם הייליקן פינקס,
זוכן צייכנס פון אַן אייביקער שליחות, —
דעם געבענטשטן טראָט פון אַ זיידנס פוס.
מיר נעמען פון דעם גרויסן אבות־פינקס נאָך אַרויס
די ווערטער־קערנער, זייען זיי אַריבער אינם נייעם דור,
זיי זאָלן ווידער אויפגרינען און וואַקסן.
און כאָטש מיר זיינען אַלע גוטע אַקערער
און פליייסיקע און פרומע זייער,
איז אונזער שפע נאָך אַ שיטערע.
די זאַנגען זיינען דין און נידעריק
כאָטש ס׳שפּילט אויף זיי דער וואַרימער תמוז־גאָלד
ווי אויף די פעלדער־בלעטער פון דער גרויסער וועלט : אַמאָל.

# הערבסט

מיר האָבן גאָר די פרייד און רו
אַוועקגעגעבן אונזער אינגעלע,
און אונזער אינגעלע איז בלאס.
איטלאַך נאַריש ווינטל אויפן גאַס
טשעפּעט אים און מאַכט אים מער נאָך בלאס.
האַלטן מיר אים אַ פּאָר טעג אין בעט,
וואַרימען זיין טרויעריקע בלייכקייט אויס,
און לאָזן אים צוריק אין גאַס אַרויס,
די גאַס איז גרויס,
דער טאָג איז גרויס,
און די יונגע זון איז גרויס.

מיר בייגן ביידע זיך אַריבער אים,
בעטן אים, גלעטן אים:
היט זיך, אינגעלע,
פאַרשפּיליע ס׳מאַנטעלע.
וויקל אַרום דאָס שאַליקל אַרום האַלז,
און גיי נישט דאָרטן לעבן פּלויט
וואו דער קאַלטער שאָטן גרויט.

און אַמאָל ווער איך זייער אומעטיק
און דו — אויך.
אַט־אָ האָבן מיר שוין גאָרנישט באַלד
מיט וואָס צו שטאַרקן, וואַרימען, ליכטיקן
אונזער אינגעלע און — אויף דער וועלט ווערט קאַלט.
און ער איז אַלץ נאָך אַזאַ קינדערש קינד,
אַזאַ מין אומעטיק קינד,
שטעלט זיך אַוועק אינמיטן טאָג
אונטערן פענסטערס בלייכן שיין,
זיינע שמאָלע אַקסלען ציִען זיך איין
און בלייבן אַזוי איינגעצויגן־שמאָל.

און שטייט פֿאַרטראַכט און טראַכט.
איך, אין מיין ווינקל
קוק מיט טרויעריקן פֿאַרדאַכט.
ער זעט נישט ווי עס צוקן מיינע קני.
און דו זיצסט שווייגנדיק ביים וואַנט.
דערווייטערט און ניט פֿון־הי.
שוין אַזוי לאַנג ווי אונזער בלייכקייט צאַנקט דאַ אויס.
מיר אַלע דריי וועלן זיך אויסלעשן
אין די פֿיר טונקלענדיקע ווינקלען פֿונם הויז.
מיר וועלן איינדרימלען און ס׳וועט די נאַכט־שעה שטילערהייט
אונדז איבערדעקן מיט איר טונקל קלייד.
אַוועקגיין און פֿאַרמאַכן הינטער זיך די טיר,
און קיינער וועט שוין מער נישט עפֿענען די טיר.

# ווי דורכן חלום

איך וועל דערציילן, ווי איך האָב דיך אַנגעטראָפן
אונטער אַלטע גרויע ווינטערדיקע הימלען.
דו קומסט נישט מער אין דיינע קליין־ישובים
זען דאָס פאָלק אין מאַרקן, אין פאַרנאַכטיקע קלויזן,
הערן דאָס געמיט פון אַלטע תפילות,
און פירן שטיל דעם חשבון פון געשטראָפטן.
אים מיט־זיך טראָגן דורך די פעלדער זון און ווייך — צו גאָט
און זיך צוריקקערן מיט אָפענע אָרעמס טרייסט און בשורה.
דו קומסט איצט נישט, דו וואַרטסט אויף אַ גאָר־נייעם טאָג.
אַזויפיל אומגעקערטע פון די פיר ווינטן וועלט און פרעמד
פאַרשפאַרן זיך אין אונזערע עלנט־ווינקלען
מיט וויסטע פנימער און שטומער בושה,
ווי לאַנג איז דען אַז דו ביזט דאָ אין אונזער גאַס אַרומגעגאַנגען
און פון דיין פראָסטן גאַרטל האָט געוויינט מיט שבת־יומטוב.
נאָר פונעם טראַכטן איצט דערפון און — ברייטער ווערט דער טאָג
און העכער אויף דער וועלט דער הימל.
און ווידער ביזטו דאָ צווישן אונז און האַלטס אונז אַז
ווען ס׳וואַקלט אונזער טראָט אין בייזן טאָג
און ס׳פאַלט די מידע האַנט איבערן האַרטן קאָפּ פון ברויט —
פאַרסמט פון שאַנד, פאַרקוואַרט פון נויט,
און יאוש פינסטערניש אויף די ליפּן.
האָסט זיבן טויטן איופּבּרעכן געדאַרפט אַצינד,
צולויפן־קומען אין דער וועלט, די פאַלעס אויפן ווינט.
איין רגע נאָר און — וואָלסט געווען אַ זעאונג אין דער נאַכט.
און איינער וואָלט אויף מאָרגן אויפן מאַרק דערציילט
וועגן אַ קינד אַ קראַנקס וואָס ס׳האָט די נאַכט געהיילט,
אַז אַנדערער האָט הינטערן פענסטער שפּעט דערהערט
אַ ליכטיק זינגען נידערן פון הימל אויף דער ערד.
און אינדערפרי האָט אַזאַ בלויקייט אין די שויבן אויפגעהעלט
אַ טאָג פון גאָר אַן אַנדערער און נייער וועלט.

# עלם, אינגל פון אַלטמאַדיע

עלם, אינגל פון אַלטמאַדיע,
וואָס שעמסטו זיך די גאַסן דורכגיין ?
ווייל דיין קאַפּאַטע איז אַ לאַנגע און אַ שמאָלע ?
דאָ וואוינען נייַ־פאַרשטעלטע געצנדינער פון דמשק
און גאָר דאָס גרויסגעביי איז נישט־דערוואַקסענע חכמה —
אַ קינדערשפּיל מיט טויזנט פענסטער־אויגן.
און דער צילינדער־האָר מיטן פאַנסקן פּנים
איז אַ ווילדער הויפטלינג פונם שבט זיקרופּ.
ער האָט מיט דער אייגענער פיינער האַנט דערשטאָכן
דעם איידעלן נביא פונם דערפל קאַקנאַוואַגאַ,
וואָס האָט געחזוקט פון זיין זילבער־צלם אויפן טמאן בויד,
און באַטרויערט דעם געלינטשטן עברי ד'אַניצירי.
דער איידעלער נביא האָט דערפאַר פאַרשפּילט זיין לייב
און זיין לעבן איז אַוועק ווי וויסטער ווינט
דורך גראָז און פלויט און מדבר־שטויב.
עלם, אינגל פון אַלטמאַדיע,
צונעם אַן בושה דיין קאַפּאַטע אויף די פליגל־פּאָלעס.
און אויב עס וועט דיר פרעגן עמיצער : איה הפּאַספּאַרט ?
זאָג אים אַז דו קומסט נישט פונם גלות־העליון, נאָר פון
נידער־גלות,
און דיין הויפּל מיטן אָפּגעבראָכענעם טויער
איז ערשט נישט־לאַנג אַוועקגעגאַנגען מיטן פייער.

# פאַרן אַוועקגיין

איך האָב דיר דאַכט זיך געזאָגט אַמאָל:
מײַן טאַטע האָט אויך אַזאַ מזל געהאַט.
אַזאַ דינע האַנט, אַזאַ ציטערדיק קול —
אין פענסטער אַ צווייג מיט אַ לעצטען בלאַט.

איז וואָס? — ס׳וועלן איבערגיין וואָך און טעג
און כ׳וועל זיך אומקערן צו דיר צוריק.
איז דען ניט מײַן גאַנצער לאַנגער וועג
פון דיר צו דער וועלט — אַ ציטריקער בריק.

און אונטערן בריק איז אַ וואַסער, אַ תהום,
נאָר איבערן בריק בלויע האָפענונג העלט.
די בענקשאַפט בעט שטיל, די זאָרג זייט סם,
נאָר שטאַרקער פון אַלץ איז דאָס קליין שטיקל וועלט

וואו איך האָב דיך געלאָזט — אַ נידעריק הויז
אַ זאַמדיק גרוי הויפל פאַר דער שמאָלער טיר.
און פאַרנאַכט, ווען די גייסט אויפן שוועל אַרויס
און די גאָלדענע שעה ליגט אין טרויער פאַר דיר

לויכט מײַן אויג דיר אַריבער פון אַ ווײַטער ערד
אומעטום איבער גאַס און דאַך און בוים.
און דאָס שווייגן אַרום הענגט פאַרטיפט, פאַרקלערט
אין געגנאַד און אין פרידלאַכער ליבשאַפט: אַהיים.

גייסט אַרײַן אין טיר — ביים ברעג פון טיש
זיצט דאָס קינד אַליין און דערעסט זיין שפייז.
און דאָס גרעסערע זיצט אונטער זיך די פיס —
אין דער וועלט פון די מעשהלאַך מיקי־מויז.

און אין צווייטן חדר, פון פאַרהאַנג אַפיר
קוקן אַרויס די בעטן ווייס און פרום און ריין.
און דײַן גוטע ליבשאַפט ליגט פאַרדרימלט ביים טיר
און וואַרט אויף מײַן קומען פון דער וועלט צוגיין.

# און דו . . .

און דו, כדי זיך עפּעס אנזען
און נישט פאַרגיין דאָ ווי דער ווינט,
פּוצסט זיך אין גרויסקייט פון עניוות,
און אין דער תמימות פון אַ קינד.

און שלעפּסט אויף זיך אַרויף די שמאַטעס
פון יעדען בעטלער אויפן וועג.
און הויקערסט זיך אין גרויער אַלטקייט,
און קאַרטשעסט זיך אין רויער שרעק.

און זינגסט די זינד דיינע, די שטראָפן,
די בייטשן אויף דיין פליייש און ביין.
און האָסט ליב זען ווי אין אַ חלום
דיין נאָמען קומען שטום און קליין —

אַ שלעפּער, איינגעשטויבט, פאַרוואַקסן,
גרוי פון אַלטקייט און פון שטויב,
איינגעהאַרביקטע שמאַלע אַקסל,
טוט קוים דעם קאָפּ אַ מידן הויב

און פון אונטער די ברעמען זיינע
די אויגן — פינסטערע און פרעמד,
פון אַלע שוועלן דורכגעטריבן,
פון אַלע נאָענטע פאַרשעמט.

# מלחמה

די געטער זענען אלץ נאך בייז, ברוגז
איינע אויף די אנדערע.
דער גאט פון וואסער — קעגן גאט פון פייער.
דער גאט פון שטאל — אנטקעגן גאט פון וואלדהאלץ.
דער גאט פון מיטוואך — קעגן גאט פון סופוואך.
דעם געהייליקטן און אויסדערווילטן שבת־יובטוב.
דער גאט פון ווארט — אנטקעגן גאט פון חכמה.
דער גאט פון יעקב — קעגן גאט פון עשו.
דער גאט פון נעכטן — קעגן גאט פון מארגן.
דער גאט פון אמת — קעגן גאט פון ליגן.
דער גאט פון ליגן האט צוויי שארפע שפיציקע אקסן־הערנער
און דער גאט פון אמת האט נאך קליינע גרויע הערנערלאך,
שטילע, טרויעריקע הערנערלאך.
און דער גאט פון שיינקייט מיט די הערנער פון א הירש,
שטייט אין א שטילן וואלד צווישן די בוימער, ווי אין חלום,
און וואונדערט זיך איבערן ליכט פון יונגן טאג
און טרינקט די טויאיקייט פון זון מיט זיינע גוטע ברוינע אויגן.
נאר דער גאט פון טויט, דער שווארצער דארער יעגער,
האט פונדערווייטנס אנגעצויגן זיין קופערנעם בויגן,
און צילט הינטער א ברייטן שטאם.
אלע בוימער־שומרים האלטן איין דעם אטעם,
היטן אים — א וואך פון שווייגן.

א מיינע טייערע, מיינע ליבע שטאט־ און דארפס־ברידער,
וואס טוט מען פארט, וואס הויבט מען אן צו טאן
דעם גרויסן ביטערן סיכסוך פון די געטער אפצושטעלן!
ווי פירט מען זיי צונויף כאטש נענטער,
זאלן זיך נאר אנקוקן אין די פנימער.
אפשר וועלן זיי זיך ליב־באקומען?
אפשר וועלן זיי זיך גאר דערקענען,
זיך דערפרייען איינע מיט די אנדערע?

מיר האָבן פולע ספרים חכמה,
מגילות שיינוואָרטער און סגולות,
צוואָהס פון אונזערע גאונים
וואָס האָבן זייער לייב און זעל געקאַנט באַצווינגען
זיך רייך־האַלטן אין שיינעם הייליקן געזעץ.
ניט־שוין־זשע וועלן מיר אינם גרויסן חכמה־פעלד
קיין רמז נישט געפינען פאַר אַ שטיקל שלום
און אָפּשטעלן דאָס בלוטיקע געיעג
פון אונזערע גרויסע און די קליינע געטער,
אין וואַלד, אין שטאָט און דאָרף
און וואו דען נישט?

# קאַרעץ

איך רעד נאָך היינט אַרויס שטיל־פֿרום דעם נאָמען גאָט,
אַ וואָרט וואָס אַלע אין מיין גאַס האָבן שוין פֿאַרגעסן.
און איך געדענק אַ שיינקייט זינגען אין אַן אַלטער שטאָט,
ווי רואיק, וואויל מיין זיידע האָט ביים וואָכעדיקן טיש געגעסן.

דורכן פֿענסטער קוקט אַריין אַ גוטער היימלאַכער בייטאָג
מילדע זון איבערן האַלבן לייווענטענעם טישטוך.
סוף זומער־צייט, דער דורכזיכטיקער זון־ווינט יאָגט
דאָס פֿאַרביק בלעטערוואַרג מיט תהילימדיקער פֿליסטער.

אַט שטייט זי אונזער קליינשטאָט קאָרעץ — אַ מאַרק
און אַ פּאָר שורות קלייטלאַך, אַלט און איינגעהאָרבעט.
און דער בית עולם — אַלטער וואַלד אַרויף־אַ־באַרג,
קיין בוים קיין איינציקער איז אים נאָך ניט געשטאָרבן.

אַ דעמב שטייט ביי דעם אוהל פֿונם קאָריצער, צושפּרייט,
צובלעטערט און צעצווייגט איבערן גאַנצן שטיבל.
כ׳געדענק אים אין אַ לויטערער לבנה־נאַכט, פֿאַרשנייט,
קוקט פֿון דער באַרג־הויך אויף דער שטאָט אַריבער.

זינט יענער נאַכט האָב איך דערזען די וועלט־גרויס — קליין,
ברעקלאַך מענטשעלאַך איבערן טאָגיקן געווימל.
דאָס געזאַנג פֿון שולן אינדערפֿרי, — ווי זיי גייען, גייען
דורך אַלע שמאָלע וועגן פֿון דער ערד צום ליכט פֿון הימל.

איך הער עס איצטער נאָך, דעם גאַנג, ס׳געזאַנג,
נאָך איך אַליין בין מיד געוואָרן און בין אָפּגעשטאַנען.
און אַז אַ ליד קומט אויף אין מיר, איז עס נאָר אַ קלאַנג
אַ ווייטער אָפּקלאַנג עפּעס נישט פֿון דאַנען, נישט פֿונדאַנען.
אַלט־שיינקייטן—זיי ליגן גרויס און ריין אין זייער רייכער ווייט,
אַרום מיין קאָרעץ־וועלט, אין שטילן גוטן טאָל אינמיטן.

און די געשליפֿענע אלול־זון גייט איבער זיי און שניידט
דאָס שענסטע וואָס דער סערפּ האָט ניט געשניטן.

# אין חרובן גאָטהויז

אין חרובן גאָט־הויז איז גאַנצער
און ריינער דאָס בעטן.

אויב מיר זיינען וואַכעדיק, אָרים,
איז ער נאָך אָרימער.
האָט נישט קיין יומטוב.

מיר בעטן נדבות ברויט
דעם דלות צו שטילן.

ווער וועט אונז געבן אַ זילבערל ליכט
פאַרן אומעט פון אומעט.

נישטאָ קיין נדבה פון יומטוב.

אַ דור גייט אַפּ שטרעקעס פון זאמד,
טויבע וועגן פון וואָד
און דער מדבר־שאַקאַל שרייט פון עלנט.

וויפיל יאָר מדבר,
וויפיל יאָר שטויב
ביזן גרעניץ פון יומטוב?

אַ דור ווערט געבאָרן,
אַ דור שלאָפט־איין טויט.
אַ דור גורט־אָן בלאַנק זיין כלי זיין:
די מלכה פון יומטוב
פון איר געפענג צו באַפרייען.

אין חרובן גאָט־הויז איז גאַנצער
און ריינער דאָס בעטן.

# ישוב

שטעלט עמיצער אַ שטיבל אויפֿן גרויסן פֿעלדוועג,
ווען דאָרטן אַ דאָרף זײַן.
שטיבל קומט צו שטיבל.
פֿענסטער קוקט צו פֿענסטער.
ווערן קיל די אָוונטן אין ישוב,
ווײַזט זיך פֿון אַ קוימענדל אַ רויכל,
הייבט אָן רויכערן אַ צווייטער קוימען.
גאָט, זאָלסט געבן שיינקייט אונזער היימישן אומעט.
גאָט, דו זאָלסט אונז היטן
אויפֿן רויטן פֿייערלאַכן שיידוועג
צווישן הערבסט־גאָלד ביזן ווינטער־זילבער
אויפֿן גרויסן וועג.

בייגט זיך איין אַ שטיבל אויפֿן קליינעם ישוב,
נעמט אַ צווייטס זיך בויגן.

בייגן זיך אַ פּאָר שטיבלאַך.
פֿענסטער ווערן אומעטיק איינער קעגן צווייטן.
און אַ פֿלויטל פֿון אַ גאָרטן הייבט זיך אָן צופֿלעכטן.
טרויעריקע בוימער טראַכטן: נעכטן.
נעכטן ערשט איז אונזער ישוב
ניי אַרויסגעוואַקסן.
זומער. גאָרטנס. רעגן.

גאָט, מיר האָבן נישט קיין פֿעלדער,
נאָר אַ שטיקל אָרים־גאָרטן דאָ און דאָרט און דאָרטן.
שיק אונז אויך אַ יונגע מחנה פֿייגל
ווען די קוקורוזן רײַפֿן געלער,
זיסע קערלאַך אויף די ברייטע רויזנטעלער.

גאָט, דערפֿרײַ אונז איידער ס'קומט אָן פֿון די מידע וועגן
דער גרויסער בעטלער — דער הערבסטיקער רעגן.

# פראַגמענט

מיר זיינען רואיקע געגאַנגען פון דיין משפט:
דער לאָמער צו זיין קעלערשטוב צוריק,
דער טויבער צו זיין קלויסטער־טרעפ,
דאָס הויקערל אין נאַרע ביי דער אַלטער באָד —
צו טיילן ווייטער זיינע שאַרשענדיקע בלעטער בעזעמלאָד.
און איך האָב ליב געגומען דעם עול דיינע ענִיים צו באַדינען —
זינגען טרייסטנדיקע שורות ליב און לויב,
און כ'בין דער טאָג־משרת ביי דער אָרימגאַס.
האָב ליב ביז ווייטיק און ביז קינדערש לאַכן
דאָס ליכטיקע געשטאַלט פון בלייכן דאַרן שמש נחמן,
מיט דער לאַנגער שטויביקער קאַפּאָטע איבער אונזער גאַס.
ער גייט דאָ אויף דער ערד אַרום פאַרסודעט
ווי איבער אַ דיך־געוועבטער ציטערדיקער זילבער־בריק
פון קלאַנגען — צו אַן אַנדער וועלט אַריבער.
און אַז ער קערט זיך אום פון י ע נ ע ר וועלט צוריק,
טרעפט ער דאָ פאַרחלומט־דרימלענדיקע שטיבער.
מאַכט ער איבער זיי אַ ברכה:
ברוך אתה, גאָט געבענטשטער און געלויבטער
וואָס דו היטסט די שטיבער וואו עס וואוינען
דיינע צדיקים און אביונים,
הינטער די פאַרגרויטע קרומע פענסטער,
הינטער די פאַרלאַטעטע טירן.
די געצעלטן דיינע,
דיינע יחידישע קליין־ישיבהס
וואו עס לערנען שטיל אין שאָטן
דיינע פשוטע און ערלאַכע ר' עקיבאס.

# ליד

איך קום צום וואָרט און זאָג צו דעם:
איך וועל דיך פירן דורך מיין וועלט
אין ליכט און ליבשאַפט פון בעל שם,
ווי דורך דער פריי פון זון און פעלד.

אַז מיין געמיט איז גוט און ריין,
איז אויך דיין אויג באַרוט און קלאָר,
און כ׳קאָן מיט דיך דורך וועלטן גיין
און קומען צום געווינטשטן אָרט.

דאָס ליכט וואָס דורות האָבן אין מיר
אריינגעטריפט, אריינגעקוועלט,
וועל איך אַריינלויכטן אין דיר
ווי זון אין בלאַט, אין גראָז, אין פעלד.

אַז אַלטע וועלט האָט אין איר פרייד
געקלאַמערט דיך מיט איר קלאַנג און קול,
און ביזט געוואָרן מיין זעטיק ברויט,
מיין וואַסערקוואַל אין זאמדיקן טאָל.

און ווען איך בין פון טויטנאָרט
געגאַנגען וויסט, ביזטו געווען
דער אַלטינקער מיט דער ווייסער באָרד,
וואָס נאָר אַ קינד קאָן אין חלום זען.

ווי שמעקנדיקער פרי־זומער צוויט
האָסטו דיין ריינע טרייסט געבראַכט,
אין יענער פינסטערער מינוט —
בית עולם, וועלט און גרוי־פאַרנאַכט.

# פאַר איטלאַכן

אַ גרעסערער, אַ קלענערער מאַרק,
אַ בלויער צי אַ גאָלדענער קופאָל.
דו לאָז מיך לעבן ביי די פיס פון באַרג
מיט אַלע מיינע פּראָסטע לייט אין טאָל.

ווי קאָן איך אָפּגיין דען פון זיי אַ טראָט,
אַ טרעפּל העכער פון מיין גאַס און שטאַנד.
כ׳מוז דעם פּרימאַרגן הערן קומען אויף זיין שווערן ראָד,
זיין פערד־און־וואָגן שאָטן זען איבער מיין וואַנט.

אַזויווי ס׳אויפגיין פון דער זון ביים מזרח־ברעג,
מוז מיר אַנטקעגנקומען יעדער אינדערפרי
דער שטילער אַנגעגורטער מאַן מיט האַק און זעג,
אַ היימישער און עפּעס ווי ניט־הי.

אַן אַלטבאַקאַנטער און אַ נייער מענטש,
אַן אַלטבאַקאַנטע און אַ נייע וועלט.
ווער ס׳שטייט אויף פרי איז סיוויסיי געבענטשט,
און וואָס ער טוט איז בענטשונג אויף דער וועלט.

ווער ס׳פלאַנצט אַ קערן בוים, און ווער אַ קערן ברויט,
און ווער אַ וואָרט אַ גוטס פון ליכט און טרייסט.
ס׳האָט גאָט דאָ איטלאַכן זיין שליחות אָנפאַרטרויט,
און ווער עס גלויבט, דער לייטערט און דערלייזט.

איז איטלאַך קליינער טאָג אַ גרויס געשען,
און איטלאַך ערלאַך וואָרט — אַ גרויס גענאַד,
וואָס מאַכט פונוויטנס כאָטש די שיינקייט זען
פון דער זיך־בויענדיקער מאָרגנדיקער שטאָט.

און ס׳איז אַ זכות צו פירן זאַמד און ליים,

צו קנעטן ציגל און צו קלייבן שטרוי
פֿאַר אונזער מאַרגנדיקער וואונדערלאכער היים
מיט טיר און טויער אין די וועלטן פריי.

אויב מיר איז כאַטש באַשערט אַ קליינעם קלאַנג
אַריינשמידן אין יענעם ליד, איז גוט און וואויל.
און כ׳טראג אים אויף מיין שווערן ווייטן גאנג
ווי אַ מוראשקע אַ דין שטרוילע אין מויל.

די זון ציגנדט יעדן אינדערפֿרי זיך אַז פֿאַר מיר
כ׳זאַל זען מיין לאנגן וועג וואוהין צו גיין.
און ס׳לייגט די נאַכט זיך ווי אַ קישן פֿאַר מיין טיר
כ׳זאַל אָפּרוען. כ׳בין מיד פון גאנג און קליין.

פון יעדן אָרט פונוואנען איך גיי אַוועק
לאַז איך אַ שמייכל איבער: זייט געגריסט.
ס׳האַט איטלאַכער געלאַזט זיין ליכט דאַ אויפן וועג,
און קיינער איז דאַ נישט געווען אומזיסט.

# דריטער טייל

# שפעט

איך אונזער צייט איז די שפעטע שעה
ווען גאָלד ווערט קופּער־רויט.
דער פֿאַרנאַכט קומט צופֿליען — אַן אַלטע קראָ,
און שטעלט זיך אויפֿן סלופּ פֿון פּלויט.

די בוימער שטייען האַלבנאַקעט שוין,
און דאָס גראָז פֿון גאָרטן איז געל.
אַ פֿרוי איז דער טרויער, קראַנק און שיין,
זיצט אַליין לעבן טיר אויפֿן שוועל.

די שטאָט איז אַ קליינע איבער אַ טאָל,
בערגלאַך גרין שפּיצן דאָ און דאָרט.
און איטלאַך גרוי שטיבל דאָ האָט אַן אַמאָל,
אַ סוד אין אַ פֿאַרשוויגן וואָרט.

דערמאָנונג, דערמאָנונג, איך האָב אַליין
אָט־דאָס אַלטלעבן קינדווייז געלעבט.
מיין דערמאָנונג — אַ טרויעריק זון־פֿאַרגיין,
ווען דער ליכטיקסטער טאָג ווערט געקעפּט.

מחנות פֿייגל פֿליען צום גילאָטין,
שאַרך פֿון בלעטער אין דער הינטערגאַס.
אַ קראַנקער בחור לייענט פֿייערבערגס „וואוהין״,
הינטער די ברעמען — פֿייער און אַש.

אַ וועלט פֿאַרגייט, דער ישוב וויינט,
וויינט און פֿאַרשטיקט זיין געוויין.
איין יעדער לעצטער רגע האָט אַ ליד געשיינט,
ווי אַן איידעלער דימענטשטיין.

כ׳האָב די רגעס געקליבן דאָרט אומעטום,
און איך קלייב זיי נאָך אויך אַצינד.
איין וואָרט זינגט אויף, אַ צווייטס זינקט שטום,
און אַ דריטס בלאָנדזשעט בעטלעריש בלינד.

# צום געהלומטן אינגל

מײַן אָרים פֿאַרלאָרן אינגל
איבער דער וועלט און פֿרעמד,
איך הער דײַן טרויער זינגען
שטאָלץ און העל און פֿאַרשעמט.

דו זינגסט פֿון גרויע יאָרן,
אויך איך בין גרוי, מיד.
בין האַלב אין זיך פֿאַרלאָרן
און האַלב אין דײַן גאָלדן ליד.

האָב האַלב פֿון זיך געגעבן —
מײַן ליבע, מײַן ליכט — צו דיר.
און דאָס איבערבלײַב פֿון מײַן לעבן
שאָטנט בײַם שאָטן פֿון טיר.

איך האָב דיר בריוו געשריבן,
און האַלט זיי פֿאַר זיך אַליין.
די וועלט האָט ימען זיבן,
און זיבן וועגן צו גיין.

און אַלע ימען און וועגן
פֿירן צו דיר, צו דיר.
איך זיץ בײַ די זיבן ברעגן —
בײַם שוועל פֿון מײַן אייגענער טיר.

דער זומער צינדט גריןˑ די גראָזן,
די הערבסט זון צינדט זיי געל.
דער רויער וואַלדווינט טוט צובלאָזן
זײַנע בלעטער איבער דער וועלט.

איך שיק מיט זיי נישט קיין גרוסן,

איך שיק מיט זיי נישט קיין בריוו,
אַלע טעלעגראַפדראָטן — צוריסן,
אַלע ברעגן — אַז אַ שיף.

נאָר ביינאַכט, ווען רעגנס קלינגען
איבער דעכער, פענסטער און טיר,
הער איך דיין ליכטיק זינגען
אַזויווי אַ קרוין אַרום מיר.

די גאַנצע וועלט טוט שלאָפן
און איך אַליין ליג וואַך,
און האַלט די ליפּן אָפן
צום גאָלדקלאַנג איבערן דאַך.

די טראָפּנס פאַלן ווי קושן
איבער מיין ברעם און ליפּ.
און וואַרימער ווערט מיין קישן
און מיט זיסע ריחות — די שטוב.

אינדערפרי וועלן טרויעריק ליגן
אין גאָרטן די גראָזן פאַרגעלט.
און אַ ווייטער נאָענטער ניגון
וועט וויגן די מידע וועלט.

# אַוועקגיין...

כ׳וויל נישט דעם ציגיינער־וואָגן
און נישט דיין גרויסן וועלט־וועג,
נישט דאָס וואַנדערוואַרט פון גאָט איבער די ווילדע
שטאָט־פעלקער
און נישט דעם מאַריאַנעט: בן־דוד.
אויף די שרייענדיקע מאַרקן,
וואו די עולה און די גאוה טומלען נאַקעט
מיט די מיאוסע און די חנעוודיקע גלידער.
ניט טרייסט, ניט טייטש מיין גורל הויך און רייך
מיט די ישבהלאַך פון יבנה, בבל,
און אויך ניט מיט די גאָלדענע תקופהס טרוי־ערלידער,
איך קאָן דאָס פּנים פון דער וועלט
און די געגאַדן אירע — קיינעם שוין ניט מער צו היילן.
לאָמיר אַראָפּוואַגלען פון אָט־דעם גרוילוועג, נביא.
אַז ס׳אויג זאָל מער נישט אָנטרעפן
די נאַקעטע, די פולע ליידיקע לבנה
אַרויסוויסן איבער די געסלאַך פון מגדל.
און נישט באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים
מיט דער שיינער תמימות פון די אייזעלאַך
איבער די אָפּגערוטע ריינע פעלדער.
אַראָפּוואַגלען פון דאַנען, נביא,
אַרונטערגיין אין די שטומע טויטן־טאָלן
וואו מ׳הערט נישט מער די מעשהלאַך פון גאָט און המן
און זייערע זין און טעכטער,
די אויפגעגאַנגענע אויף אַלע הייליקע עליות,
די אויפגעהאַנגענע אויף אַלע הייליקע תליהס.
אויף די בערגלאַך פון גאָלגאָטע,
און אויף די בערגלאַך פון עין־גדי.

# יאוש

פאַרן אינגל אויסשלייפֿן אַ מזל־שטערן,
קרישטאָל און פֿינקלדיקער פֿייער.
און ער וועט אויפֿגיין אין דער וועלט
אַ שטאָלצער און מיט אַ שטאַרקן אָרעם
אַ הערש צו הערשן אויף דער שיינקייט.
דער ביסמאַרק־וואָלף טראָגט אַ לאַנגן שפּיז אויפֿן אַקסל,
דער נאַפּאָליאָן־לייב — אַ גאָלדקינזשאַל אין האַנט.
מיין אינגל וועט דערהויבן ווי אַ פֿאָן מיין וואָרט
אין ישוב פֿון די נידעריקע געצעלטן,
וואו מיינע הענט זענען שוואַך־געפֿאַלן
און טרויעריקער ספֿק האָט מיך צוריקגערופֿן אין ווינקל וואַנט
צום שפּינראָד פֿונם טויבן לאַנגווייל.
אין גאַס האָט מען גערעדט
אַז כ'האָב מיין גאָט צובראָכן רוקנלענד.
אין שונאים־הייזער האָט מען געמורמלט
אַז כ'ריר זיך מער נישט צום געלן ספֿר
פֿון מיינע אַלטע ערלאַכע לערער.
אין אָט דעם בינטל לשון־הרע איז באַר געווען אַ קורטוב אמת.
כ'האָב זיך פֿאַרזעצט אין שטייג פֿון שווייגן.
הייס האָט באַד אין מיר געברענט די אומרו
צום קלענסטן אויגצאַפּל פֿון טאָג און אוונט
אין מיין עלנטן פֿענסטער.
און יעדן טאָג איז מיר אַ יונג ניי ליד געשטאָרבן.

# דערפאר...

פון דער גוית בין איך געקומען, ברידער.
מיט אן אויסגעגעסן לייב,
מיט ביטער־רויך אין מיינע אויגן.
האב איך דערפאר זיך אפגעווינקלט
און ס׳ווארט ליגט שווער מיר אויפן צונג און טונקל.
ווייל ווער בין איך, כ׳זאל אויפדעקן דעם גרויל פון משפט
און אנווייזן אויף יענעם מיטן גרויסן קאפ
און לאנגע הענט און פיס:
אט גייט דער רשע.
ער טראגט אונטערן פאלע א באשוואוירן מעסער.
ער איז מרגל אונזער אומרו הינטער די שלעסער.
און דערצו נאך, ברידער, קאן איך אים, דעם רשע:
זיין פאטער האט געהאט א הייליק פנים,
געמורמלט יעדן אינדערפרי דעם רמבמס עיקרים.
פארטאג, ווען ערד־און־הימל דרימלען נאך געשמאק,
געוויגט זיך איבער די גאלדענע תהילים־לידער, —
אז אזא הערלאכער זאל איבערלאזן אזא טמאן שאטן
הינטער זייגע שטילע ריינע טריט;
אזא מין פינסטערע ירושה אונזער ישוב —
איז אזא אומקלאר שטיקל כישוף, ברידער טייערע. דערפאר
האב איך זיך אזוי אפגעווינקלט
און וואס׳ער ווארט איך בעט א פירוש קלארקייט
שטארט מיר מיט א ליידיק אויג אין פנים.
ביז איך זינדיק אפשר, ווען איך טראכט
אז איך האב פרעמד אין אייער קאנט אראפגעבלאנדזשעט?
בענק — נאר איך געדענק נישט קיין צוריקוועג.
האב זיבן שווערע פרואוון שוין געמאכט
צו לערנען אייער זייער קלארע שפראך,
נאר ס׳קלעפן זיך נישט אירע טעמ׳ען צו מיין מויל
מיט ווארימקייט,
ווי ס׳לשון פון מיינע בלויע היימלענדער.

# אין דערדאַזיקער שעה

אין דערדאַזיקער עלנטער שעה, גרויסער גאָט,
רוק איך ס'היטל אַריבער מיין ברעם —
אַז אָרימער קרעמער, פאַרשטויבט, פאַרמעלט
אין דער הינטערשסטער גאַס פון דער וועלט.
לעב מיט מאָגערע ביסנס פאַרטריקנטן ברויט
און מיט ליב און בענטשונג פאַר דעם.
כ'בין עס אויכעט נישט ווערט.
נישט דיין גאָלדענעם זאַנג פון דער ערד,
נישט דיין גאָלדענעם זאַנג פון דער זון.
און דאָס וואָס דו גיסט מיר
איז איבער און איבערגענוג.
ניט שוין מיין באַקלאָגן זיך,
ווען דער שוואַכער קאַפּריז
וואַרפט מיך בלינד פון די פיס.
דער טרויער פאַרפירט מיך ביינאַכט אין זיין שענק.
דאָרט זיצן די חברה בעטלוירים אויף פינסטערע בענק
און מען כאַפּט מיך אין זייער חברותא אַריין.
גלעזער פינסטערער וויין,
ביז פאַרטאָג.

פאַרטאָג.

אין הויפל פון קרעטשמע ביים שמוציקן סלופּ
שטייט און קראַצט זיך דער אַלטער באָק,
און טשוכעט זיך אויס פון דער נאַכט.

ער כאַפּט פונדערווייטנס אַ קוק אויף מיין פּנים.
און, דאַכט זיך, ער לאַכט.

וואָס לאַכט ער, דער באָק?

איך קלויסטערל, אונטן אין טאָל דאָרטן,
וויגט און צוקלינגט זיך דער גלאָק,
טשוכעט זיך אויך פון דער באָכט.
און, דאַכט זיך, ער לאַכט.

וואָס לאַכט ער, דער גלאָק?

דאָס מסחרל מיינס?
דער צוצויגענער טאָג?

די זעקעלאך מעל?
די פּאַרקאָווע אויפן שוועל?

די קאָץ אונטערן פּעסל
מיט פּיש — גרוי און געל?

פון אַט־די זאַכענישן
און פון מיין קלייט
לאַכן מסתּמא
דידאָזיקע לייט?

לאַכן נישט.
לאַכן יאָ.
סיוועט ווערט איין טאָג
מיטן צווייטן פאַרווישט.
סיוועט ווערט איין נאַכט
מיט דער צווייטער פאַרוויסט.

ס׳וועט מיך דורכנעמען, גאָט, באַלד דיין ווינט דורכן לייב
און אויסטשוכען מיין פאַרזויערט געמיט.
און כ׳וועל נעמען דאָס בוך וואו כ׳פאַרשרייב
די חובעלאַך פון מיינע קונים.
אַזעלכע פאַרקוואַרטע חובעלאַך,
אַזעלכע פאַרטרוקנטע קונים.

אַ קליינער קאַטאַוועס.

מײַן בוך מיט חובֿות,
מײַן חובֿת הלבֿבֿות.

זונטיק,
באַלד ווערט שוין זונטיק.

וועל איך אַראָפּגיין אין דערפֿעלע
צו מײַנע קונים — דערמאָנען, דערמאָנען,
דערמאָנען.

און שטילערהייט בעטן און מאָנען.

בײַ אײנעם אין הויף דאָרט
שטייען צוויי דאַרע האָנען.

בײַם צווייטן — אַ מאָגער קליין חזירל
ליגט לעבן אַלטן טויערל,
און סטריקעט אים אַן אויערל.

בײַם דריטן —
אַ קיעלע מיט אַ ליידיקן אייטער.

טאָ וואָס זאָל איך נאָך קריכן ווייטער?

קערוועט איך זיך אויס מיטן פּנים צו צפֿון.
און אויב כ׳האָב ביז איצט אויפֿן וועג נישט געטראָפֿן
דעם אַלטינקן נביא, איז נאָך אַלץ נישטו קיין סימן
אַז ער וועט מיר נישט מאָרגן אַנטקעגנקומען.

# ...בײַ אונז ... בײַ אונז

פֿאַראַן בײַ אונז אין שטאָט: דאָס הויז פֿון גאָט, דאָס הויז פֿון ליבע און דאָס הויז פֿון משפּט; דאָס הויז פֿון שײנקײט, דאָס הויז פֿון פֿרידן, דאָס הויז פֿון ווידוי, דאָס הויז פֿון שטילקײט און דאָס הויז פֿון לידער; דאָס הויז פֿון חכמה, דאָס הויז פֿון מידות, דאָס הויז פֿון חסד, דאָס הויז פֿון אומעט און אבֿלות און דאָס הויז פֿון אָפּשייד.

אַלע הײַזער האָבן אַנדערע געשטאַלטן,
אַנדערע מינים פֿענסטער, פֿענסטערלאַד, טירן,
אַנדערע קופּאָלן, צלמים, צייכנס,
אַנדערע טאָוול־לוחות,
אַנדערע טרעפּ און שוועלן,
אַנדערע טעסטאַמענטן.

די גאָלדענע קופּאָלן גאָלדיקן,
די רויטע רויטן,
און די בלויע בלויען.

איטלעך הויז שטרעקט אויס איבער איר דאַך
איר זיבנפֿאַרביקע ברייטפֿלאַטערדיקע פֿאָן,
ווען דער אינדערפֿרי פֿון איר יום־טובֿ קומט אָן.

צינדט אָן אירע ווײַסע און געלע ליכט,
זינגט אויף אירע געזאַנגען הויך און העל,
און שפּילט אויף אירע פֿידלצימבלען
די הימנעס צו איר האַר.

די וועגן קרײַצן זיך און קרימען זיך,
דרייען זיך און קײַטלען זיך
פֿון הויז פֿון גאָט,
צום הויז פֿון חסד,

און פון הויז פון חסד
צו דעם הויז פון ווידוי,
ביז צום הויז פון פרייד.
און אַלע לויבן, קלינגען אין די גלעקער
פון גע־רעכ־טי־קייט.

נאָר אונזער שטאָט
איז פול און פול מיט רשעות
מיט אומגליק און
מיט של־ע־כ־ט־י־ק־ייט.

ביי אונז אין מאַרק
שטייט אַ הילצערן בודקעלע
געפאַרבט און אויסגעשטרייפט
אין לאַנגע פאַסן ווייס און שוואַרץ,
שוואַרץ און ווייס.

שטייט דאָרטן דער לאַנגער דראַנג
דער חלפן ר׳ איסקאַר,
מיט זיינע קיילעכדיקע ברייטע שיסלען מינץ —
קליינקופּערל, זילבערל און גילדווינדל.
ר׳ איסקאַר, — דער היטער און באַשיצער
און געזעצן־קריצער
פון די געמאַרקן.

ער איז דאָס דער
וואָס האָט געמאַכט די יאַריאַרידן,
ער גיט רעכט אויף בעטלען,
ער קוקט איבער יעדן אינדערפרי
די טאַרבעלעך פון די בעטלער־לייט,
און ער פּרואווט אויך אויפן שפּיץ־אויעד
די באַנדורעס און די לירעס זייערע,
ר׳ איסקאַר.

און ער בייזט די וואַנצי־שפּיצן,
ער כעסט זיך:

דאָס איז אים צו דיק,
צו איידל דער פינדלשפּיל.
ער פליקט אַראָפּ די זייטיקע סטרונגע:
צו ליריש!
צו רחמנות!

אויף די לאַנגע שמאָלע פּאַליטשקעס
אין שוואַרצווייס בודקעלע
שטייען פּייך־פֿאַרשלייפט
מיט זיידענע טאַשמעלאַך
ווי הזירשע ווײדעלאַך,
די זעקעלאַך פֿאַרדינסט
פֿון לאַנגן מאַרקטאָג.
די זילבערלאַך,
די קופּערלאַך,
די גילדוינדלאַך
פֿון מאַרקטאָג.

און זונטאָג
טאָג פֿון רו,
קלינגען אַלע הייליקע שטיבער
אין די גרויסע גלאָקן,
אין די ברייטע גלאָקן
אין די לאַנגע גלאָקן —
גרויסע, ברייטע און לאַנגע קלאַנגען.
אַלע שלאַנקע פֿענסטער שײַנען
אויסגעשייערט,
אויסגעלייטערט.

אַלע שוועלן אָפּגעוואַשן,
אַלע צלמים אויסגעצוואָגן.

אינווייניק
פֿרומען, הייליקן
און פֿלעמלען
ווייסע און געלע ליכט.

אַלע תהילימס זיינען אָפּן
און ליבן.
אַלע הימנעס זינגען.

אַלע ביבלען טוען דערציילן
וועלט־באַשאַפונג,
ווייב־און מאַן באַשאַפונג,
הונט און רינד באַשאַפונג,
ליכט־באַשאַפונג.

אַלע ביבלען דערציילן:
יציאת נעכטן
יציאת מאָרגן.
און וועגן מלך המשיח
וואָס איז שוין זייער לאַנג אַרויסגעפאָרן
אויף די שטעגן אויף די וועגן
צו אונזערע וואוילע ברעגן.
און געדאַרפט שוין זיין דאָ באַלד, באַלד,
האָט ער מסתּם פאַרבלאָנדזשעט
אין אַ געדיכטן שוואַרצן וואַלד.

און אונזער האַר
ר׳ איסקאַר,
שיקט אין אַלע הייליקהייזער
זיינע שלוחים
מיט נדבהלאַד.

פאַרן נביאלע
פאַרן גלחל.
פאַרן רבעלע,
פאַרן מלאכל.

פאַרן בית עולמל,
און פאַרן הקדשל,
און פאַרן גולמל
וואָס קריכט אויף אַלע פיר

לעבן גאָטס הייליקער טיר.
ער האָט שוין אַ גרויע באָרד,
און קאָן נישט אויסריידן קיין וואָרט,
און קאָן נישט אויסהערן קיין קלאַנג,
און קוקט מיט גרויסע אייער־אויגן
און וואָס ער זעט,
ווייסט קיינער ניט.

און גרויס און גרעסער
צעוואַקסט זיך אונזער מאַרק.
ווערט ברייטער־ברייט.
ווערט שטאַרקער־שטאַרק.
באַקומט אַ געלן קאַרק
און אַ גרויסן בויך
און פולע אויגן מיט פעטער יויך
פאַרהויכט מיט גלייכגילטיקן רויך.

# צו די ברידער

א ברידער, ברידער טייערע,
ביים ברעג לעבן טיש פון דער וועלט,
כ'הויב אויף מיין כוס מיין טרויריקן
און טרינק היינט פאר אייער געזונט.
איר זייט פון די פעלדער אוועקגעגאנגען,
ווען דער קארן איז נאך געווען גרין.
איר זענט פון דעם זומער אראפגעגאנגען,
ווען יונג איז נאך געווען די בין,
און די צווייגן אין גארטן אויפגעקנאספט
מיט קינדערשע אויגלאך צו אייך.
און די אינגלאך האבן געריייניקט די שיפלאך
אין ווינט און אין זון ביים טייך.
און איצט מיינע ברידער טייערע,
זענט איר געקומען פון קריג צוריק,
און איר טראכט פון פארריכטן, פארלאטען
איבערן וועג די צוטריקנטע בריק.
און צוריק פארפלאדיען טויבן
אויפן אבלדיקן טויבנשלאק.
אויך איצטער איז אנהויב ניי־ווינטער,
און די פארנאכטן שמעקן געשמאק.
ביטער נאגט אונטערן הארץ דער אומעט
פון דעם וואס מ'האט איבערגעלעבט.
פון די וויטן און פרעמדן און עלנטן
צוריק זיך צו א היימשוועל דערשלעפט.
וואס עס האט זיך געקאנט פארהיילן,
האט זיך ביסלעכווייז אביסל פארהיילט.
און וואס עס האט זיך געלאזט דערציילן,
ביסלעכווייז און אביסל דערציילט.
און דאס וואס מען מוז פארגעסן,
פארגעסט מען. מען דארף, מען מוז.
אויף די ווידער־פארזייטע בייטן

װעלן די אָרבעס אין די שויטן זײַן זיס.
און די זון װעט װידער טון רויטן
דעם עפּל אויפן צװײַג פונם בוים.
און די קינדער װעלן זיך פרײלאַכער שפּילן —
גאָלדגרעבער ביים באַרג פון ליים.

***

פון גאָר דער װעלט־לייד, בלוט — דער רויער װידערקול,
שלאָגט אַן זיין װײטיק הייליק אויך אין מײַנע ביינער.
נאָר כ'שטיל אים אײַן, באַרואיק אים, װי דער װײַכער טאָל,
װען ס'קלאַפּט דער האָגל אים מיט זײַנע דראַבנע ציינער.
אויף מיר, איך מיר דער סם, די פּײַן, די װאונד
און איבער מיר די שװאַרצסטע בשורות שװעבן.
נאָר כ'בין אַן אויסגעפּראָװוטער, אײַנגעשטילטער הונט,
און װי אַ שטײַן צו אַלע בייז־מזלות אונטערגעגעבן.
איך היט אפשר אַן אויסגעלײַדיקט װיסט און עלנט אָרט,
פאַר מיר איז אין דער װיסטקייט נאָך אַ סך פאַרבליבן.
מיט אַלע טרויער־פײַערן דערװאַרעם איך מײַן װאָרט
דאָס אָרימסטע — װאָס כ'האָב זיך אויסגעקליבן.
און אַרום מיר די אײנזאַמקייט — װערט ברייט, װערט גרויס —
אַ װעלט, אַ װעלט אַ גאַנצע פאַר מיר אײנעם.
און גאָר די גרויסע װעלט אַט־די — אַן אָרים הויז,
אַן אַלטע גאַס אַן באַענטע, אַן אײגענע, אַן שכנים.

# שטאַרקער גלות

אַ גרויסער, שטאַרקער, אַלטער פאַטער גלות,
פאַרשפּרייט אַריבער אונז דיינע קאַפּאַטע־פּאָלעס.
פאַרשטופּ אונז אין די ווינקעלאַך,
פאַרשפּאַר אונז אין די נאַרעס, שפּאַרעס, קעלערס
וואו נאָר מען קאָן נאָך אויפהאַלטן אַן ענגן אָטעם.
מיר זיינען נאָך נישט גרייט צו ווערן ווינט און שוים און שאָטן.
אונזערע ציין זיינען נאָך לעבעדיקער ביין
אונזערע אויגן — זון און פייער,
אונזערע נעזער תאוהדיק
פאַרן געשמאַקן דופט פון שטאָל און שייער.
אונזערע ווייבער וואַקסן
ברייטע היפטן, שמאָלע אַקסל.
פולע לייבער קערנער לעבן,
ווי זומערדיקע רעגנשלאַקסן.
שטאַרק איז אונזער פּחד,
נאָר מעכטיקער די רויטע פרייד
וואָס טשאַטעוועט פון הינטער אַלע טרויערן און לייד;
וואַרט דער צאָרן זאָל זיך איינשטילן,
דאָס בלינדע בייז אַריבער.
מיר וועלן אַרויסקריכן פון אונטער באַלקנס, ווענט און לעכער,
צופאַלן צום ברויט, צום שטויב, צום שמוץ פון די צעוואַלגערטע
שטיבער,
צו דער צעמורשטער שאַנד פון אונזער קרבן
ווי צו אַ צוטראַטענעם גאָלדענעם בעכער,
און אַפּלעקן דאָס בלוט ווי וויין,
ווי ווייַן פון טויזנט שבתן געהייליקט.
און ווידער אויפוויקלען דעם פּאַרמעט־פּינקס
פון אונזער אויפגעצאַרנטן זיידן שייַלאַק,
און דאָרטן צושטעלן אַן אות, אַ וואָרט, אַ פּאָר רמזים,
און ווידער זיך אויף אונזערע קנעכלדיקע קני אַרונטערלאָזן
פאַרן געבליבענעם אַש פון אונזער האָב און גוטס,

פאַר יתר חיות, פאַרן בשאר שמוץ.
זיך איינרויען אין אפּפאַל פונם קיום מיט אַלע נעגל
און אנגעמען דעם ליכטיקן הימל און די טונקעלע ערד ביי די
פיר ברעגן:
היים, וועלט, טייך און בוים און זיבן גורל־וועגן,
וואָרפט אונז נישט אַרויס מער אויפן מיסטיקן דרויסן,
אויפן פוילנדיקן מיאוסן רעגן.
לעק אָפּ, הימל, מיט דיין קילן צונג דיין בלויען
אונזער וואונדיק בלוט.
פיר אונז ערד, דורך אַלע דיינע וויסטע וועגן
קיין מצרים צוריק
קלייבן שטרויען, בויען פּיסום, בויען רעמסס.
מיר'ן יאָכ'ן אונטערן נוגש, שרייען, שטום־ווערן.
מירן שלינגען מדבר, שמאַכטן אין די זאַמדן
נאָר לאָז אונז ווייטער זיך אַרויסמאַכן פון די פאַרסמער
פאַרשטעקן אונזערע זכרים אין באהעלטענישן פאַרן נילוס.
מיט אַלץ, מיט אַלץ אַבי זיך ראַטעווען. מיט באַבסקע תפילות,
מיט כיטרער הייליקער דערלייזונג,
מיט אייביקע צוויי לוחות.
כאַטש אויף אַ האַלב יאָרהונדערט איינשטילן די רויטע יוכעס,
און קאָנען אויפשטעלן אַ שוואַכע שטעל
ביים ברעג פון זייערע גרויסע געמאַרקן.
קלייבן קופּקעס קופּערלאַך הינטער זייערע זאַטע קאַרקן.
מיט ציינער אַפּצאַלן פאַר יעדער טאָג,
פאַר יעדער קאַרגער חיה שעה
און זיך אַרומקוקן אין עלנט־ציטערדיקן גליק:
אברהם? יצחק? יעקב?
ווי וואויל איז אונז, מיר זיינען דאָ נאָך אַלע דאָ,
נאָך אַזאַ פינסטערער שעה.

אַ פאָטער גלות,
שפּרייט אַריבער אונז דיינע קאַפּאָטע פאָלעס.
פאַרשטעל אונז פאַרן רויטן פעכיקן אויג,
פאַרטרייב די רוחות מיט דער סגולה פונם אָפּגעבראָכענעם צווייג
וואָס שטעקט נאָך אין דיין רעכטער האַנט.
דאָס צווייגל פונם הייליקן דאָרנבוים
אויפן וועג פון מדבר צו דעם האָניקדיקן לאַנד.

# הײנט

וואָס פֿאַר־אַ שײנע טעג ס׳וועלן נאָך זײַן דאָ,
ווען איך וועל שוין נישט זײַן.
נו, זאָלן זײ זײַן.

וואָס פֿאַר אַ גרױסע לידער ס׳וועלן וואַקסן, גאָלדיקן,
ווען מײַן קלײן ליד וועט אײַנדרימלען
אונטער זײַן מידן געלן בלאַט.
נו, זאָלן זײ גאָלדיקן.

נאָר הײנט, מײַן לאַם, מײַן לעבן,
וויל איך דיך נאָך אָנטרינקען
מיט וואַסער און מיט זון און לידער
פֿון אַלע אָפֿענע און צוגעמאַכטע ברונעמער.
הײנט וויל איך דיר הײלן מיט מינוטן רו
אַלע דײַנע טרױעריקע רוגזן.
הײנט וויל איך דיר דערצײלן אַלץ
וואָס די לעגענדע ערד פֿאַרמאָגט,
אַלץ וואָס אײן דור האָט פֿאַרזײט, פֿאַרגרײט
פֿאַרן צווײטן דור —
ברױט און זון און פֿרײד.
קײנער האָט דאָ נישט אומזיסט געזײט
און נישט אומזיסט געשניטן
ניט קײן ברױט און נישט קײן ליכט.
און אױך דו נישט, ליד מײַנס, האָנט מײַנע.
דאָס אַלטע וואָרט וועט טױזנט יאָר נאָך חנען זיך
אין ווײַסע בליטן
און אין שווערע פֿולע פּירות ווײַן
אױף זײַן שטאַרקן צווײַג.
און אײביק וועט דײַן בענטשונג זינגען, ליד מײַנס,
ווי נאָר אַ טאָג וועט אָנקומען פֿון מזרח
און אָוועקגײן מיד צום רוענדיקן מערבֿ־ברעג,

וואו נאָר אַז אויג וועט אויפמאַכן זיין ברעם
און זען זיין שטיבל אויפן ברעג פון דער ערד,
און לעבן פלויט די אויסגעדרוטע ברוינע פערד.
די פריע שטילקייט איבער דער יונגער וועלט,
אַ ליד מיינס, בלויער אָטעם, ליכטיק הימלאויג
איבערן דאַך פון אַ דאָרפסגעצעלט.
מיט די קליינע פענסטער צוויי
וואו די הערלאַכע וויטן זינגען דורך גרין און שניי.

⁂

זיי האָבן דאָ אַלע אין דיין וועלט
קוים־קוים אַ קליינעם חלק פאַרמאָגט.
און — ווער האָט געהאַט דעם גאָלדענעם ברעג פעלד
וואו דער שיינער און גוטער טאָג פאַרטאָגט?
צו יענעם ברעג קומט קיינער ניט.
אַפילו דיין אָדלער — פליט און פליט,
און איידער דער לעצטער פונק זון פאַרגליט,
ליגן אַלע פעלדער און ערדן מיד.
אַ רו אויף מיין קליינער נחלה לאַנד
ווי אויפן אָנשפּאַר פון דער אייגענער האַנט.
און זע פונוויטנס דעם בוים אין פלאַם —
כישוף און טרויער, שטילקייט און ים.
ניט ים, ניט כישוף, נאָר דאָרף און טאָל.
און הער זיך איין: אַ הינטיש קול.
אַ רוף פון דער היהס טרויער אין דער וועלט
צווישן טאָג און שאָטן, הימל און פעלד.

# אין אַט דער שטאָט דיינער . . .

דיין עולם איז אַוועק, אַוועק,
דיין קראַנקער דור — געשטאָרבן.
און אין דיין דלותדיקער שטויביקער גאַס
האַלט נאָך אַ מיאוסע אַלטע הור דעם לאָדן אָפן
פאַר די מאַטראָזן פון אַ פרעמדער ווייטער וועלט,
און אַלטע פּראַכטשיף האָט זיך נעכטן דאָ אָפּגעשטעלט
אין אַט דער שטאָט דיינער, וואו ס'לעשט זיך נאָך
דיין לעבן נידעריק ביי דר'ערד, ווי ס'גראָז אין פעלד,
און וואו דיין נאָמען טראָגן נאָך אַרום
אויף זייער טרויעריקער ליפּ — אַ פּאָר לעצטע פריינט;
אין אַט־דער שטאָט וועסטו נאָך אויסשמידן דיין וואָרט —
אַ בשורה־ליד פאַר אַ ווייט־מאָרגנדיקן בלויען טאָג.
דערווייל נעם אָן פאַר ליב דעם מוטנעם קוואַל פון אַנגסט
אין אָפּפאַל פון דער אַראָפּגענידערטער פּני:
ירידה־שטיבער, צובראָכענער אַספאַלטן־טראָטואַר.
אפילו דער קילער גרינגער יונגער שניי
פאַלט דאָ פאַרגרויט ווי טויבקייט, אַש.
אַ טאָג — אַ שוואַרץ־פאַררויכערטער פאַנאַר.
האָסט אָפּגעזונגען דער אַלטהייליקייט איר געזאַנג,
און זי איז, זאַט און מיד, שוין אָפּגעגאַנגען פון דיין שוועל,
און איצט מאַך שלום מיט דער שווערער וואַכעדיקער פרעמד.
קוק אום זיך אויף איר הולך, —
זי איז גאָר נישט אַזאַ פרעמדע דיר.
די גרויסע טונקל־רויטע שטוב מיט זיך־שיילנדיקע ווענט,
און די פאַרשווינען מיט די רויטע נעז און ציטערנדיקע פיס און
הענט,
וואָס שאָטענען זיך דאָנערשטיק פאַרנאַכט אַהער
פאַרטרייבן זייער שווייסיק־ווייטנערדיקן לויז. —
זיי שלאָגן נישט די דאַרע ווייבער זייערע. גלויב עס ניט אויף זיי.
זיי זוכן אין די וואָלוועלע קראָמען פאַרביקע מתנהלאַך
פאַר זייער קליינוואַרג — איין וואָך נאָך דער אַנדערער.

נאָר פֿון די לעבעדיקע הענט און קעשענעס
רינט אויס דער אויסגעפּייניקטער קאַלט־ניכטערער סענט.
איז וויסט פֿון יעדנס שמאַטעדיקן גרויען לבוש,
ווי דער דאָרנבוים — דער בײַנעריקער קערפּער ברענט
אין געלן שוועבל־פֿיבער נאָר אין די אויסגעצויגענע
אויסגעזויגענע הענט
כאַפּט זיך נאָך אויף אַן אָטעם כּח יעדן אינדערפֿרי,
און איטלאַכער גייט צו זײַן ראָד ערגעץ אונטער אַ שווערן דאַך.
און אַט־די גרויסע טונקל־רויטע שטיב מיט די זיך שײַלנדיקע
ווענט
וואו דאָס טמאַ אָרימע נר־תּמיד איבערן אַרײַנגאַנג ברענט, —
די שטוב דידאָזיקע איז זייער הייליק הויז.
פֿאַראַנען דאָרט אַ לאַנגע ביטערע פֿלאַש ווײַן,
גאָטס ציניִשע שמש׳טע מיטן פּעטן גוידער און גאָלדענע צײַן,
שטייט בײַ דעם עמודל־בופעטל מיט דער גלאָז אין האַנט,
און באַדינט די אויסגעמאַרעטע מאַנזבילן
און נעמט בלויז זייער בלאַסן זילבער־מינץ.

אין אַט דער שטאָט דײַנער.

# דו וועסט דאָ בלייבן

דו וועסט שוין צו דיין ווייטער היימוועלט
ניט אומקערן זיך מער קיינמאָל.
איך דיר גייט אויס ווי אין די ווייטן
איר לעצטער זיסטער ווידערקול.
און סופכלסוף וועט ווי פון אַלע
זיך אָפּטאָן אויך פון דיין געמיט
דער שפּעטער שיין פון יענער שיינקייט
וואָס גליט נאָך אין אַ ווינקל ליד,
וועסט אפשר קומען בעטן, בעטלען:
ניו־יאָרק, זיי דו מיר היים און וועלט.
און יעדער שטיין־מויער וועט שטאַרן —
אַ גרויער דאָרנבוים אין פעלד.
אויך דיין געביין — אין שטיין און אייזן,
פאַרקאַוועט אין איר שטאָלענעם גוס.
האָסט זיך אומזיסט ביז איצט געריסן
פון אונטער איר געפּאַנצערטן פוס.

און דאָרט, אויף ווייטע ברעגן ערגעץ
נאָך טרייסלט שווער מיט מעכטיקע הענט
די צייט דאָס שטיבל פון דיין אַלטוועלט
און וואַרפט נישט איין די שוואַכע ווענט.

און נאַכט שרעקט אַלץ די קליינע פענסטער
מיט קרומע פינמער פינסטערניש.
נאָר אינדערפרי איז די זון אַ פרישע
און טאַנצט אין גאָס מיט באָרוויסע פיס.

# דו ליד, דו קינדערשם...

אַוועקגיין פונם ליד — זיך לאָזן
אויף ווייטע ברייטע וועגן גיין ?
ס׳איז ווי אַ קינד אַ קליינס פאַרלאָזן
אינמיטן וועלט און פעלד אַליין.

אַ ווײַלע נאָר, ווי אויפצופלײַסן,
און — באַלד זיך אומגעקערט צוריק,
אונז מיט אַ וואונדערלאכער מעשה
זיך זעצן ביי דער שמאָלער וויג.

שלאָף־איין, שלאָף־איין דו ליד, דו קינדערש,
איך האָב נישט קיין שום בייז געמיינט.
עס ווערן אַלע וועגן בלינדע,
ווען כ׳לאָז אַ־דיר זיך ערגעץ גיין.

איך וועל אינערגעץ נישט דערגרייכן,
און אַלע דערפער — ווייט און פרעמד.
און קאַלטער אָטעם־וויסט פון טייכן
און פעלדער נאַקעט, אַן אַ העמד.

און ווינטן טראָגן טויטעט בשורות
אין זייערע גרויע קאַלטע זעק,
און שפרייטן אַש אויף די ריטלאַך־שורות —
די אומעט־וועלדלאך פונם וועג.

# אינהאַלט

## ערשטער טייל


| | זייט |
|---|---|
| קערנער ליכט | 7 |
| דער משל | 8 |
| די אַרימעליים | 9 |
| דאָס ליד פון גליק | 11 |
| צום ליד | 12 |
| אַרום זיין טיש | 16 |
| פון אומהיימלאַכן | 17 |
| דאָס היינט־דערוויטערטע | 18 |
| בעל שם טוב־בעטלער | 19 |
| לעגענדע: ברויט | 20 |
| מיין ברודער שמאי איילט | 22 |
| איך | 23 |
| די נאָענטסטע | 24 |
| ווער זוכט? | 25 |
| נאָך דער דריטער סעודה | 26 |
| מיט וואָס? | 27 |
| ליד | 28 |
| און איך האָב אַ ליד געשריבן | 30 |
| היט מיך, גאָט | 31 |
| גאָלדליכט | 33 |
| די אויגן | 34 |
| איבערן וואָרט | 36 |
| מיר פאַסט נישט | 37 |
| אַ הספד נאָך אַ לעבעדיקן | 38 |
| שלוחים | 40 |
| זוידויים | 41 |
| וועג אַראָפּ | 43 |
| און דו | 44 |
| נעם לייען מיר | 45 |
| צו | 47 |
| מיט מיין וועלט | 48 |
| בלוי ליכט | 50 |
| נאָענט | 51 |
| די לידער | 52 |
| ווער וועט ליב־האָבן? | 53 |
| אַן חשבון | 54 |
| איך—איבער ניו יאָרק | 55 |
| אַ באַגעגעניש מיט חיים קרולן | 57 |
| אַ בוים און אַ שטיין | 59 |
| היים־דמיון | 61 |
| אין אַ באַרג־הויז | 63 |
| לידער־ליכט | 64 |
| פון טאָגבוך | 65 |
| אין מיר | 66 |
| אינדערנידער | 68 |
| אונטער פאַרנאַכטיקן רויט | 69 |
| אַנדענק | 71 |
| זאָגט ער | 72 |
| אַ טאָן | 74 |
| וואו איז דאָס צלמל | 75 |
| איינגעשטילט | 76 |
| די ווייסע שטיבער | 77 |
| הימן | 78 |
| אַרום־היים | 79 |
| 1940 | 80 |
| באַגיאונג | 81 |
| אַלט־אידיליע | 82 |
| צו זיך | 83 |
| פון בעל שם טוב ביז היינט | 84 |
| דער שטילסטער געגנט | 86 |
| אונזער דאָרפשטאָט | 87 |
| קליינשטאָטישקייט | 88 |
| צוליב מיר, צוליב מיר | 89 |
| אָבל־ברויט | 90 |
| איבער די לעצטע פעלדער | 91 |
| קיינער קומט שוין נישט | 93 |
| צייט־דיאַלאָג | 94 |
| אין דער אייביקער וועלט | 96 |
| מיינע | 97 |
| צו די היינט־מאָרגנדיקע | 98 |
| אַוועקגיין | 101 |
| קלייב־אויף | 102 |
| צושענק דיין וואָרט | 103 |
| די צווייטע זייט היים | 104 |
| אַ קאַפּיטל תהילים אויף א. מ. ווייסבערגן | 105 |
| ניגונים | 106 |
| די אַלט־נייע לבנה | 108 |
| צו | 110 |
| פון אַ נזירס פינקס | 111 |
| ווער געבעט | 112 |
| צו מיין פרוי | 113 |
| אונזער טרויערשטאָט | 114 |
| פון פּראָסקודאָוו | 118 |
| זיי קומען צו מיר | 120 |
| דאָס ציגעלע־ליד | 121 |
| דאָס גראָז איז היינט דיין | 123 |
| שטילער הימן | 124 |
| אַ גרוס צו חיים קרול | 125 |
| צו אייגעם | 128 |

זייט

דרייטאָל האָסטו די וועלט . . 130
דאָס ליד מיטן פאַרנאַכט . . 131
אַ בריעטל אויף אַ זיידנס קבר 132
עדות . . . . . . . . 135
אַ בלאַנדזשענדיקער קלאַנג . 138
אַן אורח . . . . . . . 140
מנוחין . . . . . . . 141
אין שפּינוועבס . . . . . 142
ש־ש־ש... . . . . . . . 144
פון פריער ביז היינט . . . 146
מיר . . . . . . . . 148
אַ ליד פאַר אַן אומעטיקער
צייט . . . . . . . . 149
קאַלטער פאַרנאַכט . . . . 151
דורכזיכטיק דורך זיך . . . 152
אונזער פרידלאַך אַלט־לעבן . 153
בלויער פענסטער . . . . . 155
קאַלינעס ברענען . . . . . 156
אייבער . . . . . . . . 158
שבת־שוויגן . . . . . . 158
דאָס וואָרט זינגט צו מיר . 162
מיר . . . . . . . . 163
דורך זיינע אויגן . . . . 165
לשון עניים . . . . . . 166
מיינע קנעכט . . . . . 169
אַ ליד . . . . . . . . 171
דיין ברויט איז מיין ברויט . 172
באַרג . . . . . . . . 174
תורה ביים שוסטערטישל . . 176
וויפיל איך ווייס . . . . 177
אינדערפריאיקע מיידלאַך . . 179
אַ בוריק . . . . . . . 179
וואַך אין יומטוב לאַנד . . 180
צו . . . . . . . . . 182
צו אַ נאָנטן . . . . . . 183
דער בלינדער טויט . . . . 184
שאָטן . . . . . . . . 186
אין אַזעלכע טעג . . . . 187
וואָרט . . . . . . . . 188
מיר ביידע . . . . . . 189
בית אידיש . . . . . . 190
כ'לאָז אייך איבער . . . 192
וואו לויפסטו, קליין ווייס
ציגעלע . . . . . . . 193
מענטשן און שטיבער . . . 194
די לידער . . . . . . . 195
אויף דער הייליקער וועלט . 196
געבעט . . . . . . . . 197
אַליין . . . . . . . . 199
דוד בערגעלסאָנען געווידמעט 200
דאָ . . . . . . . . . 102
ווינטער . . . . . . . 203
ליד . . . . . . . . . 204
כ'קום אָן . . . . . . . 205

זייט

די שונאים . . . . . . 206
דו קאָנסט . . . . . . . 207
כ'זע פּונווייטנס . . . . 208
אין גרעניץ . . . . . . 209
ברודערל . . . . . . . 210
צו פּ. . . . . . . . . 212
ביי אונז . . . . . . . 214
שורות זייד . . . . . . 215
קלינג אָן דיין גלאָז . . . 216
ברעג אָקטאָבער . . . . . 218
אוקריינער אוזאָר . . . . 219
דאָרן־ליכט . . . . . . 221
בלעטער גאָלד . . . . . 222
יונג־אַלט . . . . . . . 223
די זינדיקע . . . . . . 224
אַ וואָרט פון ליבשאַפט . . 225
דורכפירן . . . . . . . 226
ליבהאָבן . . . . . . . 228
דאָס וואַסערל . . . . . 229
מיר . . . . . . . . 231
ווי מען ווערט אַ בעטלער . 232
קריסטוס . . . . . . . 233
מנורה־ליכט . . . . . . 235


## צווייטער טייל


געחלומט . . . . . . . 245
אַ פשוט וואָרט . . . . . 246
קניענדיק . . . . . . . 247
אַ אינגעלע פון גאַס . . . 248
אַ נעסט . . . . . . . 249
מיין שבת . . . . . . . 251
בעלי תשובה . . . . . . 252
די איינגעהויקערטע חרטה . 253
אין שפּעטן ליכט . . . . 256
מיין וועלט־דאָרף . . . . 257
איבערן ווינטערדיקן ליכט־
וועג . . . . . . . . 263
דאָס ספרל . . . . . . 264
דאָס גרילבל . . . . . . 266
אונזער אַלעמענס יחוס . . 267
אַ שיף . . . . . . . . 268
תחינה . . . . . . . . 270
אַלט־זומער . . . . . . 271
פשוט . . . . . . . . 273
באַדגאַס . . . . . . . 274
לעבן שאָטן . . . . . . 275
מיינס . . . . . . . . 276
מיין ברודער . . . . . . 277
אַ שטימונג אין אַ זילבערנעם
פרי־זומער טאָג . . . . . 278
אייגנס . . . . . . . . 279
מיט זיך . . . . . . . 280
ערלאַך־אָרים . . . . . . 281

זייט

אומקער . . . . . . . . 282
אַ דאַנק דיר, ליד . . . 283
אין דער תהילים־אַליי . . 284
פשוט וואָרט . . . . . . 285
מיט אַ גרינגעם דאַך . . . 286
דעם בעל שם טובס מזמור
שיר לחנוכה . . . . . . 288
אויף אברהם ליעסינס קבר . 293
מיר . . . . . . . . . 295
דרייצנטער גאָרן . . . . 296
מיין נאָענטסטע . . . . . 298
כ׳וויל דיך באַפרייען גאָט . 299
אידיש . . . . . . . . 301
פון טאָגבוך . . . . . . 303
אַלטע וועלט . . . . . 305
צום בעל שם טוב . . . . 306
אַזאַ פאַרנאַכט . . . . . 308
ניגון־תיקון . . . . . . 309
אַ קוימענקערער . . . . 310
1940—1937 . . . . . . 311
די קרוין פון ליוב . . . 313
וואונטשן . . . . . . . 314
פערציק יאָר מיטוואָך . . . 315
פון די בעל שם רע לידער . 317
חורבן . . . . . . . . 320
הינטער אַ בעקער־קעלער . . 324
אַלצאיינס . . . . . . . 326
פון די פאַרוואונדערטע טעג . 327
נאָך זיין לויה . . . . . 329
חוב און שרעק . . . . . 330
קידוש־העולם. . . . . . 331
אַ ליד צו א. מ. פוקס . . . 333
שניי־נאַכט . . . . . . . 335

זייט

דאָס שטילסטע שטיבל . . . 336
צו די טייערע פון די קליינע
שטעט . . . . . . . . 337
פון קאַרעץ . . . . . . 339
הערבסט . . . . . . . . 342
ווי דורכן חלום . . . . . 344
עלם, אינגל פון אַלטמאַדיע . 345
פאַרן אַוועקגיין . . . . 346
און דו . . . . . . . . 347
מלחמה . . . . . . . . 348
קאָרעץ . . . . . . . . 350
אין חורבן גאַטהויז . . . . 351
ישוב . . . . . . . . . 352
פראַגמענט . . . . . . . 253
ליד . . . . . . . . . 254
פאַר איטלאַכן . . . . . . 255


## דריטער טייל

שפעט . . . . . . . . . 358
צום געחלומטן אינגל . . . 359
אַוועקגיין . . . . . . . 361
יאוש . . . . . . . . . 362
דערפאַר . . . . . . . . 363
אין דערדאַזיקער שעה . . . 364
ביי אונז... ביי אונז . . . 367
צו די ברידער . . . . . . 372
שטאַרקער גלות . . . . . 374
היינט . . . . . . . . . 376
אין אַט דער שטאָט דיינער . 378
דו ליד, דו קינדערשס . . . 380
קיינמאָל מער . . . . . . 381
פשוטקייט . . . . . . . 382